STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02296

GELAYTERTE

Sz Kornblum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה קארנבלום

געלייטערטע

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

ווארשע 1926

MADE in POLAND

GELAJTERTE
Sz. Kornbluma

Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, Leszno 27

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Pawia 10.

געלייטערטע

דיר מנוחה׳לע געווידמעט

דיר מנוחה׳לע געווידמעט

ערשטער טייל

ראָזנצווייג האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט אַרום דעם סקווער און זיך נישט געקענט באַשליסן וווהין צו גיין. שוין אַ צייט, ווי ער האָט זיך צוליב די געשעפטן דערווייטערט פון זיינע פריינט און באַקאַנטע, צו קיינעם נישט געגאַנגען און מיט קיינעם זיך נישט געטראָפן, און דאָ גראָד האָט זיך אַ ביסל פרייע צייט געמאַכט, און עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט דעם אָוונט ערגעץ אין געזעלשאַפט פאַרברענגען.

די טעג ווערן אַלץ קלענער און די נעכט – לענגערע. ריקן זיך אָן שטילע און פאַרבענקטע, אָפּטמאָל טרויעריקע, און ראָזנצווייגן ווילט זיך ערגעץ אין אַ היימלעכער שטוב צווישן פריילעכער געזעלשאַפט זיין. ער ווייסט אָבער נישט וווּ, בײַ וועלכן באַקאַנטן ער קען עס געפינען. עס קומען אים אַקעגן צוויי אַלטע באַקאַנטע. זיי האָבן געפירט אַ לעבהאַפט געשפּרעך, און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך שטאַרק ערגעץ געאײַלט. אַן אַנדערט מאָל וואָלט ראָזנצווייג געוויס זיי קוים באַגריסט און אַדורכגעלאָזט, נאָר אַצינד האָט ער זיי מיט פרייד אָפּגעשטעלט.

— וווהין איז דאָס אַזאַ יאָגעניש? — האָט ער זיי פריינטלעך די הענט געדריקט.

— אָט, גוט וואָס מיר האָבן דיך געטראָפן, ראָזנצווייג — האָבן זיי אים אונטערן אָרעם גענומען — וועסט צונויף קומען, און אין איין וועגס וועסטו גוט פאַרברענגען דעם אָוונט.

— אָבער פאַרט, ווו ווילט איר מיך פאַרשלעפּן? — האָט זיך ראַזנצווייג לייכט געווערט.

— נישט דיין עסק וווהין. אַז מען זאָגט קום, ווייסט מען וואָס מען רעדט — האָבן זיי אים, ווי באַפוילן — אויף אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ראַזנצווייג האָט, אַ צופרידענער, זיך געלאָזט איבעררעדן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיי אים אַריינגעפירט אין אַ פרעמדער שטוב.

באַלד אויף זייער אַריינקומען, איז זיי מיט פרייד אַקעגנגעלאָפן אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, פון מיטעלער וווקס, אַ שלאַנקע און באַוועגלעכע, מיט העל-בלויע אויגן, וואָס האָבן האַלב געשמייכלט און האַלב געוווּנקען. ווען ראַזנצווייג האָט זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט, האָט ער אירע בליקן נישט אויסגעהאַלטן און מיט פאַרלעגנהייט אָן אַ זייט בעקוקט, ווי ער וואָלט זיך גאָר דאָרט מיט עמעצן באַגריסט...

דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע פון הויז.

באַלד האָט זי זיי מיט דער זעלבער פרייד אַריינגעפירט אין צווייטן צימער, ווו אַרום דעם טיש זיינען עטלעכע יונגעלייט געזעסן און, שיילנדיק גרויסע ווינטער-עפּל, געפירט אַ רוישיק געשפּרעך. באַ זייער אַריינקומען, האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער און באַגריסנדיק זיך, האָבן זיי הויך גערופן צו דער פרוי מיט די בלויע אויגן:

— שרהלע, דאָס תהלימל!

— אַ שאָד אַ מינוט!

שרהלע, ווי אַלע האָבן זי פאַמיליאַריש גערופן, איז אויף אַ ווײַלע פאַרשווונדן אין ערשטן צימער און באַלד צוריק אַריינגעקומען,

האַלטנדיק צוויי פּעשלעך קאָרטן אין ביידע הענט פאַרלייגט אויף הינטן.

— ווער מאַכט מיט מיר שותּפות? — האָט זי, הויך לאַכנדיק, געפרעגט די חברה בחורים, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט.

— איך! איך! — האָבן אַלע מיט איין קול גערופן און זיך געריסן צו איר.

— ניין! ניין! — האָט שרהלע אָפּגעשטופּט פון דערווייטנס נאָך, ווען עס האָט זיך ווער געוואָלט דערנענטערן צו איר. מיט אייך פאַרשפּיל איך!.. אָט, מיט אייך וועל איך שותּפות מאַכן — האָט זי זיך געווענדט צו ראָזנצווייגן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן באַם טיש, ווי פאַרגעסן פון אַלע, און זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע מיט אַ פאַרוויערטער מינע...

ראָזנצווייג האָט איינגעשטימט, און אַלע האָבן, פאַרוווּנדערטע פון דעם אומגעריכטן סוף, אַרום דעם טיש זיך צעזעצט.

— אַ טערטל-מערטל! — האָט שרהלע פאָרגעלייגט, און אַלע האָבן צוגעשטימט.

מען האָט אויסגעוואָרפן ווער עס זאָל האַלטן די באַנק, און זי איז געפאַלן אויף שטיינען, אַ פעסט-געבויטער יונג מיט אַ שאַרפער, לאַנגער נאָז און מיט אַ פּאָר קליינע שמייכלענדיקע אייגעלעך.

דאָס שפּילן איז אַוועק רוישיק. און מער פאַר אַלץ האָט זיך געהערט שרהלעס קול. באַ יעדן מאָל אויסוואַרפן די באַנק, האָט זי זיך מיט ראָזנצווייגן געאַמפּערט, אויף וועלכער קאָרט צו שטעלן, און ס'איז נישט געווען דאָס מאָל, ווען זי זאָל איינשטימען מיט אים...

— שטעלט אויף דאַמע שעל! — האָט ראָזנצווייג זיך געבעטן — זעט ווי ענלעך זי איז צו אייך...

— ניין, ניין! קיין דאַמע האָב איך נישט ליב — האָט שרהלע נישט איינגעשטימט.

און ווען עס האָט יעדעס מאָל צוגעטראָפן די קאָרט, וואָס ראָזנצווייג האָט געגעבן, האָט שרהלע געלאַכט.

— שוין! שוין! איך וועל אייך שוין פאָלגן, איך וועל אייך אַלץ פאָלגן... נאָר נאָך דאָס מאָל און מער נישט...

ראָזנצווייג האָט איר יעדעס מאָל נאָכגעגעבן, און עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס וואָלט איר דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פאַר־שאַפט...

דאָס שפּילן האָט זיך ביז שפּעט אין אָוונט פאַרצויגן, און ווען אַלע האָבן זיך גענומען גרייטן צום גיין, האָט זיך שרהלע באַ דער טיר געשטעלט און דריקנדיק יעדן די האַנט, מיט אַ שמיי־כעלע געבעטן, נישט פאַרגעסן מאָרגן אַ ביסל פריער אַרויפצו־קומען.

ווען ראָזנצווייג האָט איר, דער לעצטער, געדריקט די האַנט, האָט זי אים אויף זיין „אַ גוטע נאַכט" געענטפערט בלויז מיט „אַ גוט יאָר", נאָר ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ, האָט ער פון דער אָפענער טיר שרהלעס זאָרגלאָז און לאַכנדיק קול דערהערט — קומט אַ ביסל אַרויף, פאַניע ראָזנצווייג!..

פון יענעם פרייליכן אָוונט זיינען אַוועק עטלעכע טעג. ראָזנצווייג האָט זיך צוריק אין זיינע געשעפטן פאַרפּלאָנטערט, נאָר שרהלע מיט אירע בלויע לאַכעדיקע אויגן, מיט איר הויז, זיינען אים פון די געדאַנקען נישט אַרויס...

אַ מאָדנע געפיל האָט אים באַהערשט צום הויז און צו די מענטשן, וועלכע ער האָט דאָרט דערקענט. אַ געפיל, ווי צו עפּעס נישט ליבס און אָפּשטויסנדיקס... דאָך האָט עס אים די גאַנצע צייט אַהין געצויגן... עס האָט אים געצויגן, ווי צו אַ לייכטער

אָנגענומער עבירה... פאַר די אויגן איז אים שרהלע געשטאַנען, ווי זי שפּרונגט פלינק אַרויף אויפן טיש צוזרעכטמאַכן דעם שלעכט־ברענעדיקן גאַז, און אין די אויערן קלינגט אים איר גייצנדיק, קלינגענדיק געלעכטערל, ווען זי רעדט צו ווענען. דאָס אַלץ זעט בא אים אויס נישט אַרטיק, אָבער דאָך צוציִענדיק... עס האָט אים געצויגן די לייכטע, אָנגעמע און פרייליכע באַנעמונג, וואָס האָט אין יענעם הויז געהערשט. דאָס אַליין זיך שיילן די עפּל, דאָס בעטן טיי פון יעדן, ווען עס האָט זיך נאָר געגלוסט, און דאָס פאַמיליאַרישע רופן: שרהלע!..

דורך דער צייט האָט ער זיך שוין וויפל מאָל באַשטימט אַרויפצוגיין. יעדעס מאָל אָבער, ווען ער איז שוין געווען גרייט, האָט זיך אים אין דער לעצטער מינוט עפּעס אַ בייטיק געשעפט אונטערגעריקט: און ער האָט דאָס אַרויפגיין געמוזט אָפּלייגן אויף אַן אַנדערט מאָל.

און היינט האָט ער זיך שוין באַשלאָסן, אַז וואָס פאַר אַ וויכטיקס עס זאָל אים נישט אונטערקומען, וועט ער עס דורכלאָזן...

ווען עס איז געוואָרן נאַכט, האָט ער מיט אומגעדולט גע־שפּרייזט צו יענעם הויז, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט אַזוי דעם געדאַנק פאַרנומען.

געעפנט די טיר האָט אים טאַקע שרהלע אַליין, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויף אירע ליפּן שוועבט בייך אַלץ יענץ פרייליכע שמייכעלע, וואָס באַם ערשטן מאָל זען...

— אַ, פּאַניע ראָזנצווייג! וואָס זעט מען אייך עפּעס נישט? — האָט זי אים באַגריסט, ווי אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן.

ראָזנצווייג האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען געווען, און אויך אַצינד האָט ער זיך קוים אָפּגעריסן. שרהלע האָט אים אַריינגעפירט אין זעלבן צימער, ווו

ער האָט דעם ערשטן אָוונט פאַרבראַכט. דאָרט האָבן זיך געפונען כמעט די זעלבע חברה בחורים, וואָס אין יענעם אָוונט, און, ווי געוויינטלעך, הויך גערוישט.

אין מיטן צימער, אין אַ פּאָזע, ווי צום באָקסן, מיט צוזאַמענ־געדריקטע פויסטלעך, זיינען געשטאַנען אָנגעשטרענגטע איינס קעגן צווייטן צוויי קינדער: לעאָנעק, אַ הויך־געוויקסיק שלאַנק ייִנגל פון אַ יאָר צען, מיט אַ ברוין סימפּאַטיש לענגלעך געזיכט און באַוועג־לעכע בלויע אייגעלעך און זיין שוועסטערל בעלאַ, ייִנגער מיט אַ יאָר פון אים, מיט פולע פוכיקע בעקעלעך און אַ פּאָר טונקעלע גרויסע אויגן, וועלכע האָבן אַפּגעגלאַנצט פון אונטער אירע שוואַרצע, לאַנגע ברעמען. ביידע קינדער האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן איינס פון צווייטן און געשפּרונגען אַנטקעגן זיך, קלאַפּנ־דיק זיך איבער די הענטלעך.

שרהלע האָט זיך וויינענדיק געבעטן:

— לעאָנעקל, טייער קינד! בעלעניו! גייט לייגט אייך שוין אַ מאָל שלאָפן, עס איז דאָך שוין גענוג שפּעט, און מאָרגן דאַרפט איר דאָך אויפשטיין פרי אין שולע אַריין.

אָבער די קינדער האָבן זיך נישט געמאַכט פון דער מוטערס רייד און מיט אַ שטאַרק געלעכטער ווייטער געשפּרונגען איינס אַנטקעגן צווייטן.

שרהלע האָט זיך געוואָרפן צווישן די קינדער, אָבער זיי האָבן די מוטער אַרומגעכאַפּט פון ביידע זייטן און גענומען מיט איר טאַנצן... שרהלע האָט הויך און הערצלעך מיט די קינדער מיטגעלאַכט און זיי געשלעפּט אין דערבייִיקן צימער אַריין. די קינדער האָבן זיך מיט די פיסלעך אָן דער שוועל פאַרהאַלטן, און די מוטער האָט זיך לאַנג מיט זיי געריסן, ביז זי איז מיט זיי אין צווייטן צימער פאַרשוונדן.

— געלויבט צו גאָט שוין זייער פּטור געוואָרן! — איז שרהלע פון קינדער־צימער אין א צייט אַרום אַריינגעקומען — נישט אויסצוהאַלטן פון די צוויי שדים! אַזוי יעדע נאַכט קומט עס מיר אָן מיט שוויס איידער איך שלעף זיי איין... — און עס דאַכט זיך, אַז נישט דאָס רעדט אַ מוטער, וואָס האָט אירע קינדער איינגעשלעפּט, נאָר דאָס האָט זי זיך מיט זיי מיטגעשפּילט... און אַצינד איז זי אַריינגעקומען ווידער מיט דער חברה בחורים זיך שפּילן, אַרומרעגירן און פּילדערן...

— נו, וואָס עפּעס אַזוי שטיל? — האָט זי זיך געווענדט צו דער חברה, וואָס זיינען אַרום דעם טיש געזעסן און גערעדט ווי זי וואָלט נישט געקענט ליידן קיין רו, און נישט קריגנדיק קיין ענטפער, האָט זי, ווי געוויינט.

— קומט ווער מיט מיר אין אילוזיאָן אַריין.

חברה האָבן פּראָטעסטירט:

— איין נאַכט נאָך דער צווייטער אין אילוזיאָן? עס איז א ווייבעריש עסק!

— בעסער אַן אַקעלע! — האָט ווער פאַרגעלייגט.

פּלוצלינג האָט זיך שרהלע מיט אַ פרייד־געשריי אַ ריס געטאָן. אין צימער איז אַריין אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצען. אין דער ערשטער מינוט איז זי געבליבן שטיין אויף איר אָרט און געוואָרפן אַ צעמישטן בליק אויף די אומבאַקאַנטע, אָבער באַלד האָט זי זיך אין שרהלעס אויסגעשפּרייטע אָרעמס געוואָרפן.

— האָסט גוט געטון, חנהלע, וואָס ביסט געקומען אומגעריכט — האָט שרהלע זיך געפרייט, קושנדיק דאָס מיידל, און געהאָלפן איר אויסטון דאָס מאַנטל — איך האָב שוין געבענקט נאָך דיר. — און נישט לאָזנדיק זי קומען צו זיך, האָט זי זי צום טיש צוגעשלעפּט.

— איך שטעל פאַר מיין שוועסטערן־טאָכטער!..

באַ חנהלען האָט דאָס בלוט אין פּנים אַריין א שלאָג גע־טון, און זי האָט אומבאַהאָלפן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. אַלע האָבן זי נייגעריק אָנגעקוקט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ברוין שול־קליידל, מיט לאַנגע שמאָלע אַרבל. פון די געפּאַסטע מייַנקעטלעך האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קינדיש־דראָבנע הענטלעך מיט דינע לענגלעכע פינגער.

איר האַלב־רונדיק טונקל געזיכט האָט נאַיוו און פאַרלעגן אַפּערגעשמייכלט פון אונטער די געדיכטע ברוינע האָר, וועלכע זיינען איר פאַרקעמט געווען אין אַ געדיכטן לאַנגען צאָפּ. און איר אויסטערשט, אַ ביסל אַראָפּהענגענדיק קליין ליפּעלע האָט לייכט גע־ציטערט, ווי באַ אַ קינד, וואָס איז שטאַרק אין פאַרלעגנהייט און אָט־אָט וועט עס זיך צעוויינען...

נאָר באַלד האָט זי זיך באַהערשט און אָנגעשטעלט אויף אַלע אירע גרויסע קאַרשן אויגן, וועלכע האָבן גוטמוטיק גע־שמייכלט.

זי האָט זיך לייכט פאַרנייגט און איז אַריין מיט שרהלען צו די קינדער אין צווייטן צימער.

חברה האָבן דערוויל דאָ פאַרווילט. ערשט ווען עס איז געוואָרן שפּעט און מען האָט זיך שוין געגרייט צו גיין, איז שרהלע מיט איר קוזינע אַריינגעקומען און, ווי איר שטייגער, באַ דער טיר זיך געשטעלט מיט איר פריילעך געלעכטערל...

אויך דאָס מאָל איז ראָזנצווייגן אויסגעקומען דעם לעצטן אַרויסצוגיין, און ווען ער האָט איר געדריקט די האַנט, האָט זי אים, שטילער ווי געוויינטלעך, געזאָגט:

— קומט אַ ביסל אָפטער, פּאַניע ראָזנצווייג! מעג זיין אין מיטן טאָג, איר וועט מיך אַלע מאָל טרעפן אין שטוב. — און

ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך איר לעבעדיק שמייכעלע ווי פאַרקרימט און די ברעמען האָבן לייכט געציטערט...

שרהלע מיט חנהלען זיינען געשטאַנען און באַקוקט דעם אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס און קאַרטעס, זיי אַנדערש איבערגעשטעלט און דערביי זיך שטאַרק אַמוזירט. באַם צוזאַמענשטעלן די פאַרלען.

— זעסט, חנהלע, לעבן דיר שטעל איך אַט דעם אַלטן מיט דער גראָבער רויטער נאָז — האָט שרהלע זיך געהאַלטן באַ די זייטן...

— און באַ דער מומעשי דעם לאַנגען דראַנק! — האָט חנהלע צוגעפּאַסט.

אין ערשטן צימער איז ראָזנצווייג געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט צום הערצלעכן געלעכטער פון דער מומע מיט איר קוזינע.

— קומט אַ ביסל ווייטער! — האָט שרהלע, באַמערקנדיק אים, געררופן מיט טרערן אין די אויגן פון לאַכן.

— זעט ווי מיר קענען גוט צוזאַמענפּאָרן.

— קען איך שוין בעסער! — האָט ראָזנצווייג געענטפערט — אַרויסנעמענדיק פון בוזעם זיין פאָטאָגראַפיע און זי צוגעשטעלט צו חנהלעס...

חנהלע איז רויט געוואָרן איבער די אויערן און עפּעס געעפנט דאָס קליינע מויל — געעפנט און צוריק פאַרמאַכט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס ענטפערן און נישט געפונען עפּעס פאַסיקס...

שרהלע האָט באַמערקט איר פאַרלעגנהייט, און זי האָט זיך אָנגערופן.

— איר ווייסט, פאַניע ראָזנצווייג, שטיין מיט גרינבערגן זיינען שוין היינט דאָ געוועזן און מיר האָבן זיך באַשטעלט היינט צו גיין אין קינאָ. איר וועט דאָך אויך גיין, אמת!

— שוין ווידער אין קינאָ, — האָט ראָזנצווייג אָפּגעווענדט

— שוין גלייכער אין דער אָפּערע! — חנהלע איז ווייטער געשטאַנען באַם אַלבאָם שטאַרק פאַרנומען, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס מען רעדט, פּלוצלינג האָט זי זיך אויסגעדרייט צו שרהלען.

— יאָ, מומעשי, היינט שפּילט „קאַרמען", און איך האָב דאָס אַזוי ליב צו זען. איך האָב שוין „קאַרמען" דריי מאָל געזען און מיר דאַכט זיך, אַז עס וואָלט מיר קיינמאָל נישט מיאוס געוואָרן צו זיצן און קוקן דערויף, ווען עס ווערט געשפּילט.

— נו, גוט! — האָט שרהלע איינגעשטימט — קומט אַרויף פרי — מיר וועלן שוין באַזאָרגן בילעטן.

ווען ראָזנצווייג איז אַרויס, האָט זיך שרהלע גענומען צו חנהלען.

— וואָס זאָגסטו, חנהלע, צו דעם ראָזנצווייגן?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט זיך חנהלע געוויטלט — אַ מענטש ווי אַלע מענטשן...

— זעסט — האָט שרהלע מיט אַ ביסל אַן ערנסטערן טאָן געזאָגט — דער מענטש קומט דאָך ערשט אַ קורצע צייט אַרויף, פונדעסטוועגן איז ער מיר נעענטער ווי אַלע אַנדערע... — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן: — און איך האָב אים גינ־סטיק אויך... אין זיין באַנעמונג און רעדן ליגט אַזאַ הערצלעכקייט, אַז מען מוז אים ליב קריגן...

חנהלע האָט אַ צו לענגערע ווײַלע געשוויגן, און די מומע האָט זי באַ די קליינע אַקסלען אָנגענומען און לייכט געשאָקלט.

— נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרגאַפיעט?..

— איך קלער, מומעשי, וואָס מען טוט היינט אָן אין דער אָפּערע צו גיין...

צו דער באַשטימטער צייט, ווען ראָזנצווייג איז אַרויפגע־קומען, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן שטיינען מיט גרינבערגן.

דער לעצטער, אַ הויכער, מיט רויטע האָר און מיט אַ גאָרנישט זאָגנדיק פּנים, איז געשטאַנען מיט חנהלען באַם פענסטער און איר מיט באַגייסטערונג דערציילט וועגן אַ פּלאַן צו בויען אַ באַן־ליניע פון באַגדאַד ביז כינאַ... ער האָט לאַנג דערפון גערעדט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען דורכגענומען מיט דעם גראַנדיעזן פּלאַן, און חנהלע האָט אים אויסגעהערט, איבערשטעלנדיק זיך יעדע פּאָר מינוט פון איין פיס אויפן צווייטן...

שרהלע האָט זיך באַוויזן פון צווייטן צימער אָנגעטון, שוין גרייט צום גיין.

— אָ, איר זענט שוין אויך דאָ! — האָט זי זיך געווענדט צו ראָזנצווייגן — טאָ וואָס האָבן מיר נאָך צו וואַרטן?

— מיר מוזן וואַרטן ביז גרינבבערג וועט ענדיקן בויען די ליניע מצרים-האָנאָלולו — האָט שטיין זיך געוויצלט און האָט זיך צעלאַכט.

גרינבבערג האָט זיך פאַרדראָסיק אָפּגעקערט, און אַלע זיינען אַרויס פון שטוב.

אין טעאַטער האָט זיך גרינבבערג געזעצט לעבן חנהלען און שרהלע צווישן שטיינען און ראָזנצווייגן.

בשעתן שפּילן האָט גרינבבערג געענדיקט חנהלען דערציילן דעם פּלאַן פון בויען די ליניע באַגדאַד-כינאַ, און חנהלע האָט, בישט אַראָפּגעמענדיק די אויגן פון דער סצענע, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

צווישן ערשטן און צווייטן אַקט, ווען אַלע זיינען אַרויס צום בופעט, האָט שרהלע דערציילט, אַז איר קוזינע פאָרט שוין מאָרגן אַהיים.

— אַזוי שנעל? — האָט זיך ראָזנצווייג געוווּנדערט, און ווענדנדיק זיך צו חנהלען, האָט ער זי געפרעגט: — ווילט איר

זיך דען שלעכט אין ווארשע, וואס איר אַנטלויפט שוין פון אונדז?

— איך וויל מיך אויסגעצייכנט — האָט חנהלע אויפריכטיק געזאָגט — נאָר איך מוז שוין זיין אינדערהיים.

— אַן אמתער שאָד. — האָט ראָזנצווייג באַדויערט — אָבער אַ קליין בריוועלע פון אייך — מעג מען האָפן, וואָס, ביין, פריילין פיליענפעלד?

— לאָז זי אָפּ! — האָט זיך שטיין גראָב אַריינגעמישט — איר קאָפּ איז זיך היינט צו לערנען און נישט צו שרייבן ליבעס־בריוועלעך...

חנהלע האָט זיך פאַרשעמט און גאָרנישט געענטפערט. עס האָט זיך געהערט אַ קלינג און אַלע זיינען צוריק אַריין צו דער פאָרשטעלונג. נאָר די גאַנצע צייט פון שפּילן האָט ראָזנצווייג געטראַכט פון שטיינס גראָבן אַריינמישן זיך און פאַרוואָס חנהלע האָט נישט געפונען פאַר נייטיק דווקא אים צוצוזאָגן צו שרייבן..

אויפן וועג אַהיים האָט ער זי בלויז נאָר געפרעגט אין וועלכער שעה זי פאָרט מאָרגן!..

— איינס מיטאָג — האָט זי גלייכגילטיק געענטפערט.

באַם געזעגנען זיך האָבן שטיין מיט גרינבערגן צוגעזאָגט אַרויפצוקומען, איידער זי פאָרט. נאָר ראָזנצווייג האָט זיך בלויז מיט אַ גוטע נאַכט באַנוגנט און באַ זיך באַשלאָסן נישט אַרויפצוקומען...

ווען ראָזנצווייג איז אַרויפגעקומען אויפן דריטן טאָג, האָט אים שרהלע איבערגעגעבן אַ קליין בריוועלע פון חנהלען.

אין אַ ווינקל, האַרט לעבן דער וואַנט, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיטן טלית איבערן קאָפּ געהילט און שאָקלענדיק זיך, הויך אויפן קול געדאַוונט, איבערזאָגנדיק יעדעס וואָרט צוויי, דריי מאָל, און יעדעס מאָל שטאַרקער דריקענדיק די ווערטער:

— ברוך שם כבוד מלכותו!..

— ברוך שם כבוד מלכותו!..

— ברוך שם כבוד מלכותו!..

— מאַטע — האָט זיך שרהלע געבעטן — קענסט דאָך דאַוונען אַ ביסל שטילער...

ראָזנצווייג האָט דערווייל איבערגעלייענט דאָס בריוועלע.

גערטער הער ראָזנצווייג!

עס וווּנדערט מיך זייער, וואָס איר האָט נישט געפו-נען פאַר נייטיק אַרויפצוקומען זיך געזעגענען. איך וויל אָבער האָפן, אַז בלויז אַן אויסערגעוויינטלעכער צופאַל האָט אייך דערפון אָפּגעהאַלטן. איך פאָר ערשט היינט און נישט ווי איך האָב אייך געזאָגט אויף נעכטן. איך גיי אַצינד צו דער באַן און איך לאָז אייך מיין „זייט-גע-זונט"... מיין אַדרעס איז: מ. גראָסגליק אין אָ, פאַר ליליענפעלד.

ציכן זיך מיט גרוס. ח. ליליענפעלד.

פּ. ס.: איך מאַך מיר שוין אַ פּלאַן צום דערהאַלטן אַ בריוו פון אייך און איר האָט עס אַפילו נישט אין זינען...

ד. ז.

ווען ראָזנצווייג האָט, אַ צופרידענער, עטלעכע מאָל איבער-געקוקט די עטלעכע שורות, האָט אים שרהלע נאָכפאָרשנדיק נאָכ-געקוקט. אין אירע אויגן האָט זיך עפּעס אָנגעצינדן...

II.

ווען חנהלע איז אַהיימגעקומען אין קליינעם שטעטעלע צו איר זיידן אין הויז אַריין, איז שוין געווען פאַרנאַכט. זי איז גע-ווען מיד פון וועג, וואָס זי האָט געמוזט פאָרן אויף אַקס פון דער

באַן ביזן שטעטל, אָבער שלאָפן האָט זי נישט געקענט. אַן אַנדערש מאָל, ווען זי קומט פון וואַרשע, איז דאָס ערשטע, לויפט זי זיך זען מיט די חברטעס, אָדער שיקט זיי רופן צו זיך. דאָס מאָל, אָבער, האָט זי נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע געטון. פאַרקערט: זי האָט זיך נאָך באַמיט, אַז זיי זאָלן נישט געוווירן, אַז זי איז געקומען.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר עפּעס איז איר טרויעריק אויפן האַרץ געווען און דער קאָפּ האָט זיך איר געמישט. זי האָט געוואָלט זיין אַצינד אַליין, קיינעם נישט זען און מיט קיינעם נישט רעדן.

זי האָט געעפנט דאָס פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען איבער אַ שמאָל גרין וואַסערל, זיך אויפן פענסטער־ברעט געזעצט און ווייט זיך פאַרקוקט.

דער הימל איז געווען טונקל און שווער. דיביימער פון קעגנ־איבערדיקן גערטל האָבן נידריק אַראָפּגעלאָזט די נאַקעטע צווייגן, ווי זיי וואָלטן אין אַ טיפן שלאָף געוואַרט אויפן קומענדיקן זומער.

חנהלע האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, ווי זי וואָלט דאָס אַצינד דאָס ערשטע מאָל דערזען.

אַלץ האָט איר אויסגעזען פרעמד און שרעקנדיק. מאָדנע שלעכטע געדאַנקען זיינען איר געקראָכן אין קאָפּ אַריין. זי האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים אין שטוב אַריין און זיך איינגעקוקט אין יעדן ווינקעלע: אויף די אַלט־מאָדישע שענק קעגניבער, אויף די נידריקע הילצערנע בעטן פון ביידע זייטן. אויך דאָס אַלץ האָט איר אויסגעזען פרעמד.

ווען איז דאָס אַלץ? און וואָס טוט זי דאָ? קיין עלטערן האָט זי נישט, זי געדענקט זיי אַפילו נישט, ווייל ווען זיי זיינען געשטאָרבן איז זי קוים אַ יאָר אַלט געווען.

אַזוי איז זי בײַ איר זיידן דערצויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן ווי אַן אייגן קינד. ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָט זי דאָס אַלץ אַרום: די שטוב, די זאַכן, יעדע קלייניקייט דאָ באַטראַכט, ווי עס וואָלט איר אייגנס געווען, צוגעווױנט בלויז צו די קאַלטע, טרוקענע בליקן פון איר אַלטן זיידן און צו דעם שטענדיקן שאָטן, וואָס איז איבער דער שטוב אויסגעשפּרייט געווען. נאָר שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זיך ווי אַ קאַלטקייט איבער דער שטוב אַריבערצויגן, און זי האָט שוין דערפילט עפּעס אַ פרעמד־קייט צו אַלעם.

און אַצינד איז איר אַלץ אַזוי ווייט! זי אַליין איז זיך נישט פאַרשטענדלעך... און אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך איר גע־פּלאָנטערט ביז זי האָט זיך געלייגט און אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס איז זי אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ בלאַסע און צעטראָגענע, נאָר זי האָט זיך באַמיט עס נישט אַרויסצווייזן. קיי־נער אין שטוב האָט נישט באַמערקט און זיך נישט געפרעגט וואָס עס איז איר, און דאָס האָט זי גערייצט, איבערצייגנדיק זי אַלץ מער, אַז דאָס אַלץ דאָ איז איר פרעמד...

ווען זי איז שפּעטער געגאַנגען זיך זען מיט די חברטעס, האָט זי אויף דער גאַס, טרעפנדיק דעם פּאָסט-טרעגער, אים אָפּ־געשטעלט און זיך נאָכגעפרעגט, צי ער האָט נישט אַמאָל אַ בריוו פאַר איר? און ווען זי האָט געקרוגן אַן ענטפער, אַז נישט, האָט זי זיך אַליין פאַרשעמט: — פון וועמען קען זי עס דען אַ בריוו שוין היינט דערוואַרטן?..

אויפן פערטן טאָג פון איר קומען האָט זי אַ בריוו דער־האַלטן.

באַלד ווי זי האָט דעם פּאָסט-טרעגער נאָך פון ווייטנס גע־זען, האָט זי אויף זיכער געוווּסט, אַז ער האָט פאַר איר אַ בריוו.

זי האָט דעם בריוו נאָך פון דערווייטנס געפילט... נאָר זי איז נישט צוגעגאַנגען מער פרעגן און זיך נאָך געמאַכט אַוועקגיין...

און ווען דער פּאָסט-טרעגער האָט זי צוריקגערופן און דעם בריוו דערלאַנגט, האָט זי אים גלייכגילטיק אין דער האַנט אריין גענו-מען און לאַנגזאַם אים פון אַלע זייטן באַטראַכט, זיך גוט איינגע-קוקט אין דער פרעמדער האַנטשריפט פון אַדרעס און אָפּזונדער אויף דער צווייטער זייט און זיך גלייכגילטיק ווייטער געגאַנגען.

געעפנט דעם קאָנווערט האָט זי ערשט פאַרנאַכט. פאַרוואָס זי האָט עס אַ גאַנצן טאָג נישט געטון האָט זי אַליין נישט געוווּסט. נאָר יעדעס מאָל, וואָס עם האָט זי אָנגענומען אַ באַגער דעם בריוו צו לייענען, האָט זי אים מיט גוואַלט פאַרטריבן...

אינווייניק איז געווען אַ שיין באַשריבן בייגעלע פּאַפּיר און אַ קליין פאָטאָגראַפיעלע, אויף וועלכן עס איז פון דער צווייטער זייט געווען אָנגעשריבן:

— צום אָנדענק פון מיין קורצער, אָבער אָנגענעמער באַקאַנטשאַפט מיט דער קליינער ליבער חנהלען — שענק איך איר מיין בילד, פאַרזיכערנדיק זי, אַז איך וועל אַלע מאָל וועגן איר געדענקען מיט וואַרימער בענקשאַפט.

ש. ראָזנצווייג.

חנהלע האָט דעם אויפשריפט איבערגעליינט און אַ וואַרי-מער שטראָם איז איר דורכן לייב אַדורך. נאָכדעם האָט זי דעם בריוו איבערגעליינט.

זייער געערטע פרייליין ליליענפעלד;

אייערע ווערטער האָב איך מיט גרויס פאַרגעניגן געליינט. איך בין גליקלעך פון דעם באַוווּסטזיין, אַז איר האָט מיין נישט אַרויפקומען זיך געזעגענען מיט אייך נישט אויסגעטייטשט צום שלעכטן. אָבער נאָך מער מיט

דעם, וואָס, ווי איך זע, איז אױ־דזער קאָרעספּאָנדענץ געזיכערט... שרייבט טאַקע, ווי עס לעבט זיך אייך אין דעם קליינעם שטעטעלע, נאָך דעם רוישיקן און קאָכעדיקן וואַרשע.

ווי פאַרברענגט איר? און מיט וועמען? שרייבט אַלץ. מעג זיין די קלענסטע קלייניקייטן, ווייל אַלץ וועט מיר זיין אינטערעסאַנט. און אַצינד בין איך זיכער, אַז איר וועט עס נישט אָננעמען פאַר שלעכט, ווען איך וועל אייך בעטן, אָנצונעמען — אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר אייך — מיין בילדל, וואָס איך שיק אייך דאָ מיט.

זייענדיק זיכער, אַז איר וועט זיין אויף אַזוי ווייט העפלעך און מיר קיין ענטפער נישט שולדיק בלייבן, צייכן איך מיט אַכטונגספולן גרוס.

אייער איבערגעגעבענער ש. ראָזנצווייג.

ווען זי האָט שוין דעם בריוו אויף איבערגעליינט, האָט זי אים צוזאמען מיט דער פאָטאָגראַפיע צוריק אין קאָנווערט אַריינגערוקט און צו זיך אין שיפלאָד אַריינגעוואָרפן.

זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט עפּעס באַזיגט... און אַצינד, ווען זי איז שוין געווען רויק, האָט איר באַנק געטון, וואָס זי האָט ראָזנצווייגן דאָס בריוועלע אין וואַרשע איבערגעלאָזט...

אַלע זיינען שוין הינטער דער טיר געוועזן, נאָר ראָזנצווייג האָט זיך נאָך געוואַקלט.

— בלייבט נאָך אַ ביסל! — האָט אים שרהלע צוגערעדט — עס איז דאָך נאָך אַזוי פרי! און איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איר קענט נאָך אַצינד נישט גיין שלאָפן. בלייבט נאָך, פאַניע ראָזנצווייג!

— נו, גוט! — איז ראָזנצווייג באַשטאַנען — אָבער עס איז דאָך דאָ אַזוי קאַלט, און מען קען דאָך דעם פּאַלטאָ נישט אויסטון.

— אָט, וועט איר באַלד עפּעס זען! — איז שרהלע, פריילעך אונטערשפּרונגענדיק, ערגעץ פארשוווּנדן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קיישל קוילן. זי האָט פלינק אין אויוון אַ פייער אָנגעלייגט, און אין אייניקע מינוטן אַרום, האָט אַ פריילעך פייער קנאַקעדיק עברענט און די שטוב געוואַרעמט.

און אַצינד, אָט אַזוי! — האָט שרהלע, זיך אָפּווישנדיק די הענט, צוויי שטולן צום אויוון צוגערוקט.

ווען ראָזנצווייג האָט זיך געכאַפּט אַהיימגיין איז שוין גוט שפּעט געווען, נאָר ביידע זיינען ערשט צופרידן געווען. זיי האָבן זיך אַצינד געפילט ווי צוויי גאָר נאָענטע מענטשן. אַצינד האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן דערקענט און אַנטפּלעקט. אַלץ האָט ער איר דערציילט. פון זיין לעבן ביז אַצינד, די אינטימע מעשיות, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, זיינע געפילן און סימפּאַטיעס. און אויך זי האָט אים איר לעבנס-געשיכטע איבערגעגעבן.

אָט דער, וואָס איז פאַר צוועלף פון גאַס געקומען און איז באַלד אַריין אין צווייטן צימער שלאָפן, זיי איבערלאָזנדיק אַליין. דער איז איר מאַן. דער זעלבער, וועלכער האָט דאַמאָלס באַטאָג הויך געדאַוונט... און ווען זי האָט דאָס אים געזאָגט, האָט זי געשמייכלט, נאָר פון אירע אויגן האָט אַ טרויער אַרויסגעקוקט...

— שוין צוועלף יאָר זינט מיין חתונה — האָט זי געשמייכלט.

ראָזנצווייג האָט דעם קאָפּ געבויגן: ער האָט מיטאַמאָל דער פילט רעספּעקט און מיטלייד צו שרהלען. ערשט אַצינד האָט ער

פאַרשטאַנען איר יאָגן די צייט מיט פרייִלעכקייט און איר ציִען צו זיך מענטשן. ער איז אַצינד גרייט געווען פאַלן צו אירע פיס און בעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט העגן איר שלעכט געקלערט...

— יאָ, — האָט זי אים די געדאַנקען איבערגעריסן — מיין פאָטער האָט אַזוי געוואָלט און עס האָט נישט געהאָלפן מיין וויינען און קעגנשטעלן זיך.

— צומאָרגנס זאָלסטו דיך גטן מיט אים, און היינט צו דער חופה מוזסטו גיין — האָט ער מיר באַפוילן אין חופה־טאָג... און איך בין געגאַנגען — האָט זי ווייטער געשמייכלט — שוין צוועלף יאָר, ווי דער צומאָרגנס דויערט. און מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט שוין אַזוי מיין גאַנץ לעבן דויערן..

ראָזנצווייג האָט דערפילט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער מיטן פלייצע.

— נישט געזאָרגט, פאַניע ראָזנצווייג! — האָט זי זיך געוויצלט — מען דאַרף נאָר בעטן אויף יאָרן, קיין צרות וועלן נישט פעלן!.. און ווידער איז זי געשטאַנען פאַר אים, לאַכנדיק אין שטיפנדיק — בלויז צוצוגיין און זי צודריקן צו זיך... נאָר אין איר לאַכן האָבן זיך נאָך די טרערן געהערט...

ווען ראָזנצווייג האָט זיך געזעגנט איז שוין אין שטוב ליכטיק געווען.

אין אָוונט, ווען ראָזנצווייג איז ווידער אַרויפגעקומען, האָט ער דאָרט חנהלען געטראָפן. ער איז איבעראַשט געוואָרן און זיך זייער געפריידט מיט איר.

— ווי גוט איר האָט אַריינגעטראָפן, חנהלע, מיט אייער קומען היינט — האָט צו איר ראָזנצווייג, אַן אויפגעלייגטער, געזאָגט —

מיר גרייטן זיך צו אויף מאָרגן צו גיין הערן דעם פאָלקס־לידער־קאָנצערט — און איר האָט דאָך ליב די פאָלקס־לידלעך

עס פריידט מיך זייער — האָט חנהלע צופרידן געענטפערט — איך האָב שוין לאַנג געהאָפט צו פאַרברענגען אַזאַ אָוונט. — און ווי זי וואָלט דערפילט, אַז זי האָט ראָזנצווייגן צו פול פרייד אַרויסגעוויזן, האָט זי זיך צו שרהלען געווענדט:

— אמת, מומעשי? מיר גייען מאָרגן אויפן קאָנצערט?

שרהלע האָט דערפילט, אַז חנהלעס אויפלעבונג געהערט ראָזנצווייגן.

— וואָס רעדסטו עפּעס? — האָט זי, ווי איר שטייגער איז, געלאַכט — נישט מיר גייען, נאָר מיר פאָרן...

מאָרגן אין אָוונט האָבן פאַר שרהלעס וווינונג צווי שליטנס געוואַרט. אין ערשטן איז שרהלע אַריין. ראָזנצווייג האָט געוואַרט אויף חנהלען, וואָס האָט זיך אין טויער אַ ווײַלע אויפגעהאַלטן, כּדי זי לעבן זיך און שרהלען צו זעצן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז חנהלע אַרויס און גלייך אַריין אין צווייטן שליטן, אין וועלכן עס זייבען שוין געזעסן גרינבערג מיט זיינס אַ שוועסטער.

ראָזנצווייג האָט זיך, אַ געקרענקטער, לעבן שרהלן אַוועק־געזעצט...

די נאַכט איז געווען זייער אַ שיינע. דער הימל ריין, לויטער, די לופט, אַ שאַרפע, האָט דאָס פּנים געשטייפט.

די שליטנס האָבן זיך פריילעך איבערן פאַרהאַרטעוועטן שניי געגליטשט, און די גלעקלעך האָבן צום טאַקט פון דעם קלאַפּ פון די פערדס קאָפּיטעס צוגעקלינגען.

ראָזנצווייג האָט מיט שרהלען געפּלוידערט, נאָר פאַר די אויגן איז אים דעם גאַנצן וועג געשטאַנען, ווי חנהלע שפּרונגט אַריין

אין צווייטן שליטן, זעצט זיך לעבן גרינבערגן, און יענער צעלייגט פֿאַר איר זיין פּלאַן פֿון בויען די באַן־ליניע...

ער האָט נישט געזען, נישט דעם פֿינקלענדיקן שניי, וואָס האָט איבערן גאַנצן וועג, צוגעוווּנקן און נישט ווי דער שליטן האָט זיך פֿאַרן טעאַטער געשטעלט. שרהלע האָט זיך אויפֿגעשטעלט און מיט אַ שמייכעלע אויף ראָזנצווייגן געקוקט. דאָס שמייכעלע האָט גערעדט: ס׳לוינט זיך נאָך נישט אַזוי צעטראָגן צו זיין, פֿאַניע ראָזנצווייג... ראָזנצווייג האָט זיך געכאַפּט און, אַ פֿאַרשעמטער, שנעל זיך אויפֿגעהויבן און שרהלען געהאָלפֿן אויסשטייגן.

דער וועג אַהיים צוריק פֿון קאָנצערט איז אַוועק אַ פֿריילעכער. חנהלע האָט אויפֿגעכאַפּט עטלעכע בייע פֿאָלקס־לידלעך און זיי באַלד נאָכגעזונגען, און אַלע האָבן שטיל אונטערגעהאָלפֿן. פֿאַרן זאַקסישן פּלאַץ, לעבן דער רוסישער צערקווע, האָט מען זיך גענומען וואַרפֿן מיט שניי. ראָזנצווייג האָט געקרוגן אַ קויל פֿון הינטן אין קאַרק. ער קוקט זיך אַרום: חנהלע בייגט זיך אין דרייען פֿאַר געלעכטער, און שאָקלט פֿאַר קעלט די געפֿרוירענע, דינע הענטלעך.

— נישט אייך האָב איך געוואָלט טרעפֿן, פֿאַניע ראָזנצווייג! אויפֿן וואָרט, ווי נישט אייך — האָט זי זיך געבעטן און זיך גרייט צום אַנטלויפֿן.

ראָזנצווייג האָט זי גענומען יאָגן... נאָך אַ שפּרייז — און ער האָט זי.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט זי נאָך פֿון ווייטנס געשריגן און ווייטער געלאָפֿן, זיך איבער אַ בערגל שניי פֿאַרטשעפּעט און געפֿאַלן. ראָזנצווייג איבער איר...

— איר זגראַבנער מענטש! אַלץ איבער אייך! — האָט חנהלע געשריגן, זיך שנעל אויפֿגעהויבן און ווייטער געוואָלט אַנטלויפֿן,

נאָר ראָזנצווייג האָט זי אַרומגעכאַפּט, און אין די ליפּן איר געוואָלט אַ קוש געבן, זי האָט זיך פלינק ארויסגעדרייט פון אונטער זיינע הענט, און ער האָט קוים מיט די ליפּן איר נעזל באַרירט...

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָבן זיי מער צווישן זיך נישט גערעדט, און באַם געזעגנען, זיך אין די אויגן אַריין נישט געקוקט...

דעם צווייטן טאָג איז ראָזנצווייג אַרויפגעקומען, און אויף חנהלעס פּנים גאָרנישט דערקענט. נאָר וואָס זי האָט אויסגעמיטן מיט אים באַזונדער צו שטיין... זי האָט אים פאָרגעשטעלט אירע צוויי באַקאַנטע פון שטעטל: קראָזע, אַ יינגערמאַן פון א יאָר עטלעכע צוואַנציק אַ סימפּאַטיש, עטוואָס געלבלעך פּנים, מיט שאַרפע בולטע געזיכטס-צוגן. די לאַנגע האָר זיינען באַ אים געווען גלאַט אַרויפגעפרעסט, און די אויגן האָבן גוטמוטיק בשעתן רעדן געקוקט. ער האָט זיך געהאַלטן עלעגאַנט אין שוואַרצן זשאַקעט. און ביין, די זעלבע יאָרן, וואָס דער ערשטער, מיט אַ בלאַס מיידלעריש פּנים און לעבעדיקע באַוועגונגען.

ראָזנצווייג האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט קראָזען, און איז באַלד מיט אים באַנט געוואָרן.

קראָזע האָט געהאַלטן, אז יעדער מענטש דאַרף האָבן אַ רעליגיע... דערביי זיין מיינונג באַגרינדעט מיט פאַקטן, געברענגט ציטאַטן פון אַ סך דענקער און פילאָזאָפן, און זיך געוווּנדערט, וואָס ראָזנצווייג געהערט נישט צו קיין שום פּאַרטיי.

— וואָס הייסט עס עפּעס? אַ מענטש, וואָס פילט און דענקט זאָל נישט האָבן קיין פּראָגראַם?..

אין פאַרלויף פון וויטערן געשפּרעך איז ראָזנצווייג אויך בעוווּיר געוואָרן, אַז קראָזע מיט זיין חבר ביין וווינען צוזאַמען, פירן שתּפות, לשם פּרנסה, אַן אַנשטאַלט צו פאָטאָגראַפירן די שיקסעס פון די דערפער אַרום דעם שטעטל... אָבער אין אמתן זעינען זיי ביידע גאָר קונסט-מאַלער.

— א גליקלעכער מענטש איר זענט — האָט ראָזנצווייג צו קראָזען גערעדט — ווי בין איך אייך מקנא! צו וווינען אין אַזאַ ליב, קליין שטעטעלע, און ווען עס באַפאַלט אייך די מוזע, לאָזט איר זיך אויפן פרייען פעלד און כאַפּט אויף דער לייוואַנט אַרויף ביימער און וואָלקנס...

— לאַכט נאָר נישט — האָט קראָזע פּראָטעסטירט.

— ווען איר וועט אונדז אַמאָל באַזוכן, וועט איר זען ווי איר וועט פון יעדן ווינקעלע בײַ אונדז באַגייסטערט ווערן.

ראָזנצווייג האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— אַלזאָ, פאַרבעט מיך אויף פרילינג צו אייך.

— מיטן שענסטן, גרעסטן פאַרגעניגן! איר זענט מיין גאַסט — האָט קראָזע צופרידן געענטפערט.

עמעצער האָט פאָרגעלייגט ערגעץ צו גיין, און מען האָט זיך גענומען גרייטן. — ראָזנצווייג האָט שוין געקלערט פון דעם ליבן, זיסן פרילינג, ווען ער וועט זיך קענען לאָזן אין יענעם ליבן שטעטל אַריין...

חנהלע האָט אַ צייט אין וואַרשע געוווילט. נישט די מומע האָט זי געפרעגט, ווען זי פאָרט אַהיים, און נישט זי אַליין האָט דערפון געקענט קלערן. די טעג זיינען אַוועק גוטע, און די אָוונטן האָבן זיך פריילעכע און רוישיקע געצויגן. וויפל מאָל זי האָט שוין באַשטימט בײַ זיך צו פאָרן, זי האָט אָבער אָן דער אָפגעשטימטער צייט, ווי פאַרגעסן...

איינמאָל, ווען זי איז מיט שרהלען אַליין אין שטוב אויף דער אָטאָמאַנקע געזעסן, האָט זי די מומע, ווי פאַרבייגייענדיק, אַ פרעג געטון:

— נו, חנהלע, ווילסט דיך עפּעס גוט אין וואַרשע?

חנהלע האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס פרעגט מיך עפּעס די מומעשי?

די מומע האָט זי בײַ דער גאָמבע אָנגענומען און מיט אַ שמייכעלע ווייטער געפרעגט.

— אַ גאַנץ פײַנער יונגערמאַן, ראָזנצווייג! וואָס, ניין?

— לאָז שוין די מומעשי אויפהערן אַמאָל מיט דעם ראָזנצווייגן — האָט זיך חנהלע, רויט ווערנדיק, געערגערט. — איך ווייס נישט וואָס ער איז מיר מער ווי די אַלע אַנדערע...

שרהלע האָט איר גלײַך אין די אויגן אַרײַן געקוקט.

— אָבער קוק מיך נאָר גלײַך אָן, חנהלע — האָט זי געלאַכט.

— מיך וועסטו דאָך נישט נאַרן... אַ וווילער יונגערמאַן, וואָס, ניין?

— נו, אַ וווילער, ווער זאָגט דען אַז נישט — איז חנהלע שוין אַרויס פון גלײַכגעוויכט. אָבער די מומע האָט נישט נאָכגעלאָזט.

— דו ווייסט, חנהלע? — ראָזנצווייג האָט דיך ליב!

חנהלע האָט זיך האַסטיק פון אָרט אויפגעכאַפּט און שרהלע האָט איר נאָכגערעדט: — ער שטאַרבט דאָך נאָך דײַנע טריט...

חנהלע האָט זיך געכאַפּט פאָרען בײַ דער שאַנק.

— וואָס זוכסטו? — האָט די מומע, נאָך אַלץ לאַכנדיק, געפרעגט.

— איך פאָר אַהיים! — האָט חנהלע, ווי געוויינט.

— נאַריש קינד וואָס דו ביסט — האָט זי שרהלע בײַ די הענט צוגעהאַלטן — וואָס האָב איך עס דיר אַזוינס געזאָגט? ראָזנ-

צווייג האָט דיך ליב? טאָ איז וואָס? הלוואי וואָלט ער מיך ליב געהאַט!..

מיט גרויס מי איז שרהלען געלונגען זי איינצונעמען, זי זאָל נישט אַנטלויפן. מער האָט איר די מומע שוין פון דעם נישט איבער־גערעדט, נאָר אין אָוונט האָט זי דער מומען דערקלערט, אַז זי פאָרט שוין מאָרגן אַהיים. שרהלע האָט, נישט אומצופרידן, איינגעשטימט.

— וועלן מיר היינט אָוונט פאַרברענגען אינדערהיים און מאַכן אַ געזעגנונגס־שפּיל.

ווען חברה זיינען זיך שפּעטער צוזאַמענגעקומען, האָט מען באַשטימט צו שפּילן אין פאַנטן. דורך אַ גורל האָט מען עמעצן אויפן טראָן געזעצט, און יעדער האָט זיין מיינונג וועגן אים צו־געשיקט. פון די אַלע צוגעשיקטע מיינונגען האָט זיך יענער איינעם אויסגעקליבן; און דער, וואָס האָט די מיינונג געגעבן, האָט זיך אויף יענעמס אָרט געמוזט זעצן, געבנדיק אַ פאַנט.

ווען עס האָבן זיך שוין גענוג פאַנטן געהאַט אָנגעזאַמלט, האָט מען אָנגעהויבן ארויסגעבן שטראָפן, אַלס אויסלייז־געלט פאַר די פאַנטן. ראָזנצווייג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ריכטער. שרהלע האָט גענומען אַ פאַנט אין דער האַנט אריין און געפרעגט:

— וואָס זאָל טון דער, צו וועמען דער פאַנט געהערט?

ראָזנצווייג האָט געפסקנט:

— דער, צו וועמען דער פאַנט געהערט, זאָל זיך שטעלן אויף אַ שטול און וואַרטן ביז עס וועט אים ווער אַראָפּנעמען.

עס איז געווען חנהלעס פאַנט, און די האָט זיך באַלד אויף דער שטול געשטעלט. שרהלע האָט אַ צווייטן פאַנט אין דער האַנט אריין גענומען.

– וואָס זאָל טון דער, צו וועמען דער פאַנט געהערט?

ראָזנצווייגן איז, ווי וואַרעם געוואָרן: וועמענס פאַנט וועט

דאָס זיין, וואָס יענער וועט עס חנהלען אויף די הענט נעמען?

— דער, צו וועמען דער פּאַנט געהערט, זאָל זיך שטעלן אויף אַלע פיר, ווי אַ שטיגעלע פאַר דער שטול, אויף וועלכער חנהלע שטייט, און חנהלע זאָל איבער אים אַראָפּגיין.

עס איז געווען גרינבערגס פּאַנט און ער האָט זיך באַלד מיט פרייד פאַר חנהלעס פיס אויף אַלע פיר געשטעלט. חנהלע איז, לייכט אַרויפטרעטנדיק אויף אים, אַראָפּגעשפּרונגען.

די איבעריקע פּאַנטן האָט ראָזנצווייג שוין אָן געדולד אויסגערופן. ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף גרינבערגן, וואָס חנהלע האָט אויף אים מיט אירע קליינע, דינע פיסלעך געטרעטן...

III.

עס איז אַוועק אַ שטיק צייט, זינט חנהלע איז אַהיימגעפאָרן. איבער דער צייט האָט זיך ראָזנצווייג קאָרעספּאָנדירט מיט איר, אָבער חנהלעס ענטפערן זיינען אַלע מאָל געקומען שטאַרק פאַרשפּעטיקטע און שיטער געשריבענע... און וויפל ער האָט זיך אַלץ נישט באַמיט אַרויסצוקריגן אַ וואָרט פון איר, וואָס זאָל אים קלאָר מאַכן, ווי אַזוי איר באַציִונג איז צו אים, איז עס אים נישט געלונגען. ער האָט שוין שטאַרק געפילט, אַז ער ליבט חנהלען, און דאָס, וואָס אַזא קליין באַשעפעניש, ווי ער האָט אַלע מאָל חנהלען אָנגערופן, שפּילט זיך מיט אים, האָט אים שטאַרק געקרענקט...

— אים, דעם, וואָס האָט שוין אין זיין לעבן נישט איין ליבע מיטגעמאַכט, אין וויפל סקאַנדאַלעכלעך, קליינע און גרויסע, פאַרמישט געווען!.. און דאָך האָט ער זיך נאָך קיין איין מיידל נישט געהאַט אין ליבע ערקלערט. . אַלע מאָל איז ער אַרויס

דער זיגער, אָן דעם, עס זאָל אים ווער קענען זאָגן, אַז ער ברעכט זיין וואָרט...

ער דערמאַנט זיך פאַרשיידענע קליינע און גרויסע פאַקטן. די שטאָלצע, לעבעדיקע רעגינע האַלט נישט אויס. און אין אַ געוויסער מינוט פאַרלירט זי זיך, כאַפּט אים זיין קאָפּ אַרום, באַדעקט אים מיט ליידנשאַפטלעכע קושן און קרעכצט:

— ביסט שלעכט און קאַלט... ביסט אַ שטיק מאַרמאָר, אָן אַ נשמה און אָן אַ האַרץ... ווי לאַנג איך וואַרט שוין, אַז דיינע ליפּן זאָלן — גלייכצייטיק, ווי זיי באַדעקן מיך מיט קושן — שעפּטשען: איך האָב דיך ליב... אָבער אומזיסט! די ביסט שלעכט און פאַלש... און נאָך און נאָך אַזעלכע פאַקטן. און די אַלע זען דאָך, ווי ער קריכט פאַר חנהלן, ווי אַ הונט... די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט אין וואַרשע געוויילט, האָט ער עס געטון. און זי איז פון אים ווייט, פירט זיך אויף אַפילו קעגן אים אומטאַקטיש. דאָס האָט מען געזען פון יעדער באַוועגונג אירער, אַפילו אין אירע בליקן... איז ער דאָך דער, וואָס איז אַלע מאָל אומשטאַנד צו ווײלן געזעלשאַפט, איבערהויפּט פרויען-געזעלשאַפט... און דאָך האָט זי זיך אַלע מאָל בעסער און פרייער געפילט לעבן וועמען עס איז אַנדערן, ווי לעבן אים.

פאַרוואָס איז ער אַזוי איבעריק לעבן איר? אפשר זיינע פינף-און-צוואַנציק יאָר? אָבער דאָס זענען דאָך אַלע יינגעלייט פון דער זעלבער עלטער, די אַלע מיט וועלכע זי פאַרברענגט און פילט זיך גוט... וואָס, דאַכט זיך, קען אַזאַ יינג, בליענדיק מיידל אינטערעסירן דער רויקער גרינבערג מיט זיינע נאַרישע פלענער... אז דאָך, עס איז דאָך זיכער, דאָס האָט ער דאָך געזען, ווי זי פילט זיך לעבן אים גוט... וויפל מאָל ער האָט באַ זיך באַשלאָסן צו האַלטן זיך פעסט אין איר געגנוואַרט, נישט אַרויסצווייזן זיין שוואַכקייט צו איר. אָבער עס איז אים קיינמאָל נישט געלונגען, יעדעס

ווארט זיינס, יעדער בליק אויף איר, האט אלץ אויסגעזאגט...
יעדער האט עס געליינט אויף אים, און זי די ערשטע... דאס איז
געווען ווען זי האט אין ווארשע פארברענגט. און אין די בריוו,
וועלכע ער שרייבט איר? אלץ האט ער איר שוין אויסגעגעבן:
וועגן די נעכט, וואס ער פארברענגט, שלאפלאזע, און וועגן די טעג,
אין וועלכע זיין רו איז געשטערט... און וואס וויל ער פון איר?
בלויז א ווארט א ווארעמס, א פריינטלעכס... אבער אין אירע ענט-
פערן צו אים איז קיין רמז אויף דעם אלעם נישטא... זי פאר-
שוויגט איינפאך דאס, אויף וועלכן ער ווארט מיט אזא אומגעדולד
אן ענטפער קריגן. זי פארברענגט אפט מיט אירע חברטעס
בא די מאלער, שרייבט זי אים. בא וועמען? בא דעם פילאזאפירנדיקן
קראזען און בא דעם שוין א ביסל צו לעבעדיקן ביין!.. ווי קומט
חנהלע מיט איר שטילער׳ באשיידענער נאטור צו זיי? און וואס
קען אזא קינד אינטערעסירן קונסט?..

ראזנצווייג איז מיטן גאנצן לעבן צו שרהלעס שטוב צוגעבינדן
געווארן. זי האט אים שוין מער נישט באדארפט דערמאנען, אז
ער זאל נישט פארגעסן א ביסל ארויפצוקומען... און נישט דווקא
אין די אוונטן, נאר אפילו אין מיטן טאג איז ער דארט געווען.
און האט ער אמאל שרהלען אינדערהיים נישט געטראפן, האט ער
זיך אין צווייטן צימער אויף דער אטאמאנע פארקליבן און גאנצע
שעהן אליין אזוי אפגעזעסן. די אלע איבעריקע, וועלכע פלעגן אזוי
היימלעך אין דער הייך פארברענגען, האבן זיך פרעמד דערפילט
און די שטוב אויסגעמיטן, טראכטנדיק, אז מען דארף שרהלען נישט
שטערן...

איז געקומען דער אוונט האט זיך אין ערגעץ נישט גע-
וואלט גיין, נאר מיט שרהלען אין צווייטן צימער אויף דער אטא-

מאַנע זיצן און אין דער פינסטער שטימונגספולע לידער זונגען. די שרהלע האָט אים פאַרשטאַנען, געוווּסט פון זיינע פאַרלאַנגען און טרוימען. זי האָט אָבער איר אייגענעם באַגער און פאַרלאַנג געהאַט...

שטיל און ציטעריק האָבן די נעכט דורכגעשוועבט און ביידע אַזוי לי... מיטגעריסן. שרהלע האָט געזונגען אַן אַלט ציוניסטיש ליד, וואָס זי האָט נאָך פון מיידלווייז געדענקט:

וויִ פריילעך פלעג איך לויפן
איבער ציונס בערג און טאָל.
איך דערמאַן מיך היינט מיט טרערן,
וואָס איז געווען אַמאָל...

זי איז געווען ווייט פון ציוניזם, אַפילו דעם ציוניזם נישט רעכט פאַרשטאַנען. דאָס ליד האָט אָבער דערציילט, וואָס עס איז געווען אַמאָל, אין יענע אַלטע, גוטע צייטן... ווי גוט און פריילעך, ווי זאָרגלאָז עס האָט זיך אַמאָל געלעבט. די מעלאָדיע האָט וויי באַם האַרץ געגאָגט און טרערן אַרויסגערופן. עס האָט זיך געוואָלט צו עפעס ליבס און נאָנטס זיך צוטולען... צו אַזעלכס, וואָס פאַרשטייט און פילט. לעבן איר זיצט ראָזנצווייג האַלב אויסגעצויגן און פייפט ווייך־טרעלנדיק אונטער. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז קיין זאַך אויסער זיי ביידע — עקזעסטירט נישט. ביידע קעפ דריקן זיך צוזאַמען, און דאָס געזאַנג מישט זיך אויס, ווי פון איין האַלדז אַרויס...

אַזוי זיינען גאַנצע וואָכן פאַרביי. און אָפטמאָל, ווען עס האָט זיך ראָזנצווייגן שטאַרק נאָך יענעם ליבן, קליינעם מיידל פאַרבענקט, האָט ער זיך דאַמאָלס באַ שרהלען אויף דער אָטאָמאַנע אין דער פינסטער פאַרקליבן, דאָס פנים אין איר איינגעגראָבן. שרהלע האָט זיך לעבן אים געזעצט, אים צערטלעך איבער

די האָר געגלעט. און ער האָט דאַמאָלס יענע קליינע הענטלעך געפילט, ווי די דינע לענגלעכע פינגער מאַכן אים אַ שטראָם וואַרעם בלוט איבערן לייב אַריבערלויפן...

— מערקווירדיק, וואָס עס איז פון מיר געוואָרן! — האָט זיך ראָזנצווייג נישט געקענט פאַרשטיין — שוין אַזאַ צייט ווי די געשיכטע ציט זיך, און שטייט נאָך אַלץ אויפן זעלבן שטאַנד. ער קריכט נאָך אַלץ נאַריש פאַר איר, און ווייסט נאָך אַלץ פון איר גאָרנישט מער, ווי דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זי דערקענט. און ער איז אויך זיך אַליין בייז געוואָרן:

— וואָס האָב איך מיר אריינגענומען אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ איך, אַ מענטש פון פינפאונצוואָנציק יאָר, וואָס איז שוין אין לעבן פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אַ וועלט שוין מיטגעמאַכט, איז פּלוצלינק צו נאַר געוואָרן... נתפּעל געוואָרן פון אַ מיידל, צו אַ קינד זיך צוגעטשעפּעט, און דעם קאָפּ פאַרלוירן... און וואָס איז זי, חנהלע, אויב נישט אַ קינד אין אַ ברוין שולקליידל, וואָס קאָן נאָך רעכט דאָס לעבן נישט?... און פון איר וויל ער עס עפּעס אַרויסקריגן! ווען ער האָט אַמאָל מיט שרהלען פון דעם גערעדט, האָט זי אים פאַרזיכערט, אַז חנהלע איז נישט גלייכגילטיק צו אים, אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת! דאָס האָט ער דאָך דערקענט אין יעדער באַוועגונג חנהלעס, ווען זי איז אין וואַרשע געווען, ווי פרעמד ער איז איר. און דורך די בריוו פילט ער עס נאָך מער. עס קרענקט אים, וואָס אין אַ מינוט פון צוטראָגנקייט, האָט ער אין אַ בריוו צו איר זיך אַזוי נאַריש געמאַכט, ווי אַ קינד געוויינט פאַר איר

— רעדט צו מיר! — האָט ער זיך באַ איר געבעטן — רעדט צו מיר פריי און אָפנהערציק, רעדט צו מיר, וואָס דו ווילסט נאָר אַליין; קלערט נישט צופיל, וואָס די זאָלסט מיר שרייבן, ווייל יעדעס וואָרט דיינס מאַכט מיך ווי אַ קינד פרייען... איך זע, ווי

שווער דאָס שרייבן צו מיר קומט דיר אָן, אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס? זאָג מיר, קינד, ביסטו מיר אַזוי נאָנט? איך האָב דיך אַלע מאָל לעבן מיר, אפילו באַנאַכט אין חלום, און איך בין דיר אַזוי ווייט: דיינע ליפּן זיינען פאַר מיר פאַרשלאָסן, דיין בליק פאַר מיר פרעמד. זאָג מיר! זאָג מיר! בין איך דיר טאַקע פרעמד?!

און וואָס פאַר אַן ענטפער האָט זי אים געגעבן? זי פאַרשטייט נישט, וואָס ער וויל פון איר... און זי רעכנט, אַז זי איז נאָך אַ ביסל צו יונג און נישט רייף צו אַ זעלכע בריוו...

און אַזוי יעדעס מאָל, ווען ער עפנט דאָס מויל איר צו זאָגן, וואָס עס דריקט אים אויף דער נשמה, לייגט זי אויף זיינע ליפּן איר דין, קליין הענטל, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: — וואַרט, וואַרט נאָך אַ ביסל... וואָלט זי אים פריי און אָפן געענטפערט, אַז זי האָט נישט פאַר אים קיין האַרץ, וואָלט עס אים אַ סך לייכטער געוואָרן, וואָלט ער געוווּסט, אַז ער האָט נישט אויף וואָס צו וואַרטן — טוט זי דאָס נישט. און ער ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער צעטראָגענער און צערייצטער, וואָס ער איז דווקא באַ דעם קליינעם באַשעפעניש אַזוי צו נאַר געוואָרן...

און דערווייל ווערט אים שרהלעס שטוב אַלץ נענטער, און אַלץ מער ווערט ער צו איר צוגעבינדן... דאָרט חלומט זיך גוט און זיס... ער פילט זיך דאָרט, ווי אַ שיכּור מיטן בראָנפן. עס פאַרגעסט זיך... פאַרברענגט ער מיט שרהלען גאַנצע אָוונטן, אַליין אויף דער אָטאָמאַנע, אָדער באַם געהייצטן אויוון, און נעמט אויף ליידנשאַפטלעך איר צערטלעכקייט. עס ווירקט אַזוי היילנדיק אויף דער נשמה..

אויך וועגן דעם האָט ער שוין געפּרוּווט קלערן:

וואָס איז אים שרהלע? און וואָס פאַר אַ קראַפט ציט אים אַזוי שטאַרק צו איר שטוב, וואָס ער פאַרלאָזט אַלץ און אַלעמען

און לויפט צו איר און נאָך צו איר. איז דאָס עפּעס אַ באַזונדער גע־פיל צו שרהלען? איז אים שרהלע באַזונדערס נאָענט? אָדער נאָר דערפאַר, ווייל זי געהערט עפּעס אָן יענעם קליינעם, ליבן, שלעכטן מיידל... נאָר ווען דעם האָט ער זיך קיין רעכנונג נישט געקענט אָפּגעבן, ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען. און ווען זיין גאַנצער „איך" איז ערגעץ ווייט געווען, אין יענעם קליינעם, ליבן שטעטל, באַם קליינעם מיידל, מיט די ליבע, גוטע אויגן, האָט ער זיך דאַ־מאָלס צו שרהלען געטולעט, ליידנדיק זיס...

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. די לופט איז געוואָרן מילדער, און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. פאַרשוווּנדן זיינען די דערדריקנדיקע טעג מיט די שווערע וואָלקנס. אויף זייער אָרט זיינען אָנגעקומען טעג, ווייכע, פון אַ נייער זון געוואַרעמטע, און נעכט פון בלויע הימלען געהילטע.

ראַזנצווייג האָט אַ בריוו פון קראָזען געקריגן, ווי ער בעט אים, אַז ער זאָל אַ ביסל אַרויסקומען צו אים. ער איז גלייך אַוועק צו שרהלען — און זי פאָרט אויך מיט. זי פאָרט צו איר פאָטער, און ער צו קראָזען... האָבן זיי זיך באַשטעלט אויף מאָרגן נאָכמיטאָג, כּדי אַריינצוקומען פאַרנאַכט אין שטעטל. פאַר־נאַכט איז אָנגעקומען. די לעצטע צייט האָט ער אַזוי ליב גע־קריגן די נאַ־ט. ווען אַלץ איז אין טונקעלען געהילט... מען פילט זיך דאַ־מאָלס עפּעס אַזוי גרינג, און עס שוועבט זיך לייכט אין אַנדערע וועלטן.

די זעלבע נאַכט האָט ער נישט געקענט קיין אויג צומאַכן. פאַר די אויגן האָבן זיך אים בילדער פון דער רייזע פאָרגע־שטעלט. ער האָט געזען פאַר זיך דעם וועג אַהין. יעדן בוים דאָרט, יעדעס גרעזעלע האָט ער געקענט, און די גאַסן דאָרט אין שטעטל. ווי זיי גייען, דער מאַרק, ווי ער זעט אויס. און אַפילו

אויף וועלכן אָרט עס שטייט דאָס הייזל, אין וועלכן חנהלע וווינט... ער פאָרט אַהין, ווי אויף אַ גוט באַקאַנט אָרט. נאָר זיין באַגעגעניש מיט חנהלען האָט זיך אים נישט געקענט גוט אויס־מאָלן... ער האָט זיך נאָך באַמיט דערפון נישט צו קלערן, און פאַרטריבן פון זיך די געדאַנקען וועגן דעם. אַזוי איז די נאַכט, אַ שלאָפלאָזיקע, אַריבער.

פאַרטאָג האָט זיך די זון מיט אירע ציטערדיקע שטראַלן אויף ראָזנצווייגס בעט צעשפּילט און וואַרעם זיין פּנים געגלעט. ער האָט זיך די אָנגעוואַרעמטע לופט אין זיך אַריינגעצויגן, דאָס העמד זיך אויפגעשפּילעט און די נאַקעטע ברוסט קעגן די שטראַלן גע־שטעלט. די שטראַלן האָבן אים די הויט געוואַרעמט און דאָס בלוט שנעלער געמאַכט לויפן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, און עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי דינע שמאָלע פינגער וואָלטן זיין לייב גע־גלעט... ווי גוט עס איז אַ ביסל צערטלעכקייט, אַ ביסל וואַרעמקייט באַטירלעכס, וואָס קומט אַליין, אומגעבעטן... ער האָט די הענט זיך הינטערן קאָפּ פאַרלייגט און טרוימענדיק לאַנג אַזוי געלעגן. די זון האָט וואָס אַמאָל אַלץ מער אין אַ זייט אַריין אירע שטראַלן אָפּגענייגט. ראָזנצווייג האָט זיך אינסטינקטיוו אין דער זעלבער זייט אַריין נאָכגעצויגן. נאָך אַ מינוט, און דער לעצטער שטראַל האָט זיך ווי אַ ווייזער פון זיין ברוסט אַראָפּגעגליטשט. ראָזנצווייג האָט געעפנט די אויגן.

— איז די זון שוין פאַרגאַנגען?

ער האָט זיך שנעל אָנגעטון און אויף דער גאַס אַרויס. דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הערלעכער, דער הימל בלוי, ערגעץ־ווו האָט אַ וואָלקנדל, ווייס ווי שניי, אין רוים געבלאָנדזשעט, און די זון האָט אַלץ און אַלעמען מיט וואַרעם ליכט באַ־גאָסן.

עס איז נאָך גאַנץ פרי געווען. אין גאַס האָבן געיילט

מענטשן, ערגעץ-ווו שנעל געלאָפן. מענטשן מיט פריש-געוואַשענע פנימער, מיט נאַסע האָר און מיט פעקלעך אונטערן אָרעם. די זון האָט זיי אין אלע גאַסן באַגלייט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט נאָך אַפּאָר וואַרעמע שטראַלן שענקען, אָבער זיי זיינען שנעל אַנטלאָפן, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט אָננעמען די צוגעוואָרפענע ברעקלעך...

ראָזנצווייג איז אין גאָרטן אַריין און זיך אויף אַ באַנק געזעצט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די לאַנגע רייען גלייך-געשוירענע קוסטעס, וועלכע האָבן שוין קליינע, גרינע בלעטלעך אַרויסגעגעבן, צו די הויכע פעסטעביימער, וואָס זיינען שוין מיט העלגעלבלעכע פּאָנקעס באַשיט, ווו-נישט-ווו האָט זיך קוים, קוים אַ פּאָנקל געעפנט, האָט אַ קליין, גרין צינגל פאַרזיכטיג אַרויסגעשטעקט... אַלץ איז ריין געוואַשן, ווי אַ נאָר וואָס אויסגעבאָדן קינד, גרייט צום שפּילן זיך... אַלץ איז צערטלעך, ווייך, נאָך אָן אַ פלעק און אָן אַ זינד...

הינטער דער באַנק, לעבן שטאַכעטל, האָט זיך אַ קליין, שוואַך פעלד-בלומעלע צוגעיילט און פון דער ערד אַרויסגעקראָכן, קוים-האַלטנדיק דאָס קעפּל אויפן דינעם שטענגעלע. ראָזנצווייג האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט די ליפּן דעם טוי פון בלומעלע אויסגעטרונקען. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט. אַן ענלעך בילד האָט זיך אים דערמאַנט: יענער אָוונט, ווען ער האָט זיך נאָך חנהלען אין שניי געיאָגט... האָט ער דען נישט אויך דאַמאָלס געוואָלט פון חנהלעס ליפּן דעם טוי אויסטרונקען?

וואָס אַ מינוט זיינען די בענק אַלץ געדיכטער באַזעצט געוואָרן פון מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אַריין אויף עטלעכע מינוט זיך אָפּרוען.

דער גאָרטן-היטער האָט פון אַ קליין רויט הייזעלע לעבן

וואַסערל א מחנה שוואַנען אַרויסגעטריבן. פאָרויס, מיט די לאַנגע, ווייסע העלדזער אויסגעשטרעקט, האָבן זיך די עלטסטע געוויגט, פאַטשנדיק מיט די פלאַכע, רויטע פיסלעך, און הינטער זיי, יינגערע מיט טונקל-שאַרע פלעקן באַשיט. אַלע האָבן זיך אין רונדן, קליינעם וואַסערל אַריינגעגליטשט, די שניי-ווייסע פליגל אין בויגנס אויפגעשטעלט, די דינע לאַנגע העלדזער שטאָלץ אויסגעצויגן, האָבן זיי איבערן וואַסערל-שפּאַצירט. די דורכגייער האָבן זיי שטיקלעך ברויט צוגעוואָרפן, וואָס זיי האָבן מיט אַ גוואַלטיקן אַפּעטיט איינגעשלונגען. ראָזנצווייג האָט זיך אין די — מיט די שאַרע פלעקן באַשיטע שוואַנען — איינגעקוקט און דערקענט אין זיי די זעלבע, וואָס מיט אַ יאָר צוריק. דאַמאָלס זיינען זיי נאָך גאַנץ קליינע געווען און זיך נאָך די מוטערס נאָכגעגליטשט. און היינט זיינען זיי גרויסע, שטאָלצע שוואַנען אויסגעוואַקסן, פול מיט לעבן. אַלץ, אַלץ שפּראָצט מיט יוגנט און לעבן... און אויך ער, ראָזנצווייג, האָט זיך דערפילט און צום לעבן זיך געריסן...

IV.

שרהלע מיט ראָזנצווייגן האָבן זיך אויף דער באַן געזעצט. דער וועג קיין ז. איז געווען אַ קורצער, און פון דאָרט האָבן זיי א ברישקע געדינגען אין שטעטל אַריינצופאָרן.

דער וועג אויף אַקס איז געווען הערלעך. פון ביידע זייטן שאָסיי האָט זיך געצויגן אַן אַלעע פון אַלטע ביימער און הינטער זיי, ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקענט זען, באַוואַקסענע פעלדער.

אָט זיינען זיי צווישן קאָרן און ווייץ דורכגעפאָרן. די זאַנגען, נאָך גרינע און נידעריקע, האָבן זיך אַהין-און-צוריק געוויגט. און אָט האָט זיך אַרויס שטיק פעלד מיט לובין פאַרבייגערוקט. און

דאָרט ווייטער צי̇ען זיך ווי אַ שאָך-ברעט פּאַראַקערטע שטיקער פון אַלערליי גרינוואַרג. אַ קליין דערקוויקנדיק ווינטעלע האָט איבער די פעלדער שפּאַצירט, צעשפּרייטנדיק דעם דופט פון די שפּראָ-צונגען איבערן גאַנצן וועג.

דורכפאָרנדיק אַ קליין דערפל פארן שטעטל, האָט שרהלע ראָזנצווייגן אָנגעוויזן:

— אָט דאָ וועלן מיר זיך שפּעטער צוזאַמענטרעפן. איך וועט אַהערקומען מיט קראָזען און בײנען און איך מיט חנהלען און אירע חברטעס. דאָ וועלן מיר פּוטער און קעז באַ די פּויערים קויפן און מילך גלייך פון דער קו. נאָכדעם וועלן מיר זיך גיין הוידען...

די בריטשקע איז אין שטעטל אַריין. באַם גלחס גאָרטן מיטן קליינעם ווייסן פּאַלאַצל זײנען זיי אַראָפּ. שרהלע איז צו איר פּאָ-טער, חנהלעס זיידן, אַוועק און ראָזנצווייג צו קראָזען.

די שטוב, וואָס די צוויי פאָטאָגראַפיסטן — קונסטמאָלער — האָבן פאַרנומען, איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, נאָר דער אומאָרדנונג — נאָך גרעסער... דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, שטיקער לייוואַנט, פּענדזלען און גלאַט אַזוי אַ בעזעם, האָבן אין אַ ווינקל הינטער דער קיך צוזאַמען אַן אָרט פאַרנומען. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך שטיקלעך פּאַפּיר און, פון פּייער מאַכן, צעשלעפּטע שפּענדלעך אַרומגעוואַלגערט. אויף די ווענט אַרום, זײנען בילדער פון פאַר-שיידענער גרויס, קרום אָנגעקלאַפּטע, שווער אַראָפּגעהאָנגען. אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, איז מיט אײל-פאַרב אויסגעמאָלט ווי אַ יינגע פרוי באַטראַכט זיך איר שיינעם, נאַקעטן קערפּער, און אויף דעם בילד זײנען קליינע געלע פּינטעלעך אויסגעזייעט..

ווען ראָזנצווייג איז אַריינגעקומען האָבן ביידע חברים נאָר וואָס די אַרבעט אָוועקגעלייגט. אויפן קליינעם פאַרשמידטן טישל איז ברויט מיט וואָרשט געלעגן, גרייט אויף אָונט-ברויט צו עסן.

— אָ, אַ וואָרטסמאַן — האָבן זיי ראָזנצווייגן פריינטלעך באַגריסט און אים צום עסן מיטגעבעטן. — זייער פיין! — האָט זיך ראָזנצווייג, זעצנדיק באַם טישל, געפריידט — אָבער מיר מוזן באַלד אין דאָרף אַריין גיין. איך האָב מיך דאָרט מיט חנהלעס מומע באַשטעלט. זי וועט דאָרט מיט חנהלען און אירע חברטעס אַראָפּקומען.

אַ קורצע צייט האָבן זיי אין צימער פאַרברענגט און נאָכדעם אין דאָרף הינטערן שטעטל זיך אַוועקגעלאָזט. פאַרן דאָרף, באַם הילצערנעם צלם, האָבן זיי זיך אויפן גראָז געזעצט און אויף שרהלען מיט חנהלען געוואַרט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און זיי זיינען מיט נאָך אַ חברה מיידלעך אָנגעקומען.

פון ווייטנס נאָך האָט ראָזנצווייג חנהלעס פיגורל דערקענט. זי איז געגאַנגען פאָרויס, געאָרעמט מיט צוויי חברטעס, די זעלבע חוקס, וואָס זי. ער האָט זיך אין די זעקס יונגע פיסלעך איינגעקוקט וואָס פון ווייטנס האָבן זיי ווי קינדערישע אויסגעזען, און ער האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט... דאָס האַרץ האָט אין אים שנעלער גענומען קלאַפּן... — און פאַר וועמען? — האָט ער זיך געטראַכט — פאַר אַ קליין מיידל מיט אַ צעפּל... וואָלט ער זיינע געפילן אויף אַ פּאָר יאָר געקענט באַהאַלטן!.. נאָר אָט זיינען זיי שוין נאָענט. ראָזנצווייג האָט זיך פון גראָז האַסטיק אויפגעשטעלט און זיי אַקעגן געלאָפן. חנהלע האָט אים איר קליין, שמאָל הענטל דערלאַנגט און דאָס קעפּל אין אַ זייט איינגעבויגן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט נאָך יענעם שניי-אָוונט געדענקט...

אין אַ פריילעכער שטימונג האָבן זיך אַלע אין דאָרף אַריין אַוועקגעלאָזט.

קראַזע האָט אַלע צו זײַנעם אַ באַקאַנטן פויער אַרײַנגעפֿירט. דאָס איז געווען אַ קליין הויפֿל, מיט קליינע כאַטקעס אַרום. אויף אַ באַנק, אונטער אַ דעכל, איז אַ טאָפּ סמעטענע געשטאַנען, לעבן דעם אַ ריזיק, שוואַרץ ברויט. בײַן האָט דעם טאָפּ געכאַפּט, און לאָזנדיק זיך לויפֿן איבער דער אויסגעלייגטער לייטער אויפֿן דאַך אַרויף, האָט ער געשריגן:

— צו מיר אַרויף, קינדער! אויפֿן דאַך אַרויף! דער פויער איז מײַנער!..

אַלע האָבן זיך אויף דער לייטער געדראַפּעט. ראָזנצווײַג האָט חנהלען געוואָלט העלפֿן, אָבער זי האָט, באַמערקנדיק דאָס, זיך פֿלינק אַרויסגעדרייט און לײַכט איבער דער לייטער געלאָפֿן...

— מלעקאָ! מלעקאָ! — האָבן זיך קולות פֿון דאַך אַראָפּגעטראָגן.

דער פויער איז צוליב די געשרייען פֿון זײַן שטובל אַרויס, און דערקענענדיק זײַנע באַקאַנטע ייִדן, האָט ער זיי מילך מיט קעז אַרויפֿגעטראָגן, וואָס איז באַלד מיט גרויס אַפּעטיט אין אַ געהויבענער שטימונג פֿאַרשלונגען געוואָרן... בײַן האָט אָנגעהויבן זינגען אַ מלחמה־ליד, וואָס מען האָט איבער די הייף געזונגען, איבערדרייענדיק די ווערטער:

— מאַמע! מאַמע! קאָך אָפּ די קאַרטאָפֿל —
אוי חיי, אוי ווײַ.
מאַמע! מאַמע! קאָך אָפּ די קאַרטאָפֿל,
און טו דיר אָן די נײַע פּאַנטאָפֿל —
אוי ווײַ, אוי חיי, א. א. וו.

אַלע האָבן מיט געלעכטער אונטערגעהאַלטן, און איבערן גאַנצן דאָרף האָט זיך דאָס פֿריילעכע געזאַנג געהערט.

ווען עס איז פֿינסטער געוואָרן זײַנען אַלע פֿון דאַך אַראָפּ און זיך געלאָזט צוריק אין שטעטל. אויפֿן וועג האָט מען זיך

איבער די טיפע ראָוועס אָנגעהויבן יאָגן. ראָזנצווייג האָט חנהלען געזוכט, צו קענען זי כאַפּן, אָבער זי האָט זיך באמת ווייט פון אים צו זיין... ער האָט דאָס באמערקט און איז פון איר אָפּגע- טרעטן. שרהלע האָט אים פון הינטן אַרומגעכאַפּט.

— וואָס עפּעס אזוי צוגעלייגט? — האָט זי אים אין אויער אַריין געזאָגט — לאָמיר ווייטער אַוועקלויפן...

און זי האָט זיך גענומען לויפן ווייט איבערן פעלד. חנהלע איז אַדורך פאַרביי אים. איין מאָמענט האָט ער זיך געוואַקלט, האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און איז שרהלען נאָך...

ווען עס איז שפּעט געוואָרן, האָט מען זיך אין אַ געהוי- בענער שטימונג געזעגנט. ראָזנצווייג איז נאָך געגאַנגען שרהלען מיט חנהלען אַהיימפירן. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גערטל, לעבן קליינעם בלויען וואַסערל, וואָס האָט געפליסט פאַרן הויז, וווּ הנהלעס זיידע האָט געוווינט, האָבן זיי זיך אויף אַ באַנק געזעצט.

אַרום איז שטיל, פינסטער געווען. פאַר די פיס איז דאָס קליינע וואַסערל געווען באַדעקט מיט אַ גרינבקייט, פון אונטער וועל- כער ער האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון זשאַבעס. פון צייט-צו- צייט האָט זיך אַ פּליעסק אין וואַסער געהערט — און ווידער שטיל.

ראָזנצווייג איז לעבן חנהלען געזעסן און אַ גוואַלדיקן באַ- גער געהאַט זיין קאָפּ אויף איר קליינטשיקן אַקסל צו לייגן און מיט דער האַנט זי איבער די ברוינע, זיידענע האָר צו גלעטן... און מער נישט... מער גאָרנישט... נאָר חנהלע איז גלייך ווי אַ סטאַטוע געזעסן, געשטייפט דאָס ענערגישע נעזל, און מיט די ברוי- סע קאַרשן אויגן ערגעץ ווייט, ווייט געקוקט...

ער איז ווי בעלעמט געזעסן, נאָר שטיל, מיט די שפּיץ פינ- גער, האָט ער פאַמעלעך, ווי אַ גנב, איר די עקן האָר גענומען און זיי צווישן די פינגער געקוועטשט...

ער איז אויף זיך אַליין בייז געוואָרן, וואָס ער, אַ מאַן מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, זיצט אַזוי אָנמעכטיק קעגן אַזאַ קליין, שוואַך באַשעפעניש...

שרהלע האָט די שטילקייט איבערגעריסן.

— זינג עפּעס, חנהלע — האָט זי זי געבעטן — מיר וועלן דיר צוהעלפן.

חנהלע האָט מיט איר זיס, ציטעריק שטימעלע געזונגען.

אַמאָל איז געווען אַ יינגל,
האָט ער אַ מיידל געליבט;
ס'ליבט אויך דאָס מיידל דאָס יינגל,
זיינען זיי ביידע באַטריבט.

ראָזנצווייג האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, ווי חנהלע דערציילט, זינגנדיק דאָס לידל: דאָס יינגל איז שרעקלעך אָרעם, און דעם מיידלס רייכער פאָטער לאָזט זי נישט צו צו איר געליבטן. שטאַרבט דאָס יינגל אַן עלענדער אין זיין קעלער, דערוווסט זיך זיין געליבטע, אַז ער איז געשטאָרבן, גנבעט זי זיך שטיל פון שטוב אַרויס, און ווען זי קומט צו צו איר ליבנס קבר, עפנט זיך אַ טירעלע אויף. זי גייט אַראָפּ, נעמט פון איר ליבסטן די שאַרבענעס אַראָפּ און קושט זיינע פאַרשלאָסענע אויגן, דער טויטער עפנט די אויגן און נעמט זי אַרום, דאָס טירעלע פאַרמאַכט זיך צוריק, און זיי ביידע בלייבן אויף אייביק צוזאַמען...

חנהלע זינגט דאָס לידל מיט אַזוי פיל געפיל, דאָס שטימעלע ציטערט און דאָס הערצל צאַפּלט... און עס דאַכט זיך ראָזנצווייגן אויף אַ מינוט, אַז דאָס זינגט חנהלע צו אים. ער וויל זי אַרומנעמען און אירע ליבע קאַרשן-אויגן אויסקושן... חנהלע האָט זיך שוין אָבער אויפגעשטעלט און געבעטן:

— לאָמיר שוין אַריינגיין אין שטוב: עס איז מיר שוין קאַלט.

ראָזנצווייג האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק.

די קינסטלער זיינען באַ זיך אין צימער נאָך אויף געווען און אויף ראָזנצווייגן געוואַרט.

— דאָס גהינום וועט ער שוין נישט ליידן, דער אָרעמער ראָזנצווייג! — האָט ביין, אונטערצידנדיק די קיך, מיט באַדויערונג געזאָגט...

— אַ מענטש האָט זיך אין אַ קינד, און נאָך דערצו ביז בשוגעת, איינגעליבט, און זי קען דאָך אויף אים נישט קוקן אַפילו...

— נו, אַזוי ווייט האַלט עס נישט — האָט קראָזע געענטפערט, גלייך מאַכנדיק דאָס בעט צום שלאָפן — אָבער אַ פאַקט איז, וואָס יעדער זעט, אַז חנהלע געפינט זיך נישט גוט לעבן אים.

ער איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבן, און ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, ווייטער געזאָגט:

— און אַמאָל, און דאָס טרעפט גאַנץ אָפט באַ אַזעלכע באַשיידענע נאַטורן ווי חנהלע איז, באַדייט אַזאַ מין האַנדלונג פונקט פאַרקערט ווי מענטשן, צוקוקערס, מיינען:

— אַלנפאַלס איז ער אַ גאַנץ ווילער יונגערמאַן, דער ראָזנצווייג — האָט ביין געזאָגט — און חנהלע איז אַן אויסנאַם פון אַלע היגע מיידלעך.

באַ ראָזנצווייגס דערשיינען איז דאָס געשפּרעך איבערגעריסן געוואָרן.

עס איז שוין געווען שפּעט, און אַלע דריי האָבן זיך גע־פּילט מיד און שלעפעריק. ראָזנצווייגן האָט מען אויף דעם קאַ־נאַפּקעלע קעגנ־איבער דער טיר אויסגעבעט, און ביידע קינסטלער האָבן זיך אין אייזערנעם בעטל לעבן דער קיך אַריינגעלייגט און באַלד געשמאַק איינגעשלאָפן.

ראָזנצווייג האָט נישט געקענט איינשלאָפן.

דאָס קליינע נאַפט־לעמפּל אויפן טיש האָט שוואַך דאָס צימער באַלויכטן. קעגנ־איבער אין ווינקל הענגט אַ בילד, ווי אַ פרוי שפּינט אַרום אַ נעץ אַרום אַ שלאָפנדיקן מאַן. ראָזנצווייג האָט זיך אין דעם בילד מיט די אויגן איינגעגראָבן.

— אָבער דאָס ביסט נישט דו מיט חנהלען — האָט אים אַ געדאַנק געערגעט — אַ וואָרם ביסטו! נידריק און געמיין... אַלע האָבן דאָך געזען, ווי זי שטויסט דיך כסדר אָפּ פון זיך. זי קען אויף דיר נישט קוקן, קען דיך לעבן זיך נישט זען. און דו, ווי אַ וואָרם קריכסטו אַלץ... און אַלע לאַכן פון דיר אין דער שטיל...

ער האָט געוואָלט די געדאַנקען דערשטיקן, און דעם קאָפּ אין קישן איינגעגראָבן. אָבער דער באַליידיקטער שטאָלץ האָט גע־מאָנט;

— וואָס איז פון דיר געוואָרן? ביסטו יענער, וואָס פלעגט זיך מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן מיט ליבעס־געפילן שפּילן?.. דער זעלבער, וואָס איז געוווינט צו זען ליבעס־טרערן פאַר־גיסן צוליב זיין קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט... — און ביסטו אַן אַנדערער געוואָרן — האָט אים ווייטער אין קאָפּ געעגבערט — ווייז כאָטש דיין שוואַכקייט נישט אַרויס! זיי נישט נאַריש! זאָל מען דיך נישט אויסלאַכן...

אַזוי האָט זיך די נאַכט לאַנג און שווער געצויגן. און מיט אַזעלכע פּייניקנדיקע געדאַנקען איז ער פאַרטאָג איינגעשלאָפן

אַ שטאַרק געפּילדער האָט ראָזנצווייגן אויפגעוועקט. די טיר איז געווען אויפגעפּראַלט אינגאַנצן, און אין איר איז אויף דער שוועל, אַ יונגע, רויטע פּויערטע געשטאַנען, און וואַרפנדיק מיט די הענט, געוויזן אויף אירע צוריקגעוואָרפענע פּאָטאָגראַפיעס, וועלכע זיינען איבערן גאַנצן טיש צעשפּרייט געווען:

— אַלבאָ טאָ יאָ? אַ דזשש טאָ ניע יאָ! — האָט זי הויך געשריגן. אַלע אין דאָרף זאָגן, אַז איך זע דאָ אויס ווי אַ פּראַוודזיווע מאַלפּע. און אַזעלכע לאַנגע לאַפּעס האָב איך? — האָט זי ווייטער געוויזן אויף אירע רויטע, געזונטע הענט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט צומעסטן..

עס האָט נישט געהאָלפן קראָזעס און ביינס איינרעדן, אַז זי איז פיין און גרויסאַרטיק אַרויסגעקומען... פון קעגנאיבער האָבן די שכנים די טירן געעפנט און געלאַכט. מען האָט איר דאָס געלט אירס געמוזט צוריקגעבן... און דאַמאָלס ערשט איז זי אַוועק מיט אַ הויך געפּילדער, אויף וועלכן קראָזע מיט ביינען האָבן זיך איר לאַנג נאָכגעוויצלט...

ראָזנצווייג האָט זיך אָנגעטון מיט דעם באַשלוס באַלד אַהיימצופאָרן. און ער האָט טאַקע דעם זעלבן טאָג צוזאַמען מיט שרהלען דאָס שטעטל פאַרלאָזט, מיטנעמענדיק אַ שפּאָר ביסל גיפט אין האַרץ, אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט..

נאָך ראָזנצווייגס אָפּפאָרן איז חנהלע אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענע, און זי האָט זיך אַליין גאָר קיין רעכענונג נישט געקענט אָפּגעבן:

וואָס איז דאָס אַזוינס?

ווי אויפגעלעבט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ראָזנצווייג דאַרף קומען! ווי האָט זי די טעג, די שעהן געציילט

זי זאָל אים שוין אַמאָל זען... די טעג האָבן זיך פאַר איר אומגעהייער לאַנג געצויגן — אַ גאַנצע אייביקייט האָט זיך איר געדאַכט... אַ גוואַלטיקע בענקשאַפט האָט זי אַרומגענומען אים צו זען און הערן אים רעדן... ווי זיס ער רעדט, און ווי גוטמוטיק זיין שמייכעלע איז... קיינער, קיינער פון אירע באַקאַנטע האָט נישט אַזעלכע שיינע באַוועגונגען, אויף קיינעמס ליפן שוועבט נישט אַזא גוטמוטיק שמייכעלע בשעתן רעדן, און קיינער רעדט נישט אַזוי קלוג און טאַקטיש ווי ער... און דאָך! ער איז געקומען, זי האָט זיך קוים דערוואַרט דערויף, ער האָט גערעדט, געשמייכלט, און איר אַזוי פיל ליבשאַפט אַרויסגעוויזן... און ווי אַזוי איז זי געווען צו אים? ווי אומטאַקטיש זי האָט אים אַלע מאָל אָפגעשטויסן פון זיך! פאַר וואָס איז דאָס, אַז ווען ער איז פון איר ווייט, וואָלט זי דאַמאָלס אַלץ אָפגעגעבן, זי זאָל נאָר בלויז קענען אויף אים קוקן. עס וואָלט איר, דאַכט זיך איר, קיינמאָל נישט מיאוס געוואָרן צו קוקן אויף אים און הערן אים רעדן. און ווען ער איז לעבן איר, פילט זי זיך אַזוי שלעכט, און זי שטויסט אים אַזוי אומדערבאַרמלעך אָפ. אַלע זען דאָך דאָס און לאַכן געוויס אין דער שטיל פון אים... — און דאָס איז זי די סיבה, וואָס אַלע לאַכן פון אים... און דאָס קרענקט זי נאָך מער! אָ, ווען זי זאָל קענען פאַר אַלע אין די אויגן צו אים צוגיין און אים די אויגן, די ליבע אויסקושן, וואָלט זי דאַמאָלס פון אַלע נקמה גענומען... דאָס וועט דאָך אָבער, ווייסט זי, קיינמאָל נישט געשען... גאַנצע נעכט האָט זיך באַ איר אין קאָפ אַ געדאַנק געמאָנט:

— וואָס געהערט מיר אייגנטלעך אָן ראָזנצווייג? מען זאָגט פאַרליבט! אָבער איך בין דאָך נאָך אַ קינד, זעכצען יאָר ערשט און ער פינפאונצוואָנציק! ניין! — האָט זי זיך דעם געדאַנק פון קאָפ פאַרטריבן — איך פיל דאָך נישט צו אים דאָס, וואָס אַ

מיידל קען פילן צו אַ יינגל... ווען איך וואָלט אַ פאָטער געהאַט, אָדער אַ ליבן, גוטן ברודער, וואָלט איך צו זיי דאָס געפילט... אָבער פאַרוואָס כאַפּט מיך עפּעס ווי אַ מורא אַרום, ווען איך בין מיט אים? פאַרוואָס אין די מינוטן, ווען ער צערטלט זיך צו מיר, קען איך אים נישט זאָגן: — ביסט מיר נאָנט ווי אַ ברודער...

וויפל מאָל ער האָט עס שוין בּאַ איר געבעטן בריפלעך און מינדלעך: אַ וואָרט אַ ליבלעכס כאָטש, אָבער זי האָט עס אים קיינ־מאָל נישט געגעבן. זי קען עס נישט! עפּעס פילט זי אַזאַ מורא מיט אים נאָנט צו ווערן... עס דאַכט זיך איר, אַז ווי באָר זי וועט עס ווערן צו אים, אַזוי וועט זי אים ווייט ווערן... דאָס איז דאָך, ווי מען זאָגט, אַלע מאָל אַזוי... ווען מען קומט שוין צו נאָנט צו דער זאַך, צו וועלכער מען שטרעבט, ווערט זי דאַמאָלס אויס... אַ געדאַנק פאַלט איר איין אין קאָפּ:

— וואָס וועט זיין, ווען ראָנצווייג וועט ווערן צו איר אויס? ער וועט מיד ווערן, אָדער עס וועט אים מיאוס ווערן, און ער וועט אַנדערש ווערן צו איר... זי וועט רעדן, אויסגיין נאָך אַ וואָרט, אַ ליבלעכס פון אים, און ער וועט שווייגן... אַ שוידער איז איר דורכן לייב אַ דורך! קען דאָס אויך אַמאָל געשען? אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך! — האָט זי זיך באַשטימט...

און טיילמאָל איז איר איינגעפאַלן מיט דער מומע שרהלע דערפון צו רעדן, איר אַלץ איבערצוגעבן, ווי זי פילט און ווי עס איז ביי איר. זי האָט זיך אָבער דעם געדאַנק פאַרטריבן. — ניין, צו דער מומע שרהלע האָט זי נישט קיין צוטרוי... זי ווייסט שוין און קען זי שוין, די מומע, זי וועט אויסהערן און איר אין די אויגן אַריין לאַכן...

שרהלע האָט זיך אין דאָרף אַריין אויף זומער־וווינונג גע־צויגן. און איר הויז איז ווידער אַ גאַסט פון פרייד און געזאַנג געוואָרן. זי האָט נאָר פאַרנומען צוויי קליינע נידעריקע שטיבלעך

אין דער הויך, מיט אַ הילצערנער וואַרענדע אויפן פעלד אַרויס. און דאָך איז דאָס געווען די פריילעכסטע שטוב אין דער געגנט אַרום. איז געקומען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, איז זיך דאָס יונגוואַרג צוזאַמענגעפאָרן און ביז שפּעט אין דער נאַכט די ליפּט אַרום מיט פריילעכע קולות און געזאַנגען פול געמאַכט. אַמאָל האָ מען זיך טיף אין וואַלד געלאָזט, שוואַרצע יאַגדעס געריסן און אין פריילעכע שפּילערייען אַ גאַנצן טאָג פאַרבּרענגט. אויך חנהלע איז אויף יעדן שבת געקומען, זיך מיטגעשפּילט און מיטגעגאַנגען, אָבער צו ראָזנצווייגן איז זי די זעלבע געבליבן, און אַ ספּעציעלע דערווייטערונג געפירט קעגן אים.

ראָזנצווייג האָט באַשלאָסן אַן ענדע צו מאַכן צו זיין אומבאַשטימטער לאַגע... אַ צייט לאַנג האָט ער נאָכגעשפּירט זי אַליין צו טרעפן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. איינמאָל אָבער, ווען ער האָט זיך פון דער קאָמפּאַניע אַוועקגעגנבעט, ווי ער האָט עס אָפט געטון, און איז אויף דער קליינער וואַרענדע אַרויף, האָט ער חנהלען אַליין אין שטוב געטראָפן. ער האָט זי שוין נישט אָפּגעלאָזט.

— זאָגט מיר, חנהלע — האָט ער איר גלייך און רויק אין די אויגן אַריין געקוקט — זאָגט מיר איינמאָל, אַז איך בין אייך פרעמד, אַז אייער האַרץ קלאַפּט נישט פאַר מיר, און איך וועל אייך לאָזן צו רו! איך וועל וויסן, אַז מיין ליבע צו אייך דאַרף ווערן טיף אין מיין האַרץ באַגראָבן, אַז איך דאַרף זיך נישט אומזיסט מאַטערן מיט אומזיסטע האָפענונגען. און איך וועל זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַרויקן. זאָגט איין וואָרט נאָר: — איר זענט מיר פרעמד!..

נאָר חנהלע איז געשטאַנען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ באַליידיקט קינד, אין אירע רייד האָבן זיך טרערן געהערט:

— לאָזט מיך, פּאַניע ראָזנצווייג! — האָט זי זיך געבעטן —

שטעלט מיר נישט אזעלכע פראגן, איך בעט אייך, איך ווייס גאר־נישט וואס איר ווילט... איך ווייס גארנישט.

איין מאמענט האט ער געוואלט צו איר צופאלן, זי אין זיינע ארעמס איינשליסן און פעסט זי צודריקן צו זיך, ער האט געוואלט איר שטאלץ קעפל אויף זיין ברוסט לייגן, אירע קליינע ליבלעך צעבייסן, די גרויסע אויגן אויסקושן און זאגן: — דו ביסט מיינע, חנהלע! דו מוזט זיין מיינע... ער האט עס אבער נישט געטון.. דאס וועט ער מיט חנהלען נישט טון... געדריבט האט ער שוין!.. איר הייסן אטעם האט ער געהאלט פילן אויף זיך.. זכן, ווי אירע קליינע ליפעלעך טריקענען פאר היץ... אבער אצינד שטייט זי פאר אים קאלט און גלייכגילטיק!.. חנהלע האט אנגעהויבן ארויסגיין פון שטוב.

— קומט אראפ! — האט זי ראזנצווייגן צוגעוואָרפן און איז ארויס.

ער איז אליין געבליבן אויף דער קליינער וואראנדע. ער האט זיך אויפגעזעצט און אין בלויען, ריינעם הימל זיך פארקוקט...

— שוין ווידער אליין? — האט אים שרהלע די געדאנקען איבערגעריסן — אין מיטן דערינען ווערט ער מיר גאר פארפאלן און איך מוז אים גיין זוכן — האט זי זיך געבדוגזט.

ראזנצווייג האט איר נישט געענטפערט, און זי האט זיך לעבן אים אוועקגעזעצט, זיין קאפ אויף איר שויס געלייגט און די האר געגלעט..

ראזנצווייג האט זיך ווי א קינד אונטערגעגעבן, און שרהלע האט שטיל און באהארצט געזונגען:

שלאף, מיין טייער פייגעלע,
מאך שוין צו דיין אייגעלע,
שלאף שוין איין געזונט;

איבער דיין וויגעלע,
מיט אַ גאָלדן פליגעלע,
וויגט זיך אווינט.

ראָזנצווייג האָט זיך ווי אַ מיד קינד צו איר שויס געטולעט...

V.

חנהלע איז געזעסן אויפן פענסטער, וואָס איבערן וואַסערל, און באַדויערט דעם זומער, וואָס פאַרשווינדט.

נאָך זייבען דיביימער מיט בלעטער באַהאָנגען און די ערד מיט גראָז באַדעקט, נאָר אין דער לופט הערט זיך שוין דער הערבסט־מאָטיוו. די שפיצן בלעטער האָבן שוין געלבן אָנגעהויבן, און די צווייגן הענגען שוין נידעריקער אַראָפּ. די פעלדער זייבען נאַקעט אָפּגעשוירן און דאָס גראָז איינגעפאַלן. דער הימל ווערט שווערער. פון צייט־צו־צייט לאָזט זיך אַ קאַלט עסעדיק ווינטל דורכשפאַצירן, און אַ שטעכעדיק רעגנדל פּאַטשט אין פּנים. עס ווערט אומעטיק, אומעטיק אויף דער נשמה...

נאָך קיינמאָל איז איר דער זומער אַזוי באַנק נישט געווען ווי הייגט, און נאָך קיינמאָל האָט זי דעם ווינטער אַזוי מיט שרעק נישט אָפּגעוואַרט ווי הייגט.

און דאָ איז שוין צוויי וואָכן זינט זי האָט פון ראָזנצווייגן דעם לעצטן בריוו דערהאַלטן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל זינט ער שרייבט איר, וואָס ער האַלט זי אַזוי לאַנג אויף. און דאָס האַרץ האָט איר שלעכטס פאָרגעזאָגט. זי קען שוין איר האַרץ. אויב עס זאָגט עפּעס, דאַרף מען עס גלייבן... פון דער מומע שרהלע האָט זי אַ בריוועלע דורך אַ געלעגנהייט דערהאַלטן, אַז זי

קומט היינט — אויף אַ שלעכטער סימן. אַן אַנדערש מאָל קומט זי אומגערעכט — פאַרקערט: באמת זיך אַלע מאָל מען זאָל פריער איינדערהיים נישט געוווּר ווערן, אַז זי קומט: עס וועט זיין אָנגענעמער. און היינט האָט זי פריער צו וויסן געטון.

נאָר עפּעס שלעכטס האָט געמוזט געשען. און זי האָט דורכן פענסטער אויף דער גאַס געקוקט, מיט די אויגן געזוכט דער מומעס אָנקומען: אפשר וועט זי פון ווייטנס עפּעס דערקענען.

ענדלעך האָט זי זי דערזען, און דאָס האַרץ האָט איר שנע-לער גענומען קלאַפּן. — ניין! דאָס איז נישט די מומע שרהלע, מיט די שנעלע לעבעדיקע טריט... דעם קאָפּ האַלט זי אַראָפּ, ווי זי וואָלט זיך נישט וועלן צוזאַמענטרעפן מיט אירע בליקן.

די טיר האָט זיך געעפנט און שרהלע איז אַריין. אַ מינוט האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, ווי חנהלע וואָלט דער מומען פון די אויגן געוואָלט אַרויסלייענען, און ווי שרהלע וואָלט עס איר שטו-מערהייט געוואָלט איבערגעבן...

חנהלע איז פון פענסטער אַראָפּגעשפּרונגען און איז דער מומען אין די אָרעמס געפאַלן. בײַ שרהלען אין די אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן, און חנהלע האָט זיך וויינענדיק געבעטן:

— מומעשי קרוין, זאָג וואָס עס איז געשען? וואָס פאַר אַ שרעקלעכס איז פאָרגעקומען?

— ראָזנצווייג איז קראַנק און ער וויל דיך זען — האָט שרהלע קוים אַרויסגעשטאַמלט.

חנהלע האָט זיך אויף אַ שטול אַראָפּגעלאָזט. פאַר די אויגן איז איר פינסטער געוואָרן, און אינווייניק בײַם האַרץ האָט זיך איר ווי עפּעס אָפּגעריסן. אין דער סעקונדע האָט זיך איר גע-דאַכט, אַז זי האַלט בײַם אָנווערן אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט. אירע

האָפנונגען צעשוווּמען, אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, איר לעבן און נשמה געפינען זיך דאָרט באַ ראָזנצוויגן...

אַ געדאַנק האָט איר דורכן מוח דורכגעבליצט: — אפשר איז ער שוין נישטאָ?

זי האָט עס געוואָלט שרהלען פרעגן, נאָר האָט נישט געוואַגט...

— לאָמיר שוין פאָרן! — האָט זי, אָנכאַפנדיק שרהלען באַ אַ האַנט, פאַרשטיקט געכליפּעט. — איך קען דאָ מער שוין איין מינוט נישט בלייבן! איך האָב דאָ קיינעם, קיינעם נישט! אַלץ איז מיר פרעמד! פרעמד!

— שרהלע האָט זי באַטראַכט, ווי זי האָט זיך אין מאַנטל איינגעהילט, די שמאָלע קינדערישע טאַלע מיטן פאַסיק איינגעצויגן און די קליינע הענטעלעך אין די אַרבל זיך פאַרשטעקט — האָט זי ווי אַן אַרויסגעטריבענע יתומה אויסגעזען. אַ גוואַלטיק רחמנות האָט שרהלען צום קינד אַרומגענומען.

— אָבער עס איז דאָך נישט אַזוי שרעקלעך, ווי דו מאַכסט — האָט זי זי איינגענומען — דער דאָקטאָר געפינט טאַקע, אַז ער איז שטאַרק קראַנק, אָבער ער איז דאָך נישט חלילה האָפנונגס-לאָז...

חנהלע האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן.

ווען זיי זיינען אין אָוונט קיין וואַרשע געקומען, האָבן זיי אין שטוב באַ שרהלען ראָזנצווייגס אַן אַלטן חבר געטראָפן.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט אים שרהלע געפרעגט.

— די הייך זאָל נאָר אָפטרעטן — האָט יענער, ווי פאַר זיך,

גערעדט, און נאָך אַ מינוט שווייגן צוגעגעבן: — דערווייל איז קיין בעסערונג נישטאָ.

— איך וויל אַצינד אַרויפגיין! — האָט חנהלע בײַ דער מומען געבעטן.

— אוממעגלעך! — האָט ראָזנצווייגס חבר אָפּגעווענדט — דער קראַנקער האָט גרויס היץ, און בײַ אייער פּלוצלינגן דערשײַנען, וואָלט ער זיך זייער אויפגערעגט. מען דאַרף אים פריער צוגרייטן.

— אמת! — האָט שׂרהלע צוגעשטימט — מען טאָר אים נישט באַאומרויִקן אין אַזאַ צושטאַנד.

חנהלע האָט שטילשווייגנדיק אײַנגעשטימט, נאָר ווען ראָזנצווייגס חבר האָט זיך אָפּגעזעגנט און פון שטוב אַרויס, האָט זי זיך אויך גענומען גרייטן צום גיין.

— וווּהין גייסטו? — האָט זי שׂרהלע נאָכגעפרעגט.

— איך קום באַלד אַרויף! — האָט חנהלע, גייענדיק שוין צו דער טיר, געענטפערט, און איז אַרויס.

ווען זי איז צוגעקומען צום הויז, וווּ ראָזנצווייג האָט געוווינט, איז זי אויף אַ ווײַלע אין טויער שטיין געבליבן און עפּעס נאָכגעקלערט.

— אויפן צווייטן שטאָק לינקס איז עס — האָט זי צו זיך, ווי גערעדט, און איז אין הויז קעגניבער רעכטס אַרויף.

— אָט, דאָרט מוז עס זײַן — האָט זי בײַ זיך באַשלאָסן, קוקנדיק אין אַ שוואַך באַלויכטן פענסטער אַרײַן, מיט אַ פּאָרהאַנג פאַרשטעלט. זי האָט גאָרנישט געקענט זען, און איז לאַנג אומבאַוועגלעך אַזוי געשטאַנען

נאָר אָט האָט זיך די פּאָרהאַנג אַוועקגעמאַכט — דאָס האָט ווער געטון, כּדי דאָס פענסטער אַ ביסל צו עפענען, פרישע לופט אַרײַנ-

צולאָזן, און אויף אַ הויך געבעט בעט, דאָרט לעבן פענסטער, האָט זי אים דערזען... דער הויכער, ווייסער שטערן מיט אַ טוך אַרומגענומען, אומבאַהאָלפן גלייך אויסגעצויגן — און די פאַרהאַנג האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט.

ראָזנצווייג איז אַ האַלב טויטער אין בעט געלעגן. בעת ווי ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער געוווּסט, אַז זיין צושטאַנד איז אַ געפערלעכער, נאָר ער האָט די גלייכגעוויכט נישט פאַרלוירן און איז בײַ די קלאָרע געדאַנקען געווען.

ער האָט געשיקט רופן זיין אַלטן חבר, מיט וועלכן ער איז נאָך אין איין חדר געגאַנגען און מיט וועלכן ער האָט זיך, זינט ער האָט שרהלעס הויז דערקענט, נישט געזען. דאָס איז געשען יעדעס מאָל, ווען ראָזנצווייג האָט אַ ניי, אינטערעסאַנט באַקאַנטשאַפט געמאַכט, אָדער אין עפּעס אַ סקאַנדאַלעכל זיך פאַרפּלאָנטערט... אָבער יעדעס מאָל, ווען עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט און ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער זיך צו אים צוריקגעקערט...

זיין טרייער חבר האָט עס גוט געוווּסט, אָבער קיינמאָל אים קיין פאָרוואורפן נישט געמאַכט. יעדעס מאָל, וואָס ראָזנצווייג איז פּלוצלינג פאַרלוירן געוואָרן, זיך אַרומגעהערט ווייזן פאַר אים האָט ער בײַלד פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, אָבער איז זיכער געווען, אַז עס וועט לאַנג נישט האַלטן..

דאָס לעצטע מאָל האָט שוין צו לאַנג געדויערט. שוין בײַלד אַ יאָר אַוועק, זינט ער האָט אים רעכט נישט געזען, אָבער פאָרט האָט ער זיך נישט באַאומרויקט און מיט זיכערקייט געוואַרט ביז די צייט וועט קומען, ווען ראָזנצווייג וועט צו אים קומען און דערציילן פון זיין לעצטן סקאַנדאַלעכל, אָדער שפּיל...

ווען ראָזנצווייג האָט זיין אַלטן חבר דערזען, האָט ער אים, ווי ער וואָלט עפּעס אַ טייערע פאַרלוירענע זאַך צוריקגעפונען, צו זיך אויפן בעט אַרויפגעצויגן און ליידנשאַפטלעך די הענט אים געדריקט. ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, די היץ האָט אים אין פנים געשלאָגן, דער שטערן האָט מיט שווייס זיך באַדעקט און די הייסע פאַרטריקנטע ליפן זיינען צו געווען, נאָר פון זיינע פייכטע, גלאַנציקע אויגן האָט זיך אַ ווידוי אַרויסגעלייגט...

און אַזוי פון דאַמאָלס אָן, האָט אים שוין דער קראַנקער פון זיך נישט אָפּגעלאָזט, נאָר וואָס יעדן אָוונט איז ער אַ ביסל אין גאַס אַראָפּ, אָדער צו שרהלען אַרויף, איבערגעבן ווי דער טאָג איז אַדורך.

אין אַ פאַרנאַכט איז שרהלע אַרויפגעקומען, האָט זיך שטיל אַקעגיבער ראָזנצווייגס בעט געזעצט און זיך אין אים איינגעקוקט. דער קראַנקער האָט זי נישט געהערט. דאָס פולע פנים איז בּאַ אים מיט אַ רויטער פאַרב באַגאָסן געווען, און ער האָט שטאַר מיט די אויגן אין סופיט זיך פאַרקוקט. זי האָט געזען, ווי אונטער דער רויִקייט שפּילט זיך אָפּ אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, אַז אַלץ קען מעגלעך זיין... זי האָט געזען, ווי ער ליגט מיטן גאַנצן חוש אין זיך אַריינגעטון, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס איבווייניק צוגעהערט. און די טרערן האָבן זי אין האַלדז געשטיקט. זי האָט זיך אָן יענע שטילע אָוונטן דערמאַנט, ווען זי האָט אים איבער די האָר געגלעט און שטילע נאָגנדע מעלאָדיעס געזונגען...

ראָזנצווייג האָט דעם קאָפּ אין אַ זייט אָפּגענייגט אָן שרהלען דערזען. ער האָט אויף איר גלייך מיט גרויסע אויגן געקוקט, ווי ער וואָלט נישט געוווסט, צי זעט ער זי אויף אַן אמת, אָדער — ווי עס טרעפט זיך אָפּט בּאַ אים די לעצטע צייט — עס איז נאָר אַ

קראַנקע פאַרשטעלונג, עס דאַכט זיך אים נאָר. שרהלע האָט זיך שמייכלענדיק אויפגעהויבן, איז האַרט צו זיין בעט צוגעגאַנגען, אים אַ חאַנט אָנגענומען און אים אין די אויגן געקוקט.

ראָזנצווייג האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט.

— איר זענט דאָ, שרהלע?! — האָט ער אַליין נישט גע־וווּסט צו וואָס ער פרעגט דאָס.

שרהלע האָט אים איבער די האָר געגלעט.

— ווי נאַריש איר מאַכט זיך, ראָזנצווייג! עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אייך...

איין מינוט האָט זי ראָזנצווייג אָנגעקוקט. און ווי ער וואָלט פלוצלינג עפּעס דערזען, האָט ער ווידער די אויגן אויפן סופיט אָנגעשטעלט און אַזוי געבליבן ליגן...

שרהלע האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן.

— אפשר וואָלט איר געוואָלט חנהלען זען? — האָט זי אים פרעגנדיק ווייטער געגלעט.

— ניין! — האָט ער שאַרף און הויך דאָס איינע וואָרט אַרויסגעזאָגט און ווייטער שטאַרק אויפן סופיט געקוקט.

דאָס וואָרט „ניין" האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט, ווי דאָס וואָלט אים אַ לאַנגע צייט אויף דער צונג געלעגן און געוואַרט אויף דער גינסטיקער מינוט... און ווירקלעך: די ערשטע טעג פון זיין קראַנק ווערן האָט זיך אים שטאַרק חנהלען געוואָלט זען, אָבער שפּעטער אין די שלאָפלאָזע פייניקדיקע נעכט, ווען ער האָט אַ סך אין דעם אַריינגעקלערט, האָט ער בא זיך באַשלאָסן, אַז ניין! ער וויל זי נישט זען! וואָרים, וואָס וועט דען באַדייטן חנהלעס אַרויפקומען צו מיר — האָט ער זיך געקלערט — אויב נישט מער ווי רחמנות?.. און דאָס האָט ער מער ווי אַלץ פיינט. — ניין, בעסער שטאַרבן און זי נישט זען — האָט ער בא זיך באַ־

שטימט. און אַזוי האָט ער אין האַלבן באַוווסטזיין די גאַנצע צייט אָפּגעוואַרט, דאָס וואָרט ניין צו ענטפערן, ווען מען וועט אים זאָגן, אַז חנהלע וויל אים זען...

שרהלע איז נאָך אַ קורצע צייט געזעסן. באַם אַרויסגיין האָט זי אים די האַנט געדריקט און געזונט געוווּנטשן. ראָזנצווייג האָט נישט געענטפערט.

און חנהלע האָט אַלץ געוואַרט. זינט זי האָט זיך דעם ערשטן אָוונט פון איר קומען געבעטן, אַז זי וויל אַרויפגיין, און מען האָט זי אָפּגעהאַלטן, מיטן מאָטיוו, אַז מען דאַרף דעם קראַנקען פריער צוגרייטן, איז שוין אַ צייט אַדורך. און קיינער האָט זיך דערפון נישט דערמאַנט... ווי מען וואָלט פאַרגעסן אָן איר. און אויך זי האָט שוין מער דערפון נישט גערעדט, נאָר האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ראָזנצווייג דערמאַנט זיך נישט אָן איר?.. קען עס דען זיין, אַז ער זאָל אָן איר נישט געדענקען?..

נאָר יעדן אָוונט איז זי אין הויז אָקעגניבער זיין וווינונג אַרויף און אַזוי לאַנג געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען די פאָרהאַנג וועט זיך אַוועקמאַכן און זי וועט קענען אויף אים אַ בליק וואַרפן... און וויפל מאָל איז זי אַ צעבראָכענע אַהיים נאָכן אומזיסטן וואַרטן...

* *
*

האַלבע נאַכט.

דער זייגער האָט לאַנג און פול געקלונגען, אָפּגעלאָגנדיק אַ טעמפּן ווידער־קול אין דער הוילקייט פון דער נאַכט. פון ברענענדיקן ליכט אויפן טיש פאַרשפּרייט זיך אַ שוואַכע, מעלאַנכאָלישע שיין איבער דער העלפט פון גרויסן, גרויען צימער.

לינקס בײַ דער וואַנט אויף אַ הויך געבעטן בעט, פאַרדעקט

ביזן האַלדז, זעט זיך דאָס בלייכע, איינגעפאַלענע געזיכט פון קראַנקען. זיין הויכער שטערן איז מיט אַראָפּפאַלנדיקע, צע־שויבערטע האָר פאַרוואָרפן, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט קיין כוח נישט געהאַט זיי פעסטער צוצודריקן, און אויף די אויסגעבלייכטע ליפן אַן אויסדרוק פון טיפן שמערץ. לעבן זיין בעט איז זיין חבר געזעסן און זיין יעדער באַוועגונג נאָכגעפאָרשט. דער דאָקטאָר האָט היינט דעם קריזיס פאָרגעזאָגט און אין די מינוטן איז עס געווענדט, וואָס וויטער וועט זיין.

פלוצלינג האָבן זיך אויפן קראַנקענס שטערן טיפע קנייטשן באַוויזן, די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך פעסטער צוזאַמענ־געדריקט, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט עפּעס צו זען. אויף די איינגעפאַלענע שלייפן האָבן טראָפּן־שווייס אַרויסגעשלאָגן.

אין גרויסן, גרוימען צימער איז טויט שטיל. עס הערט זיך נאָר דאָס שוואַכע אָטעמען פון קראַנקען און דאָס טעמפּע, רעגל־מעסיקע קלאַפּן פון אומרו אין זייגער. דאָס ברענענדיקע ליכט האַלט באַם סוף, און דאָס פלעמעלע קעמפט מיט אַלע קרעפטן, ווי עס וואָלט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון קנייטל, אָפּשלאָגנדיק אַ שאָטן אויף דער קעגנִיבערדיקער וואַנט, איבער דעם קראַנקענס בעט. אָט האָט זיך דער פלעמל־שאָטן איבער דער לענג פון דער וואַנט אויסגעצויגן, ביז צום סופיט פאַרקראָכן און מיטן שפּיץ ציִנגעל דאָרט זיך גע־נומען אָנשלאָגן, ווי עס וואָלט ווייטער וועלן קלעטערן און נישט געקענט... און אָט האָט עס זיך אַראָפּגעלאָזט, קליין זיך געמאַכט, ביז גאָר קוים, קוים אַ קליין פּינטעלע, אַ שפּיציקס זעט זיך. מיט־אַמאָל האָט זיך דער פלעמל־שאָטן מיט קראַפט אַ ריס געטון, אויס־געצויגן זיך דאָס לעצטע מאָל, קורץ, בליץ־שנעל, קאָנוולסיוו אויפ־געציטערט און פאַרזונקען אין זיך...

אין דרויסן האָט שוין אויף טאָג געגרויט. דורך די שויבן האָט זיך אַ שוואַך ליכט דורכגעשלאָגן און געבלייכט דעם קראַנקענס געזיכט. דער קראַנקער האָט די אויגן געעפנט און לייכט, דערקוויקנדיק אָפּגעאָטעמט. אַ שמייכעלע האָט זיך אויף זיינע בלייכע, פאַרטריקנטע ליפּן פאַרצויגן. לעבן זיין בעט איז זיין חבר געשטאַנען, און זיין ליבע שוועסטער האָט אים מיט אַ טוך דעם שטערן געווישט.

ראָזנצווייג האָט די אָרעמס צו דער שוועסטער אויסגעצויגן.

— עס האָט זיך מיר אַצינד אַזוי גוט געחלומט — האָט ער שוואַך גערעדט — איך האָב דעם טאַטן געזען, ווי ער מיט זיך פאַר מיר...

פון יענער נאַכט אָן האָט זיך ראָזנצווייגן שנעל געבעסערט, און ווען זיין חבר איז אַמאָל באַטאָג אַרויפגעקומען פון גאַס, האָט ער אים שוין געטראָפן אין שטוב זיך אַרומדרייען.

— חנהלע איז נאָך אין וואַרשע? — האָט זיך ראָזנצווייג דאָס ערשטע זיין חבר געפרעגט.

און ווען ער האָט אים געענטפערט, אַז יאָ, האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— היינט, ווען איך בין שוין אויף די פיס, וויל איך זי זען. פריער, ליגנדיק אין בעט און אָן לשון, וואָלט איך עס נישט איבערגעהאַלטן...

נאָך מיטאָג איז חנהלע צוזאַמען מיט לעאָנען און ביילטשעלען אַרויפגעקומען זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַטן, לאַנגען פאַלטאָ, מיט שאַרע פינטעלעך אַרום די ברעגן באַנייט.

ראָזנצווייג האָט זי אָנגעקוקט, און עס האָט זיך אים אויס-

געווין, אַז זי איז העכער אויסגעוואַקסן. איר געזיכט איז מיט אַ פרישער, געזונטער פאַרב געווען באַגאָסן, און די גרויסע קאַרשן־אויגן האָבן גליקלעך געשיינט...

די קינדער האָבן אים פון ביידע זייטן אַרומגעכאַפּט, און חנהלע האָט אים איר הענטל דערלאַנגט. און, נישט ווי איר געוווינהייט איז געווען, מיט אַ דרייסטן טאָן געזאָגט:

— אָט אַזוי האָט איר גוט געטון! גענוג אין בעט געלעגן!

ראָזנצווייג האָט זיך אויף די פיס נישט געקענט האַלטן און זיך אויף אַ שטול אַראָפּגעלאָזט.

— און ווי פילט איר זיך? — האָט חנהלע ווייטער געפרעגט — איר רעכנט געוויס אַ ביסל אַרויסצופאָרן?

ראָזנצווייג האָט געשמייכלט.

— יאָ, איך פאָר קיין אָטוואָצק אין אַ פּענסיאָנאַט אַריין אויפן גאַנצן ווינטער.

— ער האָט אַ מינוט נאָך געקלערט, און שוואַך, ווי פאַר זיך, גערעדט:

— איר וועט דאָך ווען עס איז זיך אַריבער כאַפּן צו מיר...

חנהלע האָט זיך פאַרוווּנדערט.

— אויפן גאַנצן ווינטער? — און ווי פאַרטראַכט געענטפערט: — נו, אַוודאי וועלן מיר אַרויסקומען...

ביילטשעלע האָט זיך צו ראָזנצווייגן צוגעריקט און זיך מיט זיין אויסגעדאַרטער האַנט געשפּילט און זי געצערטלט. בא חנהלעס לעצטע ווערטער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

— און איך גיט לעאָנעקן וועלן אויך אַרויסקומען!

יאָ, יאָ — האָט לעאָנעק אונטערגעכאַפּט — ווינטע ווען עס וועט זיין אַ גרויסער שניי, וועלן מיר אַרויסקומען; מען וועט זיך מיט קוילן שניי וואַרפן און מענטשן אויפשטעלן...

— די קענסט מאַכן אַ מענטש פון שניי? — האָט ער זיין שוועסטערל געפרעגט — באַנאַכט שטעלט מען אים אַוועק אונטער אַ פענסטער, אָדער פאַר אַ טיר...

ראָזנצווייג האָט זיך אָן שניי דערמאָנט און אַ לייכטן ציטער געגעבן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויך חנהלע האָט זיך אצינד אָן עפּעס דערמאָנט...

לאַנג האָט חנהלע באַ ראָזנצווייגן נישט פאַרבראַכט. די גאַנצע צייט האָט זי זיך געפילט פריי. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז נישט זי איז באַ אַ פרעמדן קראַנקען, נאָר באַ אירס אַ ברודער, אָדער אַ חברטע... זי האָט זיך מיט אים ענדלעך געזעגנט, אָנווינטשנדיק, אַז ער זאָל שנעל געזונט ווערן, און מען זאָל ווידער קענען די צייט צוזאַמען גוט פאַרברענגען...

באַ דער אָפּענער טיר האָבן זיך לעאָנעק און ביילטשעלע אָן ראָזנצווייגן אָנגעהאָנגען.

עס וועט זיין גוט, פּאַניע ראָזנצווייג מיר וועלן אַרויסקומען און מען וועט זיך שפּילן אין שניי...

VI.

שוין עטליכע טעג, ווי אַלץ איז אָנגעזאַפּט מיט אַ פייכטער פייכטקייט. דער הימל האָט שווער די לופט געדריקט און מיט בלייערנע טראָפּנס געגאָסן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער הימל וואָלט פון וואַסער געווען און דאָס פאַלט אַזוי דער הימל אַראָפּ...

אין איינעם פון די טעג האָט זיך ראָזנצווייג מיט זיין שוועסטער אויף אַ דראָשקע געזעצט, צו דער באַן קיין אָטוואָצק צו

פאָרן. ער איז געװען געבראָכן גייסטיק און פיזיש. קיין שום פאַרלאַנג האָט ער נישט געהאַט. אַ שרעקלעכע גלייכגילטיקייט האָט אים צו אַלעם און אַלץ באַהערשט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַזוי מוז זיך פילן אַזעלכער, װאָס איז צום טויט פאַרמשפט, און ער װייסט, אַז עס איז פאַרפאַלן און אַנדערש קען שוין נישט זיין... ער האָט זיך אָפּגעקערט פון די, מיט טרערן און רחמנות אָנגעפולטע, אויגן פון זיינע נאָענטע און פון צערטלעכן געזעגנען זיך פון זיינע ליבסטע. — אַװעק! װאָס װייטער פון צערטלעכקייט, האָט זיך אים געװאָלט. נאָר װען די דראָזשקע האָט דעם ערשטן ריר געטון, האָט עפעס אין האַרץ בײַ אים אַ צאַפּל געטון, ס'האָט שטיל און ציטריק געװיינט... ער האָט זיך מיט שטאַרע בליקן איינגעגראָבן אין די רינעס פון די דעכער, פון װאַנען עס האָט אָן אויפהער געגאָסן. און די מענטשן, װעלכע זיינען אין גאַס געגאַנגען איינגעהויקערטע אין זיך, מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און מיט די הענט אין די קעשענעס איינגעגראָבן — אַלע, האָט זיך אים געדאַכט, זיינען אַבלים... אַלע זיינען אין טרויער... און די רעדער האָבן זיך אין די אָנגעזאַפּטע קאַלוזשעס װאַסער צװישן די שטיינער געדרייט און טעמפ פאַרשטיקט געקרעכצט... אויך אין װאָקזאַל, פאַר דער באַן, װעמען ער האָט נאָר געזען, האָט זיך אים אויסגעװיזן, אַז אַלע זיינען מיט װייטאָק אָנגעזאַפּט...

אין װאַגאָן האָט ער זיך אין אַ װינקל פאַרקליבן און דורך די פענסטער-שויבן מיט די בליקן אין די פאַרביילויפנדיקע פעלדער און װעלדער זיך איינגעגראָבן. — אין מוח איז פוסט און אין האַרץ קאַלט!

און פלוצלינג האָט זיך פאַר אים אַ געזיכט אַװעקגעשטעלט...

אַ קליין ענגע גיש געזיכט, מיט קלוגע, גרויסע קאַרשן-אויגן, מיט טרויער אָנגעפולטע... און די אויגן קוקן אים טיף אין

דער נשמה, קריכן אים גלייך אין האַרץ אַריין... נאָר קיין טראָפּן וואַרעמקייט געפינט זיך נישט אין זיי פאַר אים... פרעמד זיינען זיי אים... דאָס געזיכט, וואָס איז פאַר אים ביז אַצינד דער סימבאָל פון ריינסטער הייליקייט געווען, איז אים פרעמד! און ער האָט עס פאַרטריבן פון זיך, ווי ער וואָלט דערפאַר מורא געהאַט...

אַ באַרירונג פון אַ וואַרעמער האַנט האָט אים איבערגעריסן די געדאַנקען: דאָס האָט אים די שוועסטער באַם אָרעם אָנגענומען: די באַן האָט זיך געשטעלט, און זי האָט אים געהאָלפן אויסשטייגן.

דער פּענסיאָנאַט, וועלכן עס האָבן מיט איינינע טעג צוריק ראָזנצווייגס שוועסטער און חבר געדינגען, איז נישט ווייט פון דער סטאַציע געווען. דריי שטיינערנע, האַלב-רונדע שטיגן האָבן געפירט אויף אַ גאָנעק אַרויף, מיט אייזערנע שטאַכעטלעך אַרום, פון וועלכן עס האָט זיך אַ קאָרידאָר אין אַ גרויסן זאַל אַריין געצויגן. די פּאָדלאָגע אין זאַל איז מיט אַ רויטער מאַשטש געווען פּאָטירט, און עס האָט זיך געפילט דער ריח פון דער נאָר וואָס אָנגעשמירטער פאַרב. איבער דער לענג זיינען פיין-סערווירטע טישן אויסגעשטעלט געווען און אַרום דעם זאַל — וואַזאָנען בלומען.

די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָנאַט, פרוי וואַקסמאַן, אַ נידעריקע, דיקע פרוי, מיט אַ רויטלעך פנים, אין אַ באָרדאָ, ברייט-צעלאָזן כאַלאַט, פאַרשפּילעט ביז אַראָפּ אויף ברייטע, פלאַכע מעשענע קנעפּ, האָט ראָזנצווייגן מיט דער שוועסטער אין פאַרוולונגס-זאַל אַריינגעפירט.

— זיצט, מיינע ליבע — האָט זי זיי געבעטן, אָנווייזנדיק אויף די ברייטע, באַמבאַסאָווע שטולן, און דערביי פאַרדעכטיק באַטראַכט איר גיי קעסט-קינד.

— ס'שאַדט נישט! — האָט זי ווייטער גערעדט — בײַ מיר חלעט ער ווערן אַ מענטש! ער וועט שוין עסן און גיין. און איבער־הויפּט דאָס געזונט — האָט זי זיך געשמייכלט...

— מאַכע! מאַכענקע! — האָט זי ווייטער גערופן צו אַ ייִנ־גען בחור, וואָס איז בײַ דער פּיאַנינאָ געזעסן און זיך די לעקציע שפּילן געלערנט — זייט אַזוי גוט!

מאַכע, הויך און גלייך געוואַקסן, מיט אַ פֿול, רויט פּנים, האָט זיך פֿאָרגעשטעלט.

— אָט וועט איר האָבן אַ „טאָוואַרישטש" — האָט די פּרוי וואַקסמאַן געדריקט דאָס וואָרט „טאָוואַרישטש", ווי זי וואָלט גע־געבן אָנצוהערן, אַז מאַכע איז אַ רוסישער.

— קיקט אָן אָט דעם ייִנגען, שיינעם בוים — האָט זי שטיל ראָזנצווייגס שוועסטער אויפֿן אויער אײַנגערוימט — קיין ערגערן, זאָג איך אײַך, לייגט מען אין גרוב נישט אַרײַן! — אַזוי האָט ער אויסגעזען, ווען ער איז צו מיר אָנגעקומען. און הײַנט, געלויבט צו גאָט און זײַן ליבן נאָמען — ווי אַ נוס, זאָג איך אײַך... נישט געזאָרגט! — האָט זי גלעט די שוועסטער בארויקט — איר מעגט גאַנץ רויִק אַהיימפֿאָרן, ער וועט דאָ ווערן אַ מענטש, און אויך הײמ־לעך וועט אים דאָ זײַן.

ווען ראָזנצווייגס שוועסטער האָט זיך געגרייט געזעגנען, האָט זיך די פּרוי וואַקסמאַן צו ראָזנצווייגן האַרט צוגעשטעלט און זיך צושאָקלענדיק לאַנגזאַם גערעדט:

— פֿון הײַנט אָן זאָלט איר וויסן זײַן, פּאַניע ראָזנצווייג, איז אויס שוועסטער, אויס ברודער, אויס טאַטע און אויס מאַמע! איך בין אײַער פֿלעגע־מוטער... און איר מוזט מיך אין אַלעם בלינד פֿאָלגן. ווען איך וועל זאָגן עס, זאָל זײַן עסן! און ווען איך וועל הייסן שלאָפֿן, זאָל זײַן שלאָפֿן...

ראָזנצווייגס שוועסטער האָט זיך אַ צופרידענע אָפּגעזעגנט.

באַלד האָט מען דאָס מיטאָג דערלאַנגט. ראָזנצווייג, האָט זיך צו זיינע מיטעסערס צוגעקוקט. די געזעלשאַפט איז אַממייסטן פון יונגע פרויען באַשטאַנען און, ווי עס פירט זיך, ווען עס זיצט דאָס ערשטע מאָל אַ פרישער גאַסט באַם עסן, האָבן זיי זיך געהאַלטן שטייף און שטילשווייגנדיק, נאָר פון צייט-צו-צייט האָט זיך וועלכע צו דער שכנטע צוגעבויגן און עפּעס שטיל איר אין אויער אַריין גערעדט...

נאָכן מיטאָג איז ער צו זיך אין צוגעגרייטן צימער אַריין און שוין אין דעם טאָג אויפן זאַל נישט אַרויס.

צומאָרגנס, נאָכן פרישטיק, איז צו אים די פרוי וואַקסמאַן אין צימער אַריין.

— נו, ווי איז זיך די נאכט געשלאָפן? — האָט זי אים זיס געפרעגט.

ראָזנצווייג האָט געדאַנקט: — ניש-קשה.

— און אַצינד, זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר!

— ווי ווילט איר עס מיך פירן? — האָט זיך ראָזנצווייג בעוואונדערט.

די פרוי וואַקסמאַן האָט אַ פינגער אויף דער נאָז אַרויפ-געלייגט:

— אַזוי גאָר! האָט איר שוין פאַרגעסן, וואָס מיר האָבן נעכטן אָפּגערעדט? אַלץ מוזט איר מיך פאָלגן אומגעפרעגט.

זי האָט אים באַ אַ האַנט גענומען, און ער איז איר מיט אַ שמייכל נאָכגעגאַנגען איבער דעם לאַנגען, האַלב-טונקעלן קאָרידאָר, נאָכדעם אויף רויט געפאַרבטע שטיגן און ווידער איבער אַ לאַנגען קאָרידאָר, מיט טירן פון ביידע זייטן. ענדלעך האָט זי אַ גלעזערנע טיר געעפנט און אים אויף דער וואַרענדע אַרויסגעשטופּט.

די ערשטע מינוט איז ראָזנצווייג געבליבן שטיין און נישט געוווסט, וווּ ער געפינט זיך.

איבער דער גאַנצער לענג פון דער וואַרענדע, וואָס האָט זיך איבערן גאַנצן הויז געצויגן, זיינען הילצערנע, ווייסע בעטלעך, ענלעך צו שפּיטאָל-טראַגעס, אויסגעשטעלט געווען. אויף יעדער טראַגע איז אַ קישן געלעגן, און אויף דעם קישן אַ קאָפּ, וואָס האָט פון אונטער אַ ווייסער דעק אַרויסגעקוקט...

ראָזנצווייג איז אין פאַרלעגנהייט געשטאַנען, נאָר די פּרוי-וואַקסמאַן האָט אים באַ דער האַנט צו אַ ליידיק בעטל צוגעפירט.

— און אַצינד אַרויף! — האָט זי באַפוילן.

ראָזנצווייג האָט מעכאַניש געפאָלגט, און יאַנינאַ, אַ יינגע גע-זונטע שיקסע, האָט אים מיט דער דעק די פיס פאַרוויקלט...

אין דרויסן איז נאָך אַלץ דער דראָבנער, עסעדיקער רעגן בעגאַנגען, און געבלאָזן האָט דאָס זעלבע ווינטעלע, וואָס האָט זיך אין לייב איינגעגעסן און עס ציטערן געמאַכט. אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית-הקברות, האָט אויף דער וואַרענדע געהערשט. ראָזנצווייג האָט זיך אַרומגעקוקט. לעבן אים אויף אַ בעטל איז מאָכע, דער הויכער, דער ווי אַן אָקס געזונטער, אומבאַוועגלעך געלעגן, און אין די אויגן האָט אַ פייערל געגליט. ווייטער אַביסל האָט אַ יינג פרויען-געזיכט פון אונטער דער דעק אַרויסגעקוקט, די אויבערשטע טייל באַקן שטאַרק פאַרוויטלט... און אין די אויגן האָט אַ פייערל געגליט. ווייטער אַביסל האָט זיך אַ יינג, בליענדיק מיידל, מיט אַ קיילעכ-דיק סאַמעט-פּנים די נעגל פון אירע ווייסע, איידעלע הענט געפוצט. און ווייטער כסדר אומבאַוועגלעכע קעפּ... אַלע זיינען פאַר זיך, ווי פרעמדע געלעגן, און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַזוי

און אייביק אָן געלעגן, מיט די פּנימער אַרויף, מיט אויסגעשטאַרצטע פֿינגער, ווי זיי וואָלטן זיך צו אַ ווייט־אָפּקלינגענדיקער טרויער־מעלאָדיע צוגעהערט...

ראָזענצווייג האָט איין מאָמענט געוואָלט פֿון זיך די דעק אַראָפּוואַרפֿן, זיך אויפֿרייסן און אַנטלויפֿן פֿון דער מתים־שטילקייט, נאָר ער האָט אַ שטאַרקע שטעכונג אין פּלייצע דערפֿילט, און ער איז ווייטער געבליבן ליגן...

די שעהן האָבן זיך ווי גאַנצע יאָרן געשלעפּט. פֿון צייט־צו־צייט האָט זיך פֿון וועמענס אַ ברוסט אַ פֿאַרשטיקטער הוסט אַרויסגעריסן, האָט אַ צווייטער און אַ דריטער אונטערגעכאַפּט אַ פֿירטער האָט זיך פֿאַרקייכט פֿאַר זיך... און ווידער איז שטיל געוואָרן, ווי טויטע וואָלטן געלעגן...

עס האָט זיך אַ קלינגען פֿון קאָרידאָר דערהערט. און ווי אַלע וואָלטן ספּעציעל געלעגן און אויף דעם קלינגען געוואַרט, האָבן זיך די דעקעס אין איין מינוט אַראָפּגעגליטשט, אַלע זיינען פֿון די בעטלעך אַראָפּ, זיך פֿויל אויסגעצויגן, און צורעכטמאַכנדיק זיך, זיינען זיי מיט אַ גערויש אין זאַל אַראָפּ.

דאָס האָט מען אויף מיטאָג געקלינגען.

מאַכע איז צו ראָזענצווייגן צוגעגאַנגען:

— נו, ווי געפֿעלט אייך דאָס לעבן דאָ? האָט ער אים מיט אַ טיף ליטווישן אַקצענט געפֿרעגט.

— דאָס לעבן דאָ! — האָט ראָזענצווייג סאַרקאַסטיש נאָכגעזאָגט — און ווי לאַנג פֿאַרברענגט איר שוין אַזאַ לעבן?

מאַכע האָט פֿאַרשעמט געשמייכלט, ווי ער וואָלט אין דעם עפּעס שולדיק געווען.

— איך ווייס נישט צי מען קען דאָס אָנרופֿן מיטן נאָמען

לאַנג. אַ יאָר שוין זינט איך געפֿין זיך דאָ, און ווייסט איר, וואָס עס בעדייט אַ יאָר אַזוי לעבן דאָ?

ראָזענצווייג האָט אים אָנגעקוקט און אויסגעלענט דעם גאַנצן פּיין, וואָס ער האָט אין האַרץ געטראָגן.

מאָכע האָט ווייטער גערעדט:

— אַ יאָר פֿול מיט ערינערונגען פֿון טייערע, ליבע געשטאַלטן, וואָס געפֿינען שוין זייער רו דאָרט, וווּ קיינער קען עס זיי נישט שטערן...

ראָזענצווייג האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר ער האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון אַ נאַסן, קאַלטן גרוב...

מאָכע האָט ווייטער גערעדט, שפּאַצירנדיק מיט ראָזענצווייגן איבערן גרויסן געפּוצטן זאַל

— זומער איז נאָך דורכצוקומען: אַלץ איז פֿריי און אָפֿן, און עס גנבעט זיך נאָך אַריין אַ פֿונק האָפֿענונג. קומט אָבער דער לאַנגער, בייזער ווינטער — אַך גאָט, אַך גאָט!..

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, איז בײַ אים דאָס געזיכט געווען פֿאַרקרימט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך לאַנג אין דער שטיל געפּייניקט און ענדלעך געפֿונען פֿאַר וועמען אויסצודריקן דאָס, וואָס עס דריקט אים אַזוי...

— איר זעט אָט דאָרט באַם פֿענסטער יענע אַמעריקאַנערין?

— האָט ער ראָזענצווייגן מיט די אויגן צום פֿענסטער געוויזן — די מיט די רויטע קינבאַקן — איך זאָג אַמעריקאַנערין, ווייל אַזוי רופֿן מיר זי דאָ. אָבער זי איז גאָר פֿון וולאָצלאַוועק, נאָר איר מאַן איז אין אַמעריקע — רופֿן מיר זי אויף זיין נאָמען. קוקט זי אָן! די גאַנצע מלחמה־צייט האָט זי פֿון איר מאַן נישט געהערט, געלעבט אין גרויס אָרעמקייט מיט אירע דריי קינדער פֿאַר דעם, וואָס זי האָט פֿון שניידעריי פֿאַרדינט. און דאָ האָט זי מיטאַמאָל

און פלוצלינג פון איר מאַן בריוו און געלט געקריגן. און ער קומט טאַקע אַהער זי מיט זיך קיין אַמעריקע מיטנעמען. איז זי דאָ אַהער אַראָפּגעקומען זיך אַ ביסל צו „ערהאָלן“... און ווייסט איר, ווו זי וועט זיך קענען ערהאָלן?

מאַכע האָט דאָס וואָרט „ערהאָלן“ לענגער געצויגן און דערביי ראָזנצווייגס געהיים־ספּול אין די אויגן געקוקט...

פאַר זיי איז פאַרביי אַ יינגל פון אַ יאָר זעכצען, די זעלבע הייך וואָס מאַכע, מיט אַ לענגלעך, ווייך געזיכט. אויף דער אייבער־שטער ליפּ האָבן זיך אים קוים בלאָנדע, דינע הערעלעך גענומען אויסשיטן. מאַכע האָט אים צוגערופן:

— חיימעק, קומט נאָר אַהער!

— אָט, דעם איז גוט — האָט מאַכע געוויזן אויף חיימעקן — זאָרגט נישט, איר זאָלט זאָגן, אַ האָר, עסט און טרינקט און חלומט קיין פּאַלעסטינע צו פאָרן — און פטור...

חיימעק האָט זיך דראָבנע שנעל צעלאַכט: — און אָט דעם ביקל, ווי איר קוקט אים אָן? — האָט ער אויף מאַכע צוריק געוויזן — האָט זשיך איינגערעדט, ער איז קראַנק און זשיך אויפֿי אָרן אַוועקגעלייגט אָט אַדאָ!..

דאָס מיטאָג איז שוין גרייט אויפן טיש געשטאַנען, און אַלע דריי האָבן זיך צוזאַמען באַם טיש געזעצט.

די „אַמעריקאַנערין“ האָט זיך אין מיטן עסן אַ פרייילעך לידל אונטער דער נאָז צוגעזונגען.

— אַ מעשה אויף איר דאָרט — האָט זיך חיימעק צוגע־ווּיצלט — איר זשינגט זשיך! איר איזש וועיל! פאָרט שוין באַלד אין גאָלרענעם לאַנד, און אונדז לאָזט זשי זשיך איבער.

— מאַכע האָט ראָזנצווייגן פון אונטן געצופּט...

— ניין, ניין — וואָס דען האָט איר געמיינט? — האָט די

אַמעריקאַנערין געקוואָלן — איך וועל זיצן דאָ מיט אייך און הערן, ווי איר קרעכצט? נאָך צוויי וואָכן און אַדיו — איר האָט מיך נישט דאָ

זי האָט גע עדט מיט היץ און די באַקן זיינען איר אײַנ־געגאַנצן מיט רויט פאַרלאָפן געוואָרן.

— שטעלט אייך פאָר — האָט זי ווייטער גערעדט — דריי יאָר א וואָרט נישט געהערט! און דאָ מיט דריי פּיצלעך קינדער... איך האָב געמיינט מיין סוף קומט אָן א הילף. און דאָ פּלוצלינג מיט איינמאָל אַזוי פיל!

זי האָט אַרויסגעזאָגט דעם „אַזוי פיל”, ווי זי וואָלט געוויזן אַלע ווי פיל... און אין די אויגן האָבן זיך איר טרערן געשטעלט...

אין אָוונט זיינען זיך אַלע אין פאַרוויילונגס־זאַל צוזאַמענ־געקומען. פרוי ליסעווסקאַ, אַן אינטעליגענט געזיכט פון אַ יאָר פערציק, פון מיטלער וווקס, מיט פיינע כאַניערן, האָט אויף דער פּיאַנינע אַ פריילעכן וואַלס אויסגעשפּילט.

די אַמעריקאַנערין האָט דעם אַלטן, קליינעם לערער געכאַפּט און צום טאַנצן אים געשלעפּט... דער לערער האָט די קורצע פיסלעך געשלעפּט און, צורעכטמאַכנדיק זיך כסדר די בלויע ברילן, וואָס האָבן זיך אים אויף דער נאָז נישט געוואָלט האַלטן, האָט ער זיך אויף פּויליש געבעטן:

— לאָזט געמאַכט! לאָזט געמאַכט! נעמט אייך בעסער א יינגערן...

אַלע האָבן געלאַכט און צוגעגעבן דער אַמעריקאַנערין מוט, זי זאָל אים נישט אָפּלאָזן...

אין זאַל איז אַריינגעקומען אַ פרוי פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, מיט פעך־שוואַרצע האָר און נאָך שוואַרצערע אויגן... איר לענגלעך געזיכט איז געווען בלאַס און אָנגעשטאָפּערט, נאָר דאָס גאַנצע ביסל

בלויז האָט זיך [illegible], קליינע ליפּן פאַרזאַמלט. זי האָט זיך אין מ[illegible]ן זאַל אָפּגעשטעלט און זיך צוגעקוקט, ווי די אַמעריקאַנערין שלעפּט דעם אַלטן לערער מיט אַלע כּוחות...

מאַכע האָט ראַזנצווייגן אין אויער איינגערוימט:

— אָט אָ די, וואָס איז אַצינד אַריינגעקומען, די מיט די שוואַרצע אויגן, די איז אייערס אַ שכנטע, אַ וואַנט דורך אַ וואַנט מיט אייך.

— און וואָס איז עס איר? — האָט ראַזנצווייג געפרעגט.

— זי איז שוין דאָ די פירטע וואָך. דער דאָקטאָר זאָגט איר, זאָגט זי, אַז דאָס זייגן שאַדט איר, און זי איז אַרויסגעקומען זיך אַ ביסעלע אויסרוען...

— און אָט יענע שיינע פריילין, וואָס לאַכט דאָרט מיט דער פרוי ליטעווסקאַ — וואָס איז איר עס? — האָט ראַזנצווייג אָנגעוויזן אויף דער זעלבער פריילין, מיט די סאַמעט-בעקלעך, וואָס האָט זיך אויף דער וואַרענדע די נעגל געפּוצט.

אויף מאַכעס געזיכט האָט זיך אַ לייכטע פאַרב צעגאָסן...

די פריילין באַשקע, מיינט איר? — קראַנק!

ראַזנצווייג האָט געזען, אַז ער האָט מאַכען אין אַ פאַרלעגנהייט געבראַכט, זיין שוואַכע זייט אָנגערירט, און ער האָט דאָס געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש אָנגעווענדעט.

די אַמעריקאַנערין האָט דערווייל דעם לערער אָפּגעלאָזט און אַליין זיך אין אַ ווינקל פאַרקליבן. די פלאַכע ברוסט באַ איר האָט זיך אויף-און אָפּ שטאַרק געהויבן. אין עטלעכע מינוט אַרום שפּעטער האָט זי דעם זאַל פאַרלאָזט...

ווען ראַזנצווייג האָט דורכן זאַל דורכשפּאַצירט, האָט אים דער לערער צוגעבעטן צו זיך:

— איר פאַרשטייט רוסיש? — האָט ער אים שטיל אויף-

פויליש געפרעגט, און ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז יאָ, האָט ער אַ קליין הוסטעלע געגעבן און פון בוזעם פאַמעלעך, ווי מען שלעפט אַן אוצר, אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן אַרויסגעצויגן.

— לייענט, מיין הער! —האָט ער געבעטן.

ראָזנצווייג האָט אַ פאַרוואונדערטער מיט די אַקסלען געקוועטשט.

— דאָס זיינען די פּאַפּירן מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז דער הער גרינשפּאַן האָט געענדיקט אויף בערג-אינזשעניער.. און ווייטער קאָפּיעס פון ביטעס אין מיניסטעריום, אַז מען זאָל דעם הער גרינשפּאַן, דעם, וואָס האָט געענדיקט אין דעם און דעם יאָר, דאָ און דאָ, אויף בערג-אינזשעניער, באַשטימען אויף אַ העכערן פּאָסטן...

ראָזנצווייג האָט דעם לערער שטוינענד אָנגעקוקט. און דער לערער, ווי ער וואָלט צופרידן געווען, וואָס ער האָט ראָזנצווייגן אַזוי פאַראינטערעסירט, האָט ער אים אין אַ זייט אַריין אָפּגערופן און אין אויער שטיל אויף פויליש איינגערוימט:

— איר מיינט אַוודאי, אַז איך בין אויך קראַנק? אָט ווי איר זעט, וואַרט איך אויף ענטפער, מען זאָל מיך באַשטעטיקן אויף אַ העכערן פּאָסטן. און דערווייל רו איך מיך דאָ אָפּ...

אַלע אין זאַל האָבן זיך צוגעקוקט פון ווייטנס און פאַרשטיי... ט געלאַכט... מאַכע האָט ראָזנצווייגן גערופן. — גיט מיר אַ דאַנק — האָט ער צום צוקומענדיקן ראָזנצווייגן געזאָגט — אָט די זעלבע סצענע שפּילט זיך אָפּ בײַ יעדן פריש-אָנגעקומענעם... און ווען איך רוף אייך נישט אַוועק, וואָלט ער אייך ביז חלשות אָפּגעהאַלטן...

נאָכן אָוונט-ברויט איז זיך יעדער צו זיך אין צימער אַוועקגעגאַנגען.

ראָזנצווייג איז אויפן בעט אַ טויט-מידער געפאַלן. אין מוח איז בײַ אים געווען אַזוי שטיל און רויק, ווי אין צימער...

VII

מאַכע האָט געבעטן:

— זאָל זיין אזוי, ראָזנצווייג! צו וואָס ליכט אָנצינדן? אַזוי איז פיל אָנגענעמער...

אין צימער איז געווען האַלב טונקל. פון דרויסן האָט זיך דאָס זשומען פון ווינט דערטראָגן. ראָזנצווייג מיט חיימען האָבן זיך אויף דער קליינער סאָפקע אוועקגעזעצט און מאַכע קעגניבער אויף אַ ברייטער, באַמבוסאווער אָנלען־שטול האָט ביידע עלנבויגנס אויף די קני אויפגעשטעלט און דאָס פנים אין די הענט באַהאַלטן.

אַלע דריי זיינען געזעסן שטיל פאַרזונקען, ווי זיי וואָלטן ערגעץ אין אַ קעלער געלעגן באַהאַלטן.

חיימעק האָט מאַכען באַ אַ האַנט לייכט אָנגענומען און מיט אַ ציטערדיקער שטימע שטיל געבעטן:

— דערציילט, מאַכענקע, ווי אזוי איז עס געווען?

מאַכע האָט זיין שווערן קאָפּ אויפגעהויבן. זיך אין אַלע ווינקעלעך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיך ווער נישט צוהערן, און געקרעכצט:

— ווי אַזוי עס איז געווען! ווי אַזוי עס איז געווען! עס איז געווען אַרום איינס באַנאַכט. איך בין נאַר וואָס געהאַט איינגעשלאָפן, ווי איך הער אַ לייכטן קלאַפּ באַ מיר אין דער וואַנט, לעבן וועלכער מיין בעט שטייט — איך כאַפּ מיך האַסטיק אויף, הער זיך איין — אַלץ איז שטיל! מיין איך, אַז דאָס האָט זי זיך

אין בעט אין מיטן שלאָף אַ קער געטון, לייג איך מיך צוריק. ערשט איך הער אַ צווייטן קלאַפּ, און דער שוין אַ שטאַרקע־רער. — וואָס איז דאָס? — האָב איך מיר געטראַכט — דער מאַן אירער איז דאָך בײַ איר דאָ דאָרט! געקומען די נאַכט צופאָרן! און ווי איך טראַכט אַזוי — מיטאַמאָל אַ סך שטאַרקע קלעפּ, אַז די וואַנט טרייסלט זיך.

— איך כאַפּ שנעל אויף מיר עפּעס און לויף אַרויס. אין דער פינסטער זוך איך אָפּ די טיר אירע און עפן זי גלייך אויף — און — גאָט מיינער, אַך גאָט, גאָט! — האָט מאָכע פון דער שטול מיטאַמאָל זיך אויפגעכאַפּט, דעם קאָפּ צווישן די הענט באַהאַלטן און הין־און־צוריק איבערן צימער גענומען שפּרייזן, רעדנדיק שנעל מיט אַ הייזעריקער שטימע: — דער מאַן אירער איז האַלב אָנגעטון אויף איר בעט געזעסן, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און זי, אַ נאַקעטע, ליגט אויף זיין שויס, דער קאָפּ הענגט אַרונטער, דער האַלדז ווי צום שעכטן אויסגעצויגן, אויף דער פּאָדלאָגע איז אַ קאַלוזשע בלוט פול, און אירע האָר וויקן זיך דאָרט... — מענטש! — האָב איך געשריגן — וואָס טוט איר? — און אַליין נישט געוווסט, וואָס מען טוט... געקוקט אויף אים, ווי פון זיין מויל האָט אַ ווייסע שוים געשלאָגן... איך האָב איר פאַרבלוטיקטן קאָפּ מיט מיינע הענט גענומען... אַך גאָט! גאָט! אים אויפן קישן אַוועקגעלייגט... אָבער קאַלט, קאַלט איז ער שוין אין מיינע הענט געווען...

מער האָט ער נישט געקענט רעדן. זיינע אייגן האָבן אין דער פינסטער ווילד געגלאַנצט. ער האָט זיך צוריק אויף דער שטיל האַסטיק אַוועקגעזעצט און זיך איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט אַצינד דאָס שרעקלעכע בילד געזען...

אַלע דריי זיינען אין שרעק געבליבן זיצן, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס שרעקלעכס, אומפאַרמיידלעכס, געוואַרט. פּלוצלינג האָט

זיך מאַכע, ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס אַרויסגעריסן, — אויפגעשטעלט, חיימעקן מיט ראָזנצווייגן באַ די הענט געכאַפּט און געשלעפט.

— קומט אַרויס! קומט אויפן זאַל אַרויס!

אַלע דריי האָבן דאָס פינסטערע צימער פאַרלאָזט.

אין זאַל אונטן איז פריילעך געווען. די פרוי ליטעווסקאַ האָט אויף דער פּיאַנינע אַ לעבעדיקע פּאָלקע אויסגעקלאַפּט, און די פרוי וואַקסמאַן האָט די געסט צום טאַנצן געשלעפּט... ווען די דריי זיינען אַריינגעקומען, איז זי צו זיי צוגעלאָפן און אַרומכאַפּנדיק אַלע דריי, אין מיטן זאַל אַריין זיי געשלעפט און זיך מיט זיי שנעל גענומען אַרומדרייען... אַלע האָבן הויך געלאַכט, און בײַכדעם האָבן זיך די ווייבער צום טיש געזעצט און אין לאָטערעקע גענומען שפּילן.

די פרוי וואַקסמאַן האָט זיך אין קאָרידאָר אַרויסגעכאַפּט, ווי זי האָט איר שותף אין אַ זייט אַריין אָפּגערופן און שטיל, געהיימניספול געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך? שוין אין אָרדנונג?

און יענער האָט מיט דעם זעלבן געהיימניספולן טאָן געענטפערט:

— שוין אַרויסגעפטרט. נאָר זי וועט נאָך איבער נאַכט אַזוי אויפן בית-עולם מוזן איבערליגן, און פאַרטאָג וועט זי צו קבורה קומען...

ראָזנצווייג האָט אַ בריה פון חנהלען דערהאַלטן, און גאָרנישט,

ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט מיט אים פאַרגעקומען, שרייבט זי אים, אַז זי האָט געהערט, אַז עס איז דאָרט אין פענסיאָנאַט גאַנץ היימלעך און פרייליך... מען שפּילט, מען טאַנצט און מען לאָזט זיך וווּיל גיין... און זי איז אים באמת מקנא, וואָס ער קען זיך פאַרגינען אַ ביסל די צייט גוט צו פאַרברענגען. ער האָט דעם בריוו אין דער האַנט געהאַלטן, נאָכאַמאָל אים איבערגעלייענט, און ווידער אַמאָל איבערגעליינט און אים קאַלט אַוועקגעלייגט.

ווער שרייבט דאָס אים? אַ פריינדין? אַ געליבטע? וואָס געהערט אים אָן די מיט די גרויסע קאַרשן-אויגן? איבריקנס, וואָס גייט דאָס אים אָן, וואָס זי איז אים? אַ פרעמדע, אַ באַקאַנטע, אַ פריינדין — אַלץ איינס...

ער האָט לאַנג געקלערט, וואָס חנהלען צו ענטפערן. זאָל ער איר שרייבן דעם אמת, ווי עס לעבט זיך אים דאָ? דאָס וועט הייסן ער וויינט פאַר איר... און זי וועט רחמנות האָבן אויף אים... באַדויערן אים... ניין, דאָס וויל ער אויף קיין פאַל נישט.

און ער האָט איר געענטפערט, אַז ער פילט זיך זייער גוט, פאַרברענגט דאָ פריילעך די צייט: מען שפּילט און מען טאַנצט... און אויב זי איז איםווירקלעך מקנא, קען זי זיך אַביסל אַריבערכאַפּן אַהער צו אים.

ווען ער האָט איר געהאַט אַנגעשריבן דעם ענטפער, איז ער ווי געווינטלעך, אויף דער וואַרענדע אַרויס און זיך אויפן בעטל געלייגט. די גאַנצע צייט האָט זיך אים אין קאָפּ געפּלאָנטערט דאָס, וואָס ער האָט אין חנהלעס בריוו געלייענט... יעדעס וואָרט, וואָס זי שרייבט, האָט ער באַטראַכט, וואָס זי מיינט דערמיט... עס האָבן נישט געהאָלפן די פאַרוואָרפן, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אין איין מאַכן, וואָס ער האָט אי[illegible]צוקלערן אין חנהלעס ווערטער. וואָס גייט זי אים דען אָן? [illegible] עס ער צו קלערן פון איר?

די טיר פון דער וואַרענדע האָט זיך געעפנט, און אַלע האָבן די קעפּ צו דער טיר אויסגעדרייט. שרהלע האָט מיט די אויגן איבער די בעטלעך געזוכט. ראָזנצווייג האָט האַסטיק אויפגע־כאַפּט און צו איר צוגעלאָפן. ער האָט זי אַ צעמישטער באַ דער האַנט געשלעפּט, נישט לאָזנדיק זי זיך נענטער צו די בעטלעך צו־קוקן.

— קומט אַראָפּ פון דאַנען! צו מיר אין צימער קומט אַראָפּ! — האָט ער געשטאַמלט.

ער האָט זי צו זיך אין צימער אַראָפּגעפירט. שרהלע האָט זיך אין מאַנטל אויף אַ שטול געזעצט און ראָזנצווייגן מיט צופרידנ־הייט באַטראַכט.

— איר זעט שוין פיל בעסער אויס! — האָט זי זיך גע־פרייט.

ראָזנצווייג האָט נישט, געוואָלט וואָס צו טון פאַר גדולה...

ער האָט פלוצלינג אַן אָנגענומענע ווייטאָק אונטערן האַרץ דערפילט... און עס האָט זיך אים געוואָלט צו שרהלעס ברוסט צופאַלן, זיך טולען און וויינען...

ער האָט איר האַנט אָנגעכאַפּט, זי געגלעט און כסדר איבער־געחזרט:

— ס'איז גוט, וואָס איר זענט געקומען, שרהלע! — ווי גוט איר האָט געטון, וואָס איר זענט געקומען!

ער האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ צעגייט אין אים פאַר אָנ־גענעמע ווייטאָק...

שרהלע האָט זיך אים אויף יעדן פּיצל אויסגעפרעגט. און איז צופרידן געבליבן, וואָס ער פילט זיך דאָ גוט... אַ גאַנצן טאָג איז זי מיט אים אָפּגעזעסן, פון פאַרשיידנס גערעדט און אָן אַ סך אָנגענעמע מינוטן זיך דערמאָנט...

— עס וועט נאָך אַלץ גוט זיין! — האָט אים שרהלע פאַר־זיכערט — איר וועט זיין געזונט און זיין דער זעלבער, וואָס פריער...

פאַרנאַכט האָט זי זיין קאָפּ אויף איר שויס געלייגט און אים שטיל, זיס צוגעזונגען. עס האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, ער זיצט מיט איר אין אייגעם פון יענע אָוונטן אויף דער אָטאָמאַנע אין דער פינסטער, און זי זינגט אים אירע זיסע שטימונגספולע לידער...

— איר ווייסט? — האָט זי אים איבער די האָר געגלעט — חנהלע וועט צו אייך אַרויסקומען: נאָר קומט אַ ביסל פריער צו זיך.

אין ראַזנצווייגס האַרץ האָט זיך עפּעס דערוועקט, אַזעלכס, וואָס ער האָט שוין פאַר אָפּגעשטאָרבן געהאַלטן... איז דאָס נאָך מעגלעך? נאָר ער האָט אַצינד דערפון נישט געהאָלט קערן, עס איז אים אַצינד גוט..

פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט:

— שרהלע! איך וועל אייך פאַרלייענען אַ בריוו, וואָס איך האָב צו אייער אָטאָמאַנע אָנגעשריבן..

שרהלע האָט געלאַכט פון זיין אייגפאַל און צופרידן צוגע־שטימט.

— לייענט, נאָר רויק, רעגט אייך נישט אויף.

ראָזנצווייג האָט פון טיש־קעסטל אַן אָנגעשריבן פּאַפּיר אַרויס־גענומען, נאָכאַמאָל עס איבערגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אַזעלכס, וואָס ער זאָל אפשר נישט לייענען, און מיט אַ ציטעריקע שטימע אָנגעהויבן:

„זעסטו, טייערע! צייטן בייטן זיך. אַמאָל בין איך געלעגן אין דיין שויס און מיר געשפּינען מיינע פאַנ־טאַזיעס.. און הייגט בין איך ווייט פון דיר און קלער

נאָר פון דיר... די שטוינסט, מיין ליבע? האָסט געצייכנט, אַז שוין פאַרגעסן האָב איך אָן דיר? און האָסט מיך פאַר וואָס אומדאַנקבאַרן געהאַלטן? ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט עס מיר זייער, זייער ווי געטון. נאָר עס גלייבט זיך מיר נישט, אַז די זאָלסט אַזוי קלערן וועגן מיר. ווייל דו, נאָר דו קענסט דאָך מיך אַזוי גוט! אַלץ, אַלץ, מיינע ליידן און פריידן — אַלץ איז דיר באַקאַנט... אין יענע מינוטן, ווען איך האָב מיך פון אַ מענטשלעך אויג באַהאַלטן, ווען איך האָב געוואָלט אַליין זיין, בין איך צו דיר געקומען, און דו האָסט מיך אַלע מאָל, ווי אַ טרייע מוטער אויפגענומען... האָסט מיך אַלע מאָל פאַרשטאַנען, מיך געטולעט צו זיך, געוואַרעמט און געגלעט. מיינסטו, אַז איך האָב דאָס שוין אַלץ פאַרגעסן? און אַצינד, לאָז זיך דיר דאַכטן, בין איך ווידער געקומען צו דיר, דו טולעסט מיך צו זיך און איך דערצייל דיר ווידער שטיל פליסטערנדיק מיינע געדאַנקען...

פינסטער, שטיל איז די נאַכט. אַלץ אַרום שלאָפט. די בלומען שטייען גלייך אויסגעשפּוצט, קיין ריר פון אַ צווייגל, קיין ציטער פון אַ בלעטל, די גראָזן ליגן צוגעקוועטשט אונטער דער לאַסט פון דער נאַכט. דער הימל הילט אַלץ אונטער זיינע שוואַרצע פליגל.

איך זיץ אויף דער וואַרענדע, דעם קאָפּ צום הימל פאַררייסן און קוק ווייט, ווייט! איך זוך אַ שטערן... כאָטש אַ קליינעם... ווי ליב איך האָב די קליינע, ליבע שטערנדלעך, ווען דער הימל איז לויטער, בלוי, ווי זיי שפּרונגען און שטיפן אַרום אַט ווינקט צו מיר אַ קליין פּיצעלע שטערנדל, פאַרקוקט זיך אויף מיר, פאַרגעסט זיך און גיט אַ פאַל...

און דאָרט העכער זיצט אַ גרויסער, פינקלדיקער שטערן, צאַפּלט און ווינקט אויסגעלאַסן... עס גלוסט זיך הילכיק לאַכן...

נאָר אומזיסט איז אַצינד מיין זוכן זיי.

פינסטער און שווער הענגט דער הימל. באַהאַלטן האָבן זיך די גרויסע און קליינע שטערן. און איך לאָז אַראָפּ די אויגן, דערדריקט און איינגעשטילט. עס איז שווער, נאָר עס איז גוט אַזוי צו זיצן איינזאַם, פאַרשלאָסן אין זיך, ווייל ווען מען איז אַליין, טראָגט זיך לייכט און אנדערע וועלטן אַריבער...

אַ קיל ווינטעלע איז פון ערגעץ שטיל אָנגעקומען און צעשפּילט זיך לאַשטשענדיק איבער מיין געזיכט. די אויגן שליסן זיך שווער צו. און ליכטיק איז אין צימער, העל און פריילעך. עס איז פריילעך אויפן האַרץ און עס ווילט זיך לאַכן און שפּרונגען — אָ, ווען איך זע דאָ, די ברוינע אויגן מיטן שטייפ, ענערגישן נעזל... דאָס קליינע אַראָפּהענגענדיקע ליפּל... קום אַהער, קליינע וואָס שטייסטו נאָך דאָרט? גיב אַהער דאָס קליינע, פאַרבויגענע גאָמבעלע! און דיינע קליינע, רויטע ליפּעלעך דערלאַנג! זעסטו מיך דען נישט? אָדער ווילסטו נישט גיין צו מיר? נו, וועל איך צו דיר גיין! זעסט? איך האָב שטאַרקע הענט און אַ פעסטע ברוסט! איך וועל דיך אין מיינע אָרעמס נעמען און דיך ווייט, ווייט פאַרטראָגן... אָט אַזוי!

נאָר גלייך ווי אַ סטרונע שטייט זי, די קליינע. קיין ריר מיט קיין גליד. די הענטעלעך פון הינטן פאַרלייגט, אַ דראָענדיקע בליק... איך בלייב קעגן איר מאַכטלאָז... און פלוצלינג — אַ וואַרימע האַנט אויף מיין אַקסל. — אָך,

דאָס זענט איר, מיט די העל-בלויע אויגן, מיטן שטיפערישן געלעכטערל... זי רוימט מיר אין אויער: — נאַריש יינגל! זיי זיכער און וואַרט רויק...

איך האָב אויפגעוואַכט. אַרום מיר איז געדיכט פינסטער. איך הויב מיך שווער אויף. די פיס בויגן זיך, דער קערפּער שווער. און איך שלעפּ מיך אין מיין צימער אַריין"...

ראָזנצווייג האָט געענדיקט לייענען און אַ מידער אויפן אָנלען פון דער שטול געפאַלן. ער האָט זיך אַצינד געפילט גרינגער, ווי ער וואָלט פון זיך אַ שווערע לאַסט אַראָפּגעוואָרפן... שוין אייניקע טעג, ווי ער האָט דעם בריוו געהאַט אָנגעשריבן, האָט זיך אָבער נישט געקענט באַשליסן, צי ער זאָל דעם בריוו שיקן, צי נישט. ווייל ווען ער האָט דעם בריוו געשריבן, האָט ער טאַקע נאָר די אַטאַ-מאַנע אין זינען געהאַט... און לייענען דעם בריוו, האָט ער גע-וואָלט, זאָל טאַקע חנהלע... אָבער ער האָט אים אויך חנהלען נישט געשיקט. צוואָס? זי וועט אים נישט פאַרשטיין און עס איז אויך איבעריק...

שרהלע איז נאָך דעם זעלבן אָוונט אַהיים געפאָרן, און ראָזנצווייג איז נאָך לאַנג אַזוי געזעסן, פון גאָרנישט געקלערט און גאָרנישט געוואָלט.

די פלעגע-מוטער איז צו יעדן אונטערגעגאַנגען און זיך שטיל געבעטן:

— היינט צום מיטאָג וועלן נייע געסט זיין, זייער אינטע-ליגענטע. איך בעט אייך, טוט מיר צוליב און רעדט נאָר פויליש, און... זייט אַ ביסעלע פריילעכער... מילא, עס האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק! אָבער מען דאַרף זיך באַמיען פאַרגעסן, אַ מענטש

לעבט דאָך נישט אייביק... און מען דאַרף דאָך אָן זיך אויך עפּעס געדענקען...

צום מיטאָג האָבן זיך אַלע אַרום דעם טיש געזעצט. אויף דער אַמעריקאַנערינס אָרט, וואָס איז ביז אַצינד ליידיק געשטאַנען, ווייל יעדער האָט עס אויסגעמיטן, איז אַ נייער גאַסט גע־זעסן.

אַ פרוי פון אַ יאָר פינפאונצוואָנציק. שלאַנק, מיט קיילעכדיק־אַרומגעשוירענע שוואַרצע האָר און אַ פּאָר פינקלענדיקע, דורכ־דרינגענדיקע אויגן. זי האָט פריי אַרום זיך די געזעלשאַפט באַטראַכט, ווי זי וואָלט אָפּגעשאַצט צי זי קען דאָ בלייבן... און שנעל מיט אירע ווייסע, לאַנגע פינגער באַוועגט. לעבן איר דער מאַן — אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ טיף־אויסגעשניטענעם גאָרס, איז פאַרטיפט אין עסן געווען.

מאָכע האָט זיך צו באַשקען צוגעבויגן און מיט זיין האַרטן ליטווישן אַקצענט גערעדט:

— הערט, באַשקע! איר מוזט מיט מיר פּויליש לערנען. וואָס וועט עס זיין מיט מיר? איך וועל רק ווי אַ שטומער זיצן, הערן ווי אַנדערע באַלאַקען און אַליין האַלטן די מויל!

באַשקע האָט געלאַכט: — נו, גוט, גוט! יעדן אָוונט האָט איר באַ מיר אַ האַלבע שטונדע פּוילישע לעקציע...

— און איך ווו בין זשיך? — האָט חיימעק פּראָטעסטירט. — אַ מעשה אויף זיי! עס איז דאָך גלאַט — פע, אַ יינגל מיט אַ מיידל, אָוונט?..

— לאָזשיך זשיין איר אויך! — האָט באַשקע איינגעשטימט.

ווי יעדעס מאָל, ווען עס קומט אַ פרישער גאַסט, האָט היינט די פּלעגע־מוטער באַם טיש זיך געדרייט און אָפּגעהיטן, אַז קיינער זאָל חלילה נישט איבערלאָזן.

— עסן זאָג איך! — האָט זי זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן געבייזערט — גאָרנישט איבערלאָזן! איר הערט, וואָס איך רעד צו אייך?!.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען זיך אין קאָרידאָר איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן, אַז מען גייט שוין מיט מזל דעם פרישן גאַסט לייגן פירן...

VIII.

ראָזנצווייגן האָט היינט גאַנץ פרי אַ זיס געזאַנג אויפגעוועקט. ער האָט די אויגן געעפנט און א הערלעך בילד האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. דאָס צימער, און אַלץ וואָס דערין, איז מיט אַ העל-רויט ליכט געוועזן באַגאָסן, און אין אַ ווינקל, קעגניבער זיין בעט, האָט די אויפגייענדיקע זון מיט אירע שטראַלן אַ דורכזיכטיקע דעקאָראַציע אויפגעשטעלט...

ער איז צו צום פענסטער. אַלץ איז פאַרוואַנדלט אין א ים שניי. די ביימער, די ערד און דער הימל — אַלץ איז באַדעקט מיט אַ קלאָר-ווייסן פעכלדיקן שניי. און אויף מזרח איז דער הימל רויט אָנגעגליט, און די לאַנגע, מיט שניי באַשיטע, נאָדלען פינקלען אַקעגן דער אויפגייענדער זון... און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, פון דער שטענדיק שוואַרץ-אויסגעטרעטענער סטעטשקע ביז צום העכסטן בוים, האָבן זיך אין נייע קליידער אָנגעטון, און אַלץ לאַכט און פריידט זיך. . און עס גלוסט זיך מיטלאַכן און מיטפרייען...

ער האָט דאָס פענסטער אויפגעפראַלט. א שטראָם ריינע, קאַלטע לופט האָט זיך אַריינגעריסן, באַגלייט פון רייצנד-קלינגענדיקע טענער...

ראָזנצווייג האָט זיך אין דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך פון איבער זיין פענסטער געטראָגן, איינגעהערט, און עס צוזאַמען מיט דער קאַלטער לופט אין זיך אַריינגעצויגן... די ברוסט האָט זיך טיפער באַוועגט, און די אויגן האָבן זיך ברייטער געעפנט, ווי פון אַ שווערן, לאַנגען חלום דערוואַכט... דאָס ליד האָט זיך אין האַרץ אַריינגעגאָסן און דערמאַנט אָן פריש־דערוואַכטער ליבע און רייץ צום לעבן...

ווען דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, האָט זיך ראָזנצווייג שנעל און פריילעך אָנגעטון און אויפן זאַל אַרויס. דאָרט האָט שוין אַלץ געלעבט. בא דער פּיאַנינע איז געזעסן אַ יונגע, בילד־שיינע בלאָנדענע פרוי אין אַ ברייטן אַרטיסטישן הוט און אויסגעשפּילט די זעלבע מעלאָדיע, וואָס ער האָט נאָר וואָס דורכן פענסטער גע־הערט. לעבן איר איז די מיט די שוואַרץ־געשוירענע האָר גע־שטאַנען און שטיל אונטערגעזונגען. אונטערן קלאַוויר, מיט די צוויי פּאָדערשטע לאַפּעס פאַרויס אויסגעצויגן, איז אַ גרויסער, שוואַרצער הונט געלעגן, די מאָרדע צווישן די לאַפּעס פאַרשטעקט, און די לאַנגע אויערן אויף דער לינקער זייט איבערגעדרייט.

מאַכע איז געשטאַנען איינגעבויגן אונטערן קלאַוויר און צערטלעך דעם הונטס סאַמעטענעם קאָפּ געגלעט.

— זעט, ראָזנצווייג, ווי שיין! — און דערביי אויפן דרויסן געוויזן — ווערט שוין אַ ביסל פריילעכער ווערן. — אַלץ איבייגעם רעגן און ווינטן, רעגן און ווינטן... איר ווייסט? — האָט ער ראָזנ־צווייגן אין אַ זייט אָפּגערופן — אָט די צוויי באַם קלאַוויר זיינען אַרטיסטינס. די מיט די געשוירענע האָר איז אַ קאַבאַרעט־זינגערין — ראָזען הייסט זי. און די, וועלכע שפּילט — האָט ער אים שטילער אין אויער איינגערוימט — איז אַ קריסטין פון וואַרשע, און האָט חתונה געהאַט מיט אַ געשמדטן ייִד, איינער גורסקי. איך האָב אים

נעכטן געזען דעם גורסקי. ער האָט זי באַנאַכט אהערגעבראַנגט און איז באַלד אַנטלאָפן... איך זאָג אייך, דער קוגל ליגט אים אויף דער נאָז...

מאָכע האָט דאָס אַלץ דערציילט מיט היץ און צום סוף אַ פריילעכער צוגעגעבן:

— און אַצינד וועט זײַן, זיין אַ ביסל פריילעכער...

באַלד איז דער זאַל פול געוואָרן. אַלע האָבן זיך אין אַ געהויבענער שטימונג געפילט, ווי דער ווייסער שניי וואָלט פון אַלעמענס הערצער דעם יאוש אָפּגעשווענקט...

באַם פרישטיק איז אַרום דעם טיש אַ לעבהאַפט געשפרעך געפירט געוואָרן. די ראָזען איז מיט אַלע באַלד אויסגעקאָכט געוואָרן, און זיך מיט די יינגע לייט די גאַנצע צייט געשאַפט... גורסקאַ איז לעבן דער ראָזען געזעסן, אַן אַריסטאָקראַטיש מינעלע פאַרצויגן און יעדע מינוט זיך אונטערן טיש געבויגן און צום הונט גערעדט... אויך אויף דער וואַרענדע האָט זיך אַ סך געפלוידערט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז אָנגענומען, אַז מען טאָר אויף דער לופט נישט רעדן.

די גורסקאַ מיט דער ראָזען האָבן זיך אויף די לעצטע צוויי בעטלעך פאַרקליבן און לעבהאַפט גערעדט און געלאַכט. חיימעק האָט דעם שניי פון דער וואַרענדע צוזאַמענגעקראַצט, קליינע קיילעכלעך געקנעט און זיך מיט מאָכען און ראָזנצווייגן איבערגעוואָרפן. אַ קליין פרעסטעלע האָט געשטייפט און גערויטלט די גרויסע אויפגעלעבטע משפחה...

אין אָוונט האָט ראָזנצווייג אין שיינעם פאַרק, וואָס אַרום דעם פענסיאָנאַט, שפּאַצירט. ער האָט פרישע וועגן געזוכט, ווו דער שניי

איז נאָך אין די זייטיקע אַלעען נישט אויסגעטרעטן געווען, טיפע טריט אין שניי אָפּגעדריקט און נאָכדעם צוריק אין די זעלבע טריט שפּאַצירט...

— אָך, דאָ זענט איר גאָר? — האָט אים די ראָזען אָנגע־כאַפּט — נישט אויסצוהאַלטן אין דעם אָרט — האָט זי זיך גע־קלוגט — דריי יינגלעך אינגאַנצן — האָט איינער נישט קיין קאַ־לאָשן, דער צווייטער איז צוגעקילט און דער דריטער לערנט זיך ערגעץ גיין...

— קומט אַהער! — האָט ראָזנצווייג זי גערופן — זעט ווי גוט עס איז צו טרעטן אין פרישן, קלאָרן שניי, ווען דער הימל איז לויטער־בלוי און אַ פולע זילבער־לבנה ווייזט דעם וועג... ווי שיין דאָ איז! און איר שטיקט זיך דאָרט אין זאַל...

— נו גוט, גוט! — האָט אים די ראָזען איבערגעשלאָגן — איר וועט אייך שוין אַן אַנדערט מאָל שפּילן מיט דער לבנה און זיך לערנען גיין אין שניי. און דערווייל קומט צום טעלעפאָן. איך ווייס דאָך נישט ווו דאָס איז.

ראָזנצווייג האָט גענומען גיין מיט איר.

— און איר מיינט, אַז אַזוי שנעל וועט איר האָבן די גע־לעגנהייט צו גיין מיט מיר אַליין באַנאַכט צווישן ביימער אין וואַלד? — האָט זי קעגן אים קאָקעטירט

— אָ, איך שעץ מיך גליקלעך — האָט ראָזנצווייג אויסגעצויגן — אָבער איך וויל האָפן, אַז דאָס וועט נישט זיין דאָס לעצטע מאָל...

אויף אַ שמאָלער סטעטשקע, צווישן צוויי אָנגעשיטע הויכע קופּעס שניי, האָט זיך די ראָזען געוויגט הין־און־צוריק. איר שלאַנקער קערפּער האָט זיך איןביידע זייטן געבויגן, און זי האָט זיך מיט די פיס געפּלאָנטערט. ראָזנצווייג איז איר פון אונטן נאָכגעגאַנגען. פלוצלינג האָט זי זיך צו ראָזנצווייגן אַ קוק־אים געגעבן און מיט פאָרוואורף אויסגעשריגן.

— פּאַצעט! פאַלן וועט ער מיך נאָך לאָזן...

— נו, וואָס זאָל איך טון? — האָט זיך ראָזנצווייג פאַרענט־פערט — דער וועג איז אַזוי שמאָל און איך קען אייך נישט העלפן.

— און דאָ קענט איר נישט גיין? — האָט זי אים אויפן טיפן שניי אָנגעוויזן.

ראָזנצווייג איז אַריין אין שניי ביז די קני און זי באַם אָרעם געכאַפּט, אָבער קיין טריט נישט געקענט מאַכן...

די ראָזען האָט אים באַ אָן אויער גענומען און זיך גע־בויגן פאַר געלעכטער.

— נאַריש יינגל — האָט זי אים דאָס אויער געריסן — איר זאָלט קיינמאָל נישט פאַלגן די פרוי, ווען זי בעט אייך עפּעס, בשעת זי איז מיט אייך אַליין...

ראָזנצווייג איז פון הינטן, א פארשעמטער, נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען צו דער טעלעפאָן־סטאַציע צוגעקומען, איז זי שוין געווען פארמאַכט, און די ראָזען האָט גראַציעז מיטן קאָפּ צו ראָזנצווייגן געשאָקלט.

— איר זעט אייער גליק? וועט איר מיך מאָרגן אויך האָבן די ערע צו באַגלייטן...

— אַז איך וועל אייך נאָר וועלן פאָלגן — האָר איר ראָזנ־צווייג געענטפערט.

זי האָט געמאַכט א בייזע מינע:

— אַ נאַר איר זענט דאָס! איך האָב דאָך אייך געלערנט, אַז ווען איר וועט זיין מיט מיר אַליין, זאָלט איר מיך נישט פאָלגן. וועט איר אָבער דען אָפּזאָגן, ווען איך וועל אייך בעטן אַלע אין די אויגן איר זאָלט מיך באַגלייטן?

— און איך וועל מאָרגן דעם גאַנצן אָוונט אין מאַרק שפּאַ־

צירן און מיטן שניי זיך שפּילן — האָט ראָזנצווייג געלאַכט...

זי האָט מער נישט גערעדט צו אים און אַזוי זײַנען זיי שוין שטילשווייגנדיק אַהיימגעגאַנגען.

צומאָרגנס אין אָוונט האָט די ראָזען מיט די גורסקאַ אין פּאַרק שפּאַצירט און דורך אַלע אַלעען אַדורך. פּאָרויס איז דער גרויסער שוואַרצער הונט, מיט דער צונג אין דרויסן געלאָפן. די גורסקאַ האָט פון איר אינטימען לעבן גערעדט, און די ראָזען האָט מיט די אויגן געזוכט...

ראָזנצווייג האָט זיך פאַרהאַלטן אין אַלטאַנקע, וואָס איז אויף אַ בערגל געשטאַנען, און זיי נאָכגעקוקט, ווי די צוויי פרויען האָבן זיך געאַרעמט געפירט...

אין אַ צייט אַרום, שפּעטער, ווען ראָזנצווייג איז אין זאַל אַריינגעקומען, איז מען אַרום דעם טיש געזעסן און אין האַמער-בלאָק געשפּילט. ראָזנצווייג האָט זיך אַן אָרט קעגניבער דער ראָזען געמאַכט. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי אים פריינטלעך צוגעוואָרפן.

— און איר ווילט גאָרנישט מיטהאַלטן מיט אונדז?

— אומבאַדינגט! — האָט איר ראָזנצווייג געענטפערט, און זיך מיט אירע דורכדרינגענדיקע אויגן צוזאַמענגעטראָפן...

דאָס שפּילן איז אַוועק רויש־ק און מיט געפּילדער. ראָזנצווייג האָט זיך מיט דער גורסקאַ אונטערגעהאַלטן בשעתן שפּילן, און אין דער ראָזענס אויגן האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן...

ווען דאָס שפּילן האָט זיך געענדיקט, איז ראָזנצווייג צוגע-שטאַנען צו דער גורסקין, זי זאָל זיך צום קלאַוויר זעצן. די אָ-זען האָט זיך אין אַ זייט אַריין אָפּגעקערט...

די גאַנצע צייט, וואָס די גורסקאַ האָט אויפן קלאַוויר גע-שפּילט, איז ראָזנצווייג פון איר נישט אָפּגעטרעטן און זיך פּאַרטיפט

איינגעהערט. און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער איר הערער זיי אלע אפּגעדירט... ווען ער האָט זיך שפּעטער אומגעקוקט, איז די ראָזעון אין זאַל נישט געווען... שפּעטער, ווען ראָזנצווייג איז פאר דער ראָזענס צימער פארבייגעגאנגען, איז די טיר געשטאַנען אָפן, און זי האָט זיך אָקעגן שפּיגל די האָר צורעכט געמאַכט. ווען זי האָט אים אין שפּיגל באַמערקט, האָט זי אים באַגעלעריש גערופן:

— פּאַניע ראָזנצווייג, זייט אַזוי גוט!

ער איז אין צימער אַריין, און זי האָט אים באַ אַ האַנט גענומען, באַטראַכט אים די נעגל און איבער די פינגער גענומען אים פּאַטשן.

— פוי! — האָט זי זיך געקרומט — נישט מאַניקירט... קומט! האָט זי אים צום טישל געשלעפּט — איר וועט באַלד זען, און זי האָט אים אין אַ שיסעלע וואַסער גענומען די נעגל ווייקן...

זי איז געווען אין אַ לייכטער, זיידענער בלוזע, מיט אַ טיפן דעקאָלט. און ווען זי האָט אים די הויט פון אַרום די נעגל געשוירן, האָט זי זיך אַזוי געבויגן, אַז אירע קליינע, ווייסע ברוסטן זיינען אין דרויסן געשטאַנען... זי האָט אים צו זיך אַלץ מער געצויגן, און ראָזנצווייג האָט געפילט די וואַרימקייט פון איר קערפּער צו זיך אַריבערלויפן...

ווער ראָזנצווייג איז פון איר אַרויס, איז שוין גאַנץ שפּעט געווען...

מאָכע האָט בא באַשקען יעדן אָוונט פּוילישע לעקציעס גענומען, אין פּענסיאָנאַט־ביבלאָטעק האָט ער אַ בוך אויף רוסיש וועגן שווינדזוכט געפונען. באַשקע האָט געלייענט און באַלד עס אויף פּויליש איבערגעזעצט.

„די פארשפרייטע און שרעקלעכע קרענק, וועלכע מען רופט אָן שווינדזוכט, ווערט אַרויסגערופן דורך קליינע פּיצלעך ווערמעלעך, וועלכע מיר רופן מיקראָבן. אָט די מיקראָבן זיינען אַזוי קליין, אַז מען קען זיי נאָר זען דורך אַ שטאַרקן פאַרגרעסער-גלאָז, וועלכעס מיר רופן מיקראָסקאָפּ.

דער מיקראָב, וועלכער רופט אַרויס שווינדזוכט, איז אַנטדעקט געוואָרן דורכן גרויסן דייטשן געלערנטן קאָך, און דעריבער ווערט דער מיקראָב אָנגערופן אויף זיין נאָמען.

אַלזאָ, די „קאָך-מיקראָבן" האָבן זיך זייער ליב אין די לונגען אַרײַנצוכאַפּן, און מאַכן זיך דאָרט אַ באַקוועמע נעסט, צו פרעסן אָן אויפהער די, געשמאַקע, לונגען... זיי מערן זיך אומגעהייער שנעל און פון זיך זעלבסט, ד. ה. נישט פון נאַטירלעכן צוזאַמענלעבן איינער מיטן צווייטן. זייער אויסזען איז לענגלעך און געדרייט ווי אַ גרייצער.

ווען אַזאַ מיקראָב פרעסט זיך אָן, צערייסט ער זיך דאַמאָלס אויף צוויי, און יעדע העלפט ווערט אַ זעלבסשטענדיקער מיקראָב. און ווען די העלפט פרעסט זיך אָן, צעריימט זי זיך ווידער, און אַזוי גייט עס מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט...אין אַ קראַנקער לונג געפינען זיך אַמצעליקע מיליאַרדן אַזעלכע ווערמלעך, וואָס שפּייזן זיך נאָר מיט דער לונג...

מאַכע האָט מיט קאָפּ זיך צוגעהערט און זיך פאָרגעשטעלט, ווי מיליאָנען, מיליאַרדען אַ זעלכע קליינע שלענגעלעך האָבן זיך אין זיינע לונגען באַזעצט, פרעסן אים, לעבן און מערן זיך מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט... אָט אין די מינוטן, וואָס ער זיצט און הערט זיך איין, ווערן מיליאָנען באַשאַפן... און זיין קערפּער קעמפט מיט זיי, דאָס בלוט לויפט דורך די קליינע קעמערלעך פון די לונגען און הרגעט זיי דאָרט מאַסנווייז... און עס פאַלן מיליאָנען,

מיליאַרדן קאַמפּענדיק... ער שטעלט זיך פאָר וויפל עס האָבן זיך, אין דער צייט, וואָס ער איז קראַנק, דאָרט פאַרקליבן און זיך געמערט... וויפל אָרט זיי האָבן אין זיינע לונגען פאַרכאַפּט — און וויפל זיי האָבן שוין באַוויזן אויפצועסן... ער האָט זיך געגווי פאָרגעשטעלט, אויף וועלכן אָרט עס איז אויסגעגעסן, און ווו עס האָט זיך שוין מיט אַ הייטל פאַרצויגן, און ווי עס זעט דאָרט אויס...

די גאַנצע זאַך איז אים אויסגעקומען אינטערעסאַנט, און קיין שום שרעק און איבל נישט אַרויסגערופן, ווי עס וואָלט נישט זיין געפאַר געווען. — דאָס אַלץ האָט דאָך אים באַשקע געליינט: די מיטן סאַמעטענעם פּנים און מיט די אידעלע, ווייסע הענט...

און פּלוצלינג פאַלט אים איין:

און באַ באַשקען ווי אַזוי איז? קומט אויך באַ איר דער זעלבער קאַמף פאָר? אַט די שרעקלעכע שדימלעך האָבן זיך אויך צו איר אין די לונגען פאַרקליבן און פרעסן דאָרט אָן אַן אויפהער?.. ער ווייסט, זי האָט דאָס אים אַליין געזאָגט: זי איז געפערלעך קראַנק, קען נישט עסן און האָט קיין קרעפטן נישט. טאָ וויפל קען שוין באַ איר זיין אויסגעגעסן... אַ שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט. עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אַז אָט ווי זיי זיצן אַזוי דאָ, ווערט באַ איר די לונג אַלץ קלענער און ווייניקער... איר שוואַכער קערפּער האָט נישט קיין קרעפטן צו קעמפן מיט די שרעקלעכע מחבלים, און זיי פאַרכאַפּן און פרעסן אַלץ מער און מער...

ער האָט אויף איר סאַמעט-ווייך פּנים געקוקט, אויף אירע דינע, קליינע ליפּעלעך, אויף אירע לאַנגע, שוואַרצע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבן צוויי שיינע, וואַרימע אויגן אַפּערגעקוקט, אויף איר קליינעם, ווייסן שטערן אונטער די שמעקעדיקע שוואַרצע האָר, און עס האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען:

— נאָט באַשקע! נעמט באַ מיר מיין געזונט, מיין לעבן אַוועק...

נאָר וואָס קען ער איר געבן, אַז ער איז אַליין קראַנק... ער האָט געלייענט און געהערט ווי מען צאַפּט אַמאָל איבער דאָס בלוט פון איין מענטש אין צווייטן. דאָס טוט געוויינטלעך אַ פאָטער פאַר זיין קינד, אָדער אַ מאַן פאַר אַ ווייב. אָט ווען זי, באַשקע, דאַרף עס... ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען דאָס וואָלט איר געקענט העלפן...

ווען די באָלשעוויקעס זיינען דאָס ערשטע מאָל אַריין קיין באַראַנאָוויטש, איז מאָכע דאַמאָלס קוים פערצן יאָר אַלט געווען. אויך ביז דאַמאָלס זיינען זיי שוין: מאָכע, זיין מוטער מיט נאָך צוויי שוועסטערן אַ סך צרות געהאַט אויסגעשטאַנען. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָט זיך דאָרט באַזעצט די הויפּט־קוואַטיר פון גאַ־וואַסטן גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. זיין ערשטע אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַלע יידן פון שטאָדט אַרויסגע־טריבן. ווען די רוסן האָבן באַראַנאָוויטש פאַרלאָזט, זיינען די יידן צוריק אַריין. האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צרות באַ יעדן מאָל וואָס די שטאָדט איז פון איין מאַכט צו דער צווייטער איבערגעגאַנגען, ביז ענדלעך די באָלשעוויקעס האָבן באַראַנאָוויטש באַזעצט: און ערשט דאַמאָלס האָט עס זיך אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער שרעק־לעכקייט. צוויי יאָר האָט די שטאָדט געהונגערט, דערנערנדיק זיך בלויז מיט קאַשטאַנעס און שאָלן פון קאַרטאָפל...

מאָכע איז קראַנק געוואָרן, מיט בלוט געשפּיגן, און עס איז נישט געווען מיט וואָס אים צו ראַטעווען, אַ חוץ מיט דעם, וואָס, אַלס קראַנקען, האָט מען אים מיט ריינע קאַרטאָפל געשפּייזט...

צוויי יאָר האָט עס אַזוי געדויערט, איבער דער צייט איז

די שטאָדט ווידער פון איין האַנט אין דער צווייטער אַריבער, די פּאָלאַקן זײַנען אַרײַן און צוריק אַרויס, יעדעס מאָל איז די לאַגע געוואָרן ערגער, און דעם ייִנגען מאַכען איז אויך וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער געגאַנגען. ער האָט שוין אויף די פיס נישט געקענט אַרומגייך דעם קאָפּ גלײַך נישט געקענט האַלטן און שטאַרק פאַרמרהשחורעט געוואָרן. צו קיינעם נישט גערעדט און קיינעם נישט געליטן. נאָר איבער דער צייט איז ער שטאַרק רייף געוואָרן, דער פאַרשטאַנד איז בא אים שאַרף געוואָרן און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זיך צוגעהערט צו דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע, וואָס איז אין אַ ברייטער פאָרם געטריבן געוואָרן, צו דעם גאַנצן קאַמף און די פאַרשיידענע סאָציאַלע איבערקערעניש, וועלכע זײַנען דאַמאָלס אָפּט פאָרגעקומען, איבער אַלעם געטראַכט און אַלץ אויף זיין שטייגער באַנומען.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך צו זיין אָפּשטאַרבנדיקן גוף צוגעהערט. געוווסט, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך און געוואַרט אויף אים... ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צום געדאַנק, אַז ער מוז שטאַרבן, אַז עס האָט שוין אַזוי שרעקלעך אויף אים נישט געווירקט... עס איז אים נאָר אַ שאָד געווען, וואָס ער וועט אויפהערן צו פאַרשטיין און עס וועט אים שוין מער קיין זאַך נישט אינטערעסירן. ער פּערזענלעך, זיין „איך", איז אים נישט אַ שאָד געווען, פּונקט ווי אַן אַלטן אָפּגעלעבטען מאַן, וואָס עס איז אים נאָר בלויז אַ שאָד, וואָס ער גייט אַוועק פון דער וועלט, כאָטש קיין פּערזענלעכע פאַרלאַנגען, באַזונדערע, האָט ער שוין נישט...

אַזוי איז אַוועק די צייט, ביז די פּאָלאַקן זײַנען דאָס לעצטע מאָל אַרײַן, און מאָכע האָט געקריגן די מעגלעכקייט קיין אָטוואָצק צו פאָרן.

דעם ערשטן ווינטער פון זיין אַהערקומען, האָט ער אַלץ צווישן לעבן און טויט געשוועבט. פון דאָקטאָרס רייד האָט מען קיין שום האָפענונג נישט געקענט האָבן, און באַזונדערס שלעכט

געווירקט זיך נאָך אויף אים דאָס, וואָס זיינע צוויי חברים, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען פון באַראַנאָוויטש געקומען, זיינען אים כמעט אויף די הענט אָפּגעשטאָרבן

נאָר דער זומער איז געקומען, און עס איז געשען מיט אים דער זעלטענער נס:

ער האָט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן אַפּעטיט געקריגן און איז דיק און פעט געוואָרן. וואָס א טאָג איז ער אַלץ מער צו זיך געקומען, וואַקסנדיק גלייך און שיין, אַזוי, אַז אין דער לעצטער צייט האָט שוין דער דאָקטאָר פאַרזיכערט, אַז זיין לעבן איז אויסערן געפאַר. נאָר דאָך איז אים אַ ירושה געבליבן: א גלייכגילטיקייט צום אייגענעם לעבן... דערפאַר נייגעריק צו פרעמדס... הערן פון יענעם אַלץ און זיך מיט אַלעם אינטערעסירן... אייגנס האָט ער גאָרנישט געהאַט — שוין אָפּגעוווינט און נישט דרייסט עפּעס צו פאַרלאַנגען און פון עפּעס צו חלומען...

צו באַשקען! — אָט צו דער שיינער, מיט דעם סאַמעט-פּנימל, מיט די ווייסע, איידעלע הענט, צו איר האָט ער יאָ עפּעס אַ פאַרלאַנג געהאַט... אַ פאַרלאַנג אַלע מאָל צו זיין נאָענט לעבן איר... קוקן אויף איר און הערן זי רעדן... און נאָך איין פאַרלאַנג האָט ער געהאַט: אָט, ווען מען קען אַזוי זיין לעבן בא אים צונעמען און עס איר, באַשקען, אַוועקגעבן... קיינער זאָל עס נישט וויסן, זי אַליין אַפילו אויך נישט... נאָר זיינע פאַרלאַנגען האָט ער פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן, און קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט, אַפילו באַשקע אַליין אויך נישט. בלויז פאַר ראָזנצווייגן, צו וועלכן ער האָט זיך שטאַרק צוגעבינדן, פאַר אים האָט ער יאָ עפּעס גערעדט. און צוגעבינדן האָט ער זיך צו אים, ווייל, ווי ער האָט זיך עס אויסגעטייטשט, פאַרמאָגט דער מענטש געפיל און לעבן... דערפאַר, ווען ער האָט נאָר ראָזנצווייגן געזען צו זיך אין צימער

אריינקומען, איז ער אים באַלד נאָך, צו הערן פון אים זיינע פאַר־שיידענע אַנעקדאָטן און פאַקטן פון לעבן... און ווען ראָזנצווייג איז נישט געשטימט געווען צו רעדן, איז ער אַזוי גאַנצע שעהן מיט אים אין דער פינסטער אָפּגעזעסן, די ענבויגנס אויף די קני, ווי ער האָט עס אַלע מאָל ליב געהאַט צו טון, און דאָס פּנים צווישן די הענט באַהאַלטן, און אַזוי שטיל פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען...

IX.

דער פּענסיאָנאַט האָט זיך אַ יום־טוב געמאַכט. די פרוי וואַקסמאַן האָט ספּעציעלע בענדער מיט אויפשריפטן פון איר פּענ־סיאָנאַט באַשטעלט און שליטלעך אָפּגעדינגען.

נאָכמיטאָג האָבן זיך יעדער מיט אַזאַ באַנד אַרומגענומען און אין די אָפּהאַרטנדיקע שליטלעך אַריינגעזעצט. די פרוי בערמאַן, די מיט די שוואַרצע אויגן און האָר, וועלכע האָט זיך נאָך דער אמעריקאַנערינס טויט אַ ביסל ערגער געפילט, האָט זיך געקווענקלט און געבעטן:

- פאָרט שוין דאָס מאָל אָן מיר! איך האָב עפּעס נישט קיין חשק צו פאָרן — און איר בלאַס, לענגלעך געזיכט האָט זיך עטוואָס פאַרדרייטלט...

אָבער מען האָט זי נישט אָפּגעלאָזט, און זי האָט זיך אויך געמוזט אַריינזעצן.

— אַז פאָרן, זאָלן אַלע פאָרן — האָבן אַלע איינגעשטימט.

די שליטנס זיינען מיט פּאַראַד גאַנץ אַשוואַק דורכגעפאָרן. און פאַר זיי איז דער גרויסער, שוואַרצער הונט, מיט אַ הויכן רויטן

זיך אויפן קאָפּ, די צונג אין דרויסן, פּאָרויס געלאָפן. חברה האָבן געלאַכט און געפּילדערט.

דער טאָג איז געווען אַ הערלעך שיינער. די פראָסט האָט שטאַרקער געכאַפּט, און די שליטלעך האָבן מיט רעש געשניטן דעם פאַרפרוירענעם שניי. די ראָזען האָט זיך צו ראָזנצווייגן געטוליעט: — ווי קאַלט, ווי קאַלט... — און ער האָט איר דינע, וואַרעמע טאַליע אַרומגענומען, צו זיך געדריקט און געפילט, ווי אירע דינע, ווייכע זשעבערעס דריקן זיך צו אים...

די שליטלעך זיינען פאַרן סאַנאַטאָריום פאַרפאָרן. באַם גרויסן באַרגאַראָפּ-פאָרן, האָט זיך אַ שליטל איבערגעקערט און די, וועלכע זיינען דערין געזעסן זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. צווישן זיי איז אויך די פרוי בערמאַן געווען. מען האָט זי קוים פון אונטערן שליטל אַפּערגענומען, און דעם עולם איז אין אַ נישט פריילעכער שטימונג אַהיימגעפאָרן.

ווען ראָזנצווייג האָט די טיר פון זיין צימער געעפנט, איז ער פון קינדערישע פרייד-געשרייען באַפאַלן געוואָרן. לעאָנעק האָט אים אַרומגעכאַפּט און ביילטשעלע איז אויף אַ שטול אַרויף און מיטביידע הענטלעך אויף זיין האַלדז זיך אָנגעהאָנגען.

— ווי גוט איר זעט אויס! — האָט זי אים אויף די פולע-באַקן לייכט געפּאַטשט — מיין טייער גרובאַסיקל...

זי האָט אים געריסן און געקניפּן.

— איך האָב אייך שוין אַזוי געוואָלט זען.

און פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאַנט, מיט אירע קליינע הענטלעך דעם קאָפּ אים גלייך געשטעלט און קאָמאַנדעוועט:

— אָט אַזוי שטייט נאָר גלייך! אָט דאָס האָט איר פּוּ

מיר — האָט זי אים אויף די באַקן געקושט — און דאָס איז פון דער מאַמענ'ס! — און זי האָט אים אויפן שטערן אַ קוש געטון... — און דאָס! — האָט זי אים די גאָמבע אויפגעהויבן און אין האַלדז געקושט — דאָס האָט איר פון חנהלען...

אָזנצווייג האָט הארציק געלאַכט, און ווען זי האָט אים חנהלעס חוב איבערגעגעבן, האָט ער זיך געוווּנדערט:

— פון וואַנען עפעס, חנהלע?

— יאָ, יאָ! — האָט ביילטשעלע מיטן קעפּל געשאָקלט און זיך געוווּנדערט — איר ווייסט גאָרנישט, אַז חנהלע איז בײַ אונדז?

— ווי לאַנג שוין? — האָט ראָזנצווייג ווייטער געפרעגט.

— שוין אַ גאַנצע וואָך! — האָט אים ביילטשעלע כסדר געפּאַטשט מיט די הענטעלעך און געקניפּן — מיין שיין גרובאַסיקל...

— און ווי אַזוי האָט איר געוווּסט אַליין אַהערצוטרעפן — האָט זיך ראָזנצווייג געוווּנדערט.

— עהע — האָט לעאָנעק ביידע הענט אין די הויזן-קעשענעס פאַרשטעקט — איך האָב מיך אַפילו בײַ קיינעם נישט געפרעגט, ווו דאָס איז, איר ווייסט? — האָט ער זיך פאַר ראָזנצווייגן גלייך געשטעלט — איך קען שוין גאַנץ אינדיען און גאַנץ אַמעריקע פון אויסנווייניק... און איך וואָלט שוין די גאַנצע וועלט צייט אַכציק טעג דורכגעפאָרן...

ווען ראָזנצווייג האָט זיך מיט די קינדער געהאַט אָנגעפרייידט, האָט ביילטשעלע צו אים מיטן פינגערל געגראָזשעט:

— אוי, גרובאַסיקל! און זי האָט אים אויף דער נאָז לייכט געקלאַפּט

ראָזנצווייג האָט פאַרוווּנדערט געשמייכלט.

— און דאָס ווילט איר נישט? — האָט זי אַ בריוו פון קעשענע אַרויסגעצויגן.

ראָזנצווייג האָט אים מיט פרייד געגומען לייענען: דער בריוו איז געװען בשותּפות געשריבן פון שרהלען און חנהלען. שרהלעס שרייבן איז געווען פול מיט בענקשאַפט און ליבע, און חנהלע שרייבט, אַז זי גראַבט זיך שוין אַ וואָך אין וואַרשע. זי פאַרברענגט נישט שלעכט די צייט: באַזוכט די אָפּערע, דאָס טעאַטער און אַז זי רעכנט די צווייטע וואָך זיך אַ ביסל אַריבער־צוכאַפּן צו אים אויף אַ פּאָר שעה...

ראָזנצווייג האָט שוין די קינדער אויף איבער נאַכט פאַר־האַלטן און ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט זיי פאַרברענגט. לעאָנעק האָט אים געוויזן, ווי מען שפּילט אין פוטבאָל, ווי מען דאַרף זיך האַלטן אויף אַ ראָווער, ווי מען קערוועט מיט אַ לודקע — און מען גוט זיך אונטער אויף אַ פערד... און ביילטשעלע האָט אים מעשהלעך דערציילט. און אים פאַרשיידענע רעטענישן פאַר־געבן...

— אַזוי! אַצינד פאַרשטיי איך שוין! — האָט די ראָזען מיטן קאָפּ גראַציעז געשאָקלט — זיינען די קינדער, וועלכע זיינען בײַ אייך געווען, אייערע אַ פריינדינס... און די פריינדין איז אייער ליבסטעס אַ מומע... אַזוי...

ראָזנצווייג איז קעגניבער איר געזעסן און זי באַטראַכט. זי איז האַלב־אויסגעצויגן געזעסן אין דער ברייטער באַמבוסאָווער וויג־שטול, איין פיס פאַרוואָרפן איבערן צווייטן און זיך לאַנגזאַם געהיגט. ווען די שטול האָט זיך אַרונטערגעבויגן, האָבן זיך אַרויס־געוויזן אירע זיידענע הויזן.

— אַזוי איז עס! — האָט ראָזנצווייג צוגעשטימט.

— ווי עס ווייזט אויס, מוזט איר שטאַרק ליב האָבן אייער

אויבדערהיילטע, וואָס אַפּילו איר מומע איז אייך אַזוי צום האַרץ — האָט די ראָזען אַ שטעך-ווערטל צוגעוואָרפן און מיט אירע פינקלענדיקע אויגן אין אַ זייט געקוקט...

— אויף אַזוי פיל, וויפל מען קען נאָר ליבן — האָט ראָזנצווייג רויק געענטפערט.

— אַ, דאָס קענט איר גראָד פיל — האָט די ראָזען אָפּגעהאַקט און זיך האַסטיקער גענומען וויגן, אַזוי, אַז דאָס גרינע זייַדענע קליידל האָט זיך ביז איבער די קניען פאַרריקט

ראָזנצווייג האָט זיך צוגערוקט מיט זיין שטול צו איר אַזוי נאָנט, אַז זי האָט זיך מיט די פיס אָן זיינע פאַרהאַלטן און זיך נישט געקענט מער וויגן.

— אָבער איר פילט עס — האָט ער איר אין די אויגן אריין געשמייכלט — אַז איך קען שטאַרק, שטאַרק ליבן?

— אויף אַזוי פיל, אַז איך קען עס שוין פאַר גענוג האַלטן — האָט זי גלאַט אַ וואָרף געטון.

— טאַקע!..

די ראָזען האָט זיך געמאַכט פאַרהערן און זיך ווייטער צו דאָס איריקע גענומען.

– איר זאָגט, אַז אייער ליבסטע קומט צו אייך די טעג? איך וואָלט זי זייער געוואָלט קענען. זי זאָל נאָר קומען איידער מיין מאַן וועט קומען מיך אַוועקנעמען.

— וואָס עפּעס? — האָט זיך ראָזנצווייג געוווּנדערט — אייער מאַן קומט אייך טאַקע אַוועקנעמען?

— נישט ער קומט מיך אַוועקנעמען, נאָר איך האָב אים באַפוילן ער זאָל קומען, ווייל איך וויל אַוועק פון דאַנען.

— אַזוי גאָר! — האָט ראָזנצווייג אויסגעצויגן און מער נישט גערעדט.

די ראָזען האָט זיך ווײַטער גערעדט:

— אַ שאָד, וואָס איך וועל זי נישט זען, אייער ליבסטע. האָט איר נישט אירס אַ פאָטאָגראַפיע.

ראָזנצווייג האָט פון טאַש חנהלעס פאָטאָגראַפיע אַרויסגענומען און איר דערלאַנגט.

די ראָזען איז געבליבן האַלב־אויסגעצויגן, מיט ביידע הענט חנהלעס פאָטאָגראַפיע צו די אויגן צוגעטראָגן און אויפמערקזאַם זי באַטראַכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי, נישט אָפּקענענדיק דאָס בילדל פון די אויגן, זיך ווײַטער געכומען וויגן, און שטיל, ווי צו זיך, גערעדט:

— ווי יונג און אומשולדיק זי זעט אויס.

ראָזנצווייג האָט אונטערגעכאַפּט:

— און זי איז אַזוי!

די ראָזען האָט די פאָטאָגראַפיע צו זיך אויף דער שויס אַראָפּ־געלייגט און אויף ראָזנצווייגן די אויגן אָנגעשטעלט.

— און פון וואַנען ווייסט איר עס?

ראָזנצווייג האָט זיך מיט פאַרדראָס אויפגעשטעלט און צו־געגאַנגען צו דער טואַלעטקע, וואָס איז אונטער דער ראָזען געשטאַנען.

די ראָזען האָט זיך אַמוזירט איבער זיין פאַרדראָס און זיך הילכיק צעלאַכט.

— ווי זיכער ער איז זיך דאָס!

ראָזנצווייג איז צוגעגאַנגען צו איר, אַ צערייצטער.

— הערט! איך בין אַזוי זיכער אין איר אומשולד, ווי זיכער איך בין אין אייער שולד...

די ראָזען איז הויט געוואָרן. מיט איינמאָל איז איר געלעכטער פאַרשוונדן. פאַר גרויס פאַרדראָס האָט זי נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן און האָט ענדלעך פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט:

— אַ נאַר דאָס איז, קיין געלעכטער איז זיך נישט צו מאַכן מיט א״ם...

ראָזנצווייג האָט פאַרשוויגן

די ראָזען האָט זיך פון דער שטול אויפגעהויבן, בשעת חנהלעס פאָטאָגראַפיע, וועלכע איז אויף איר שויס געלעגן, האָט זיך אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּגעגליטשט...

ראָזנצווייג האָט זי אויפגעהויבן און פון צימער אַרויס.

צומאָרגנס, ווען ראָזנצווייג איז אַליין בײַ זיך אין צימער געזעסן, איז די ראָזען אַרייַנגעקומען אָנגעטון אין מאַנטל און הוט. זי האָט אים אַ האַנט דערלאַנגט.

— איך פאָר נאָך פריִער, ווי איך האָב גערעכנט. מײַן מאַן איז געקומען נאָך מיר.

ראָזנצווייג האָט איר די האַנט געדריקט.

— פאָרט געזונט.

די ראָזען האָט זיך אין צימער אַרומגעקוקט, די ווענט באַטראַכט און מיט אַ שמייכעלע שטיל גערעדט:

— מיר האָבן זיך אַפילו אַ ביסל צעוווערט, דאָך רעכן איך, אַז איר וועט מיר אײַן קליינעם פאַרלאַנג נישט אָפּזאָגן.

— אויב עס וועט נאָר מעגלעך זײַן — האָט זי ראָזנצווייג אויפריכטיק פאַרזיכערט.

— אָט אַ נאַרישקייט. פאַרנעמט מײַן צימער נאָך מײַן אַוועקפאָרן.

ראָזנצווייג האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. ער האָט איר מיט אַ וואַרימען האַנטדרוק פאַרזיכערט, און זי האָט זײַן צימער פאַרלאָזט.

א

שוין צוויי וואָכן ווי חנהלע פאַרברענגט אין וואַרשע. זי באַ־
זוכט די אָפּערע, דאָס טעאַטער און אַזוי פאַרווייַלונגען. געקומען
איז זי ספּעציעל, צו פאָרן קיין אָטוואָצק... און דורך דער צייט,
וואָס זי פאַרברענגט אין וואַרשע, האָט זי אים, ראָזנצווייגן, אַפילו
נישט געשריבן, אַחוץ די עטלעכע ווערטער מיט די קינדער.
נאָר מיט דער מימע שרהלע האָט זי שוין דאָס מאָל אַ סך וועגן
אים גערעדט.

— איך ווייס — האָט זי צו איר געזאָגט — איך געהער
שוין ראָזנצווייגן! אַ פאַרקערטע זאַך — האָט זי זיך געוווּנדערט —
פאַר זיין קראַנק ווערן האָב איך דעם געדאַנק נישט געקענט צולאָזן צו
זיך. איך האָב געפילט צו אים דאָס, וואָס מען פילט צו אַ ברודער, צו
אַ ליבן און גוטן, אָבער נישט אַזוי ווי הייַנט. עס האָט זיך
גאַנץ אָפּט געקענט טרעפן, אַז איך זאָל מיט אַנדערע מענטשן
פאַרברענגען און אים נישט געדענקען. אָבער זינט זיין קראַנק,
בין איך אינגאַנצן זיין. מיר דאַכט זיך, אַז זיין לעבן איז מיט
מיינעם פאַרבינדן. נישט ער היילט דאָרט בלויז „זיך", נאָר אויך
„מיך"... איך בין קראַנק גלייך מיט אים...

און ווירקלעך! זי איז געגאַנגען, פאַרברענגט פאַרשיידן, אָבער
נישט מיטן קינדישן, לייכטן, זאָרגלאָזן געמיט, ווי אַמאָל. זי האָט
זיך מיטאַמאָל דערפילט ווי א מענטש!.. אַ מענטש, וואָס קלערט
און ציטערט פאַר זיין עקזיסטענץ... וואָס אינטערעסירן זי
דען די אַלע ארומיקע מענטשן? זי גייט מיט זיי, רעדט און פאַר־

ברענגט מיט זיי צוזאַמען, נאָר אַלע מאָל און שטענדיק קלערט זי דאָך פון ראָזנצווייגן. זי איז שוין עטלעכע מאָל אין טעאַטער געווען, אויך אין דער אָפּערע, מיט די זעלבע מענטשן און אויף די זעלבע ערטער וואָס אַמאָל, נאָר די אַלע זיינען איר פרעמד געווען. דאָס ערשטע מאָל זעט זי גרינבערגן. ער זעט עפּעס אַזוי מאָדנע אויס און עס איבלען זי זיינע נאַרישע מעשיות... און דאָרט, הינטער דער מומע שרהלען, איז אַן אָרט ליידיק... עס זיצט יאָ דאָרט ווער, אַ פרעמדער, נאָר זי זעט יענעם נישט... און עס האָט זי באַם האַרץ גענאָגט. זי איז פון אַלע ווייט, נאָר ראָזנצווייג איז איר נאָנט... די גאַנצע צייט, וואָס זי געפינט זיך אין וואַרשע, פילט זי אים לעבן זיך. זי פילט זיין נאָנטקייט. יאָ, זי וועט זיך מוזן זען מיט אים — „מוזן"! זי וואָלט זייער נישט געוואָלט פאָרן אַהיים. ווי אַזוי וועט עס אויסזען? צו וועמען, וועט עס הייסן, איז זי געקומען? און וואָס געהער זי אים אָן?.. אַלע וועלן דאָך זען און זיך פרעגן ווער זי איז? וועט דאָך ראָזנצווייג זאָגן דעם אמת... אַז זי איז אים גאָרנישט... אַ פריינדין בלויז... און יעדער וועט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז... איינער וועט גאָר לאַכן — נאָך אַ קינד זעט זי אויס! אָ... און לויפט שוין נאָך.. נאָר זי וועט פאָרט מוזן פאָרן! זי האָט נאָך מיט די קינדער געוואָלט פאָרן, האָט זי זיך פאַר ראָזנצווייגן געשעמט! ער וואָלט באַלד פאַרשטאַנען צוואָס דאָס איז... און ער וואָלט נאָך געמיינט, אַז דאָס האָט זי ספּעציעל די קינדער מיטגענומען מיט זיך... און מיט דער מומע שרהלען האָט זי זיך געבעטן מיטצופאָרן, האָט זי נישט געוואָלט, די מומע... אַזוי זיינען שוין צוויי וואָכן פאַרביי. און היינט, האָט זי באַשלאָסן, מוז זי שוין פאָרן. זי וועט נאָך מיטאָג אַרויס, דאָרט זיצן אַ צוויי שעה און באַלד צוריקפאָרן...

ראָזנצווייג איז ביי מאַכען אין צימער געזעסן. שוין אייניקע שעה ווי זיי זיינען פון דער וואַרענדע אַראָפּ און זיך אין צימער פאַרקליבן, און מאַכע האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

— דערציילט נאָך, ראָזנצווייג! דערמאַנט אייך נאָך עפּ־ס..

און ראָזנצווייג האָט זיך דערמאַנט און מאַכען דערציילט: פון טעאַטער, פון וואַרשעווער לעבן פאַרשיידענע עפּיזאָדן, און פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען. און מאַכע האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט, ווי אַ וואַנדערער, געפּייניקט פון דורשט, וואָס האָט ענדלעך אַ קוואַל וואַסער געפונען... דאָס שטוב-מיידל יאַנינאַ האָט אין דער טיר אָנגעקלאַפּט:

— פּאַניע ראָזנצווייג! אַ פּאַניענקעלע פרעגט זיך אויף אייך, איך האָב זי צו אייך אין צימער אַריינגעפירט.

באַ ראָזנצווייגן האָט דאָס בלוט איבערן לייב שנעלער גע־נומען לויפן...

ווען ער איז צו זיך אריין, האָט ער חנהלען אין מיטן צימער געטראָפן שטיין. זי האָט שוין געהאַט דעם פּאַלטאָ פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן און מיט אַ גליקלעך שמייכעלע אויף די ליפּן דאָס צימער באַטראַכט. באַ ראָזנצווייגס דערשיינען האָט זי דעם קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט און מיט די הענט נישט געוווסט וואָס צו טון... נאָר די גרויסע לעבעדיקע אויגן האָבן אויפגעלויכטן...

ראָזנצווייג איז אַ מינוט געשטאַנען און באַטראַכט אירע רויט־אָנגעפרוירענע, פולע בעקלעך. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע, רויטע רויז, וואָס הייבט זיך ערשט אָן עפענען און די בלעטלעך צעלאָזן. איבער די עטלעכע וואָכן, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז זי אַ סך העכער אויסגעוואַקסן און רייפער געוואָרן.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, חנהלע? — האָט ער זי געפרעגט, איז צו צו איר און איר אויפן שטערן אַ קוש אָפּגעגעבן.

חנהלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך אויף דער סאָפקע געזעצט און מיטן זעלבן גליקלעכן שמייכעלע זיך ארומגעקוקט.

— ווי שיין אייער צימער איז! — האָט זי געקוואַלן.

— און איך, ווי זע איך אויס — האָט ראַזנצווייג געלאַכט און פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען.

— ביילשטעלע האָט מיר שוין דערציילט, ווי איר האָט זיך עס אַ ביסל אויסגעפּאַשעט! איר זענט פריִער שענער געווען — האָט זי זיך פאַררויטלט. .

ראַזנצווייג האָט זיך מיט פרייד וועגן אַלץ און אַלעמען אויסגעפרעגט, און חנהלע האָט אים אויף אַלעם געענטפערט, באַטראַכטנדיק בשעתן רעדן יעדעס ווינקעלע אין צימער, אַלץ מיטן ליכטיקן שמייכעלע און מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, ווי עס וואָלט זי נאָר דאָס צימער אינטערעסירט...

אַ ביסל שפּעטער האָט ראַזנצווייג נאָך אָוונט-ברויט אָנגעקלינגען, אָבער חנהלע האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— איך וועל נישט עסן! איך פאָר שוין אַהיים! — און זי וויל דאָס מאַנטל געוואָלט נעמען

ראַזנצווייג האָט נישט געלאָזט.

— איר וועט היינט נישט פאָרן! — איך וועל אייך נישט לאָזן בײַנאַכט פאָרן. איר וועט דאָ איבערנעכטיקן!

מען האָט דערוויייל דאָס אָוונט-ברויט דערלאַנגט. און די פרוי וואַקסמאַן, געוויינדערדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, איז זי צו הילף געקומען, אַז פריִער ווי צוועלף אַ זייגער גייט נישט אָפּ קיין באַן קיין ווארשע...

חנהלע האָט זיך מיט ראַזנצווייגן געזעצט עסן און עפּעס מאָדנע זיך געפילט...

בײַ װעמען איז זי דאָס? און װאָס איז איר אָט דער פרעמד-נאָנ-טער מענטש, װאָס שײַנט אַצינד פאַר גליק, זיצנדיק לעבן איר?..

אויך זי איז גליקלעך, װאָס זי זיצט אַצינד אַליין און נאָר מיט אים בײַ אים אין צימער... זי איז צו אים געקומען און עסט מיט אים צוזאַמען... נאָר זי איז אַצינד װי אַ קינד, װאָס האָט אַ שײנע לאַלקע באַקומען און האָט מורא די לאַלקע צו נעמען...

נאָכן אָונט-ברױט האָט זיך ראָזנצװײַג, אַ צופרידענער, אויף דער ברײטער באַמבוסאָװער שטול געזעצט, דעם קאָפּ איבערן אָנלען פאַרװאָרפן, און אַ גאָלדענע פאַנטאַזיע האָט זיך אים געשפּינען...

חנהלע האָט זיך אין שפּיגל די האָר צורעכט געמאַכט און אים פון הינטן באַטראַכט.

אַ חשק האָט זי אָנגענומען, צוצוגיין הינטנװײַלעכץ צו ראָזנצװײַגן און אים איבער די האָר צו גלעטן.. אויפן שטערן... און אים דאָרט אַ קוש טון... װי ער איר... נאָר דאָס איז בלויז אַ באַגער... און זי װעט עס דאָך נישט טון...

ראָזנצװײַג איז אַרויס ערגעץ אַנדערש שלאָפן און חנהלע איז אַליין געבליבן. עס האָט זיך איר נאָך נישט געװאָלט שלאָפן. אַ געדאַנק איז איר אײַנגעפאַלן: עס װאָלט גוט געװען, װען ראָזנצװײַג װאָלט לעבן איר געזעסן. װען זי זאָל זיך אפילו אין בעט אַרײַן לײגן... און ראָזנצװײַג דערלעבן אויף אַ שטול, אָדער אַפילו אויפן בעט לעבן איר... און ער זאָל רעדן צו איר, אויסשפּרעכן זיך און לאַכן... װי ער האָט עס ליב צו טון, װען ער רעדט צו איר...

זי האָט זיך אָנגעהויבן אויסטון, דאָס קלײדל פון זיך אַראָפּ-געװאָרפן און זיך פאַרן שפּיגל געשטעלט.

זי האָט אירע דינע, נאַקעטע הענט אַרום האַלדז זיך פאַר-

וואָרפן און מיט די ליפּן די דיקע ערטער פון די הענט זיך גע־נײגט... זי האָט זיך אַליין ווי אַ פרעמדע באַטראַכט און האָט פאַרגעניגן געהאַט, וואָס זי האָט זיך דאָס וואַרימע לייב געקושט...

א ליבשאַפט צו אירע קליינע געטאָקטע אַקסעלעך האָט זי אַרומגענומען. און מיט אַנטציקונג האָט זי אויף איר קליין ביוסטל אין שפּיגל געקוקט...

ווען ראָזנצווייג זעט זי אַצינד אַזוי? — פאַלט איר איין... און אפשר וועט ער זי אַמאָל אַזוי זען?..

זי האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט און איז אין בעט אַריין, אויף די קני זיך געשטעלט און דאָס בעטציג באַטראַכט.

אויף דעם בעטציג איז ראָזנצווייג געשלאָפן — און זי האָט זיך אויף די קישנס געוואָרפן און זיך געטולעט אין זיי...

ראָזנצווייג איז קראַנק? ניין! אַזאַ זויבער בעט קען קיין קראַנקער נישט ליגן.

זי האָט דאָס קישן צום האַרץ געדריקט, ווי זי וואָלט עס געוואָלט אַנוואַרעמען... — ער וועט דאָך ווייטער אויף זיי שלאָפן... און זי איז נאָך לאַנג אַזוי געלעגן אויף אין איר יונג האַרץ האָבן זיך פרעמדע געפילן פאַרקליבן, אזעלכע, וואָס זי האָט נאָך אַליין נישט רעכט פאַרשטאַנען...

זי האָט זיך אַליין פאָרוורפן געמאַכט, וואָס עפּעס אַזעלכע שלעכטע געדאַנקען פאַרגנבענען זיך צו איר... זי האָט צו דער וואַנט דאָס פּנים אויסגעדרייט איינצושלאָפן, און זי האָט אויף דער וואַנט עפּעס צייכנס באַמערקט. זי האָט זיך בעסער איינגעקוקט — אַן אויפשריפט!.. נאָר שווער צו לייענען. אַ קינדישע בייגעריקייט האָט זי אַרומגענומען צו וויסן וואָס דאָרט איז געשריבן. זי האָט זיך בעסער איינגעקוקט און איבערגעלייענט:

מיין אידעאַל!

פארגעס נישט, אַז אין בעט איז געשלאָפן די וועלכע
ליידט איבער דיר.

ר׳יי׳ אייביסע.

דעם 30-טן נאָוועמבער . . . 19

חנהלע האָט דעם אויפשריפט צום ערשט נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אים נאָכאַמאָל און אַ דריט מאָל איבערגעקלערט, נאָכדעם די דאַטע. דעם דרייסיקסטן אין עלפטן מאָנאַט? — הייסט עס, מיט פיר טאָג צוריק ערשט איז דער אויפשריפט געמאַכט געוואָרן!

אַ שוידער איז איר איבערן לייב אַריבער...

— איז עס מעגלעך? בלויז מיט פיר טאָג צוריק איז אין דעם בעט אויף די זעלבע קישנס אַ פרוי געווען?... דער געדאַנק האָט זיך איר אין קאָפּ נישט געקאָנט פאַרנעמען... עס איז דאָך צו שרעקלעך כמעט ווי אוממעגלעך!... בלויז מיט פיר טאָג צוריק האָט ער דאָ אַ פרוי געהאַט! און אַצינד האָט ער זי אין זעלבן בעט איבערגעלאָזט... און ווער האָט דאָס געטון? ער ראַזנצווייג, דער, וועמען זי האָט פאַר אַזוי ריין, כמעט פאַר הייליק געהאַלטן...

זי האָט געפילט, ווי דער קערפּער שטאַרבט איר אָפּ! עס ווערט איר קאַלט! אַ שנאה, האָט זיך אין איר צו יענער אומבאַקאַנטער פרוי דערוועקט, צו דער, וועלכע האָט ביי איר דעם גלויבן צוגע-רויבט. און צו ראָזנצווייגן? ניין, צו אים האָט זי גאָרנישט... ער איז איר נאָך אַלץ נאָנט... נאָר איר גלויבן שטאַרבט אַצינד... איר גלויבן אין יענעם ריינעם ראָזנצווייגן...

פּלוצלינג, ווי זי האָט זיך עפּעס דערמאָנט איז זי האַסטיק פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען, דאָס קליידל אויף זיך אַרויפגעוואָרפן

און אויף דער סאָפקע זיך געזעצט. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי ווי אַן אָפּגעקאָכט״ אויפגעשפּרונגען.

— און די סאָפקע איז יאָ ריין?.. און די שטול, די פּאָד־לאָגע, אויף וועלכע זי טרעט? — אַלץ איז פּאַראַזומרייניקט.. און עס האָט זי געבריט דאָס צורירן זיך...

ווען די טירן וואָלטן נישט געווען פאַרשלאָסן, וואָלט זי אויף דער גאַס אַרויס, דאָרט איבערגענעכטיקט. האָט זי זיך אַ גאַנצע נאַכט איבערן צימער געדרייט. די צייט האָט זיך שרעקלעך לאַנג געצויגן, באַגלייט פון פּיין. די געפילן זײַנען אירע געדראַבקען איבערגעשטיגן; זי האָט געפילט, ווי איר האַרץ איז מיט ביטערקייט אָנגעזאַפּט...

ראָזנצווייג איז איר דער זעלבער נאָנטער וואָס געווען... זי זי פילט צו אים דאָס זעלבע, וואָס ביז אַצינד, נאָר דער גלויבן אירער, איז פאַרשוווּנדן... די הייליקייט פאַרלוירן... — דאָס האָט זי יענע אומבאַקאַנטע פּרוי באַרויבט — ... און יענער ראָזנצווייג איז פאַר איר געשטאָרבן!..

ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט זי זיך אָפּגעוואַשן און זיך גרייט געמאַכט צום פאָרן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ראָזנ־צווייג איז אַרײַנגעקומען.

— נו, ווי זענט איר די נאַכט דורכגעשלאָפן? — האָט ער זי, אַ שײַנענדיקער, געפרעגט.

— זייער גוט! אויסגעצייכנט! — האָט זי אים מיט אַ גע־מאַכטער דאַנקבאַרקייט געענטפערט און זיך באַמיט נישט אַרויסצו־ווייזן איר צעטראָגנקייט. זי האָט דעם פּאַלטאָ און דעם הוט גע־נומען.

— וואָס ווילט איר עס ווייטער טון? — האָט זיך ראָזנ־צווייג געשטעלט.

— איך פאָר שוין אַהיים! — האָט חנהלע פעסט געענטפערט.

עס האָט נישט געהאָלפן זיין בעטן זיך, אַז זי זאָל פרישטיק ן פריער, און ער האָט זיך, אַ שטאַרק פאַרוואונדערטער, געמוזט אונטערגעבן.

אין דרויסן האָט זיך פאַרנומען אויף אַ רעגן און חנהלע האָט זיך געבעטן:

— טוט מיר צוליב, פּאַניע ראָזנצווייג בלייבט דאָ איך וועל אַליין טרעפן דאָס שטיקל וועג.

ראָזנצווייג האָט איר נישט געענטפערט, און איז איר שטיל־שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען.

חנהלע איז אין וואַגאָן אַריין און דורכן פענסטערל צום וואַרטנדיקן ראָזנצווייגן געקוקט. זי האָט געפילט, אַז זי לאָזט דאָ עפּעס איבער... אַזעלכס, וואָס איז איר זייער טייער געווען... און זי האָט עס אויף אייביק פאַרלוירן...

ווען דער צוג האָט גערירט, האָט זי שנעל די טיר געעפנט, ראָזנצווייגן די האַנט דערלאַנגט און אים אַ שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט איבערגעלאָזט.

דער צוג איז פאַרשוואונדן און ראָזנצווייג האָט, אויפוויקלענ־דיק דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט די אַקסלען געקוועטשט:

וואָס באַטייט דאָס, וואָס זי שרייבט: איך האָב דעם אויפ־שריפט אויף דער וואַנט איבער אייער בעט געלייענט.

וואָס מיינט חנהלע מיט די ווערטער, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט?

ווען ער איז צו זיך אין צימער אַריין און דעם אויפשריפט אויפגעזוכט, איז אים מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן...

צוליב דעם, הייסט עס, האָט אים די ראָזען אַזוי געבעטן, נאָכן אינצידענט דאַמאָלס, ער זאָל איר צימער נאָך איר אַוועקפאָרן פאַרנעמען. און ער האָט זי געפאָלגט!.. ער האָט זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס זי האָט אים אַמאָל אין אַן אָוונט אין פּאַרק געלערנט:

— איר זאָלט קיינמאָל נישט פאָלגן די פרוי, וואָס זי בעט איך, ווען זי איז מיט איך אַליין...

און אַצינד איז שוין צו שפּעט! וועט ער איר דען קענען אָפּלייקענען? און אויב אפילו יאָ, וועט זי אים דען גלייבן? און אַז זי וועט אים אַפילו יאָ גלייבן, וועט זי דאָך פאַרשטיין, אַז גלאַטיק איז עס נישט געווען... אַז עפּעס פאָרגעקומען איז פאָרט... און עס האָט אים געקרענקט, נישט דאָס, וואָס ער איז אין חנהלעס אויגן באַפלעקט געוואָרן, נאָר חנהלעס טיפער, שטילער צער, און צער האָט זי דאָך געמוזט האָבן.

וואָרים, ווי עס זאָלן נישט זיין אירע געפילן צו אים, האָט ער זיך געטראַכט, ווייסט זי דאָך וואָס איך וויל זי זאָל פאַר מיר זיין... און איר שטאָלץ איז באַליידיקט! ערשט פיר טעג ווי עס איז געשען... און איך האָב זי אין זעלבן בעט געלייגט..

דער שניי איז פאַרשוווּנדן. אויף זיין אָרט האָט זיך אַ שי־טערע, שוואַרצע בלאָטע אויסגעקנעטן, און דער ברודיק־גרויער, שווערער הימל גיסט אָן אויפהער. מען זעט נישט דעם רעגן, נאָר מען הערט, ווי עס גיסט זיך... דער הימל איז פון וואַסער און ער גיסט זיך אויס...

פון די ביימער הענגען מיד אַראָפּ די צעבראָכענע אויס־געווייקטע צווייגן, ווי זיי וואָלטן שוין פון לעבן רעזיגנירט, און אָט, אָט הויבן זיי דעם לעצטן אָטעם אויס. און די הויכע נאָדל־

ביימער חעלן זיך אין זייער גאַנצער לענג אויף דער ערד אין דער בלאָטע אויסציען און אָפּשטאַרבן . .

אויף דער וואַרענדע, אויף די לעבעדיק-טויטע טראַגעס קאָרטשן זיך שאָטנס ענלעכע צו מענטשן... שטיל איז, ווי אין א קבר... קיין שאָרך, קיין וואָרט, ווי יעדער וואָלט זיך פאַר זיין אייגן קול געשראָקן... און קיינער טראַכט פון גאָרנישט. נאָר מיט אויסגעשפּיצטע אויערן ליגט מען, הי מען וואָלט זיך אין א שטילן מתים-געשפּרעך איינגעהערט...

— ווייסט איר, וואָס עס וואָלט אַצינד גוט געווען צו טון? — האָט א קול, ווי פון א קבר, פלוצלינג אַרויסגעציטערט — אָט וואָלט גוט געווען, ווען מען נעמט אונדז אַלע, אָט ווי מיר ליגן דאָ אַזוי, און מען שיסט אונדז אויף איינמאָל אַלע אויס...

דאָס האָט מאָכע, ווי פאַר זיך אַליין, געקרעכצט... ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט און זיך שטאַר אין גרויען הימל פאַרקוקט...

פון הינטער דער וואַרענדע, דורכן אָפענעם פענסטער, ווו די פרוי בערמאַן איז שוין עטלעכע וואָכן נאָכן פאַל פון שליטל צו בעט געלעגן, האָט זיך א שאַרף-אָפּגעריסענער וויי-געשריי דער-טראָגן...

די שאָטנס אויף די טראַגעס האָבן די פיס געקאָרטשעט... און די אָדערן האָבן זיך, ווי די דראָטן געשטייפט...

דער אָפּגעריסענער קוויטש האָט זיך פון דער אָפענעם-אָר-בענערס מוטערס ברוסט אַרויסגעריסן, און די פרוי וואַקסמאַן האָט איר א האַנט איבער'ן מויל געהאַלטן און געבעטן זיך שטיל:

— האָט גאָט אין האַרץ! בלויז קראַנקע מענטשן! באַהערשט אייך, טייערע!..

דער טאָג פֿאַרגייט. די לעצטע גרויע שיין פֿאַרשווינדט. דער הימל פֿאַרציט זיך אין שוואַרצן, ווי ער וואָלט טרויער געטראָגן... און די לופֿט ווערט דערדריקנדיק שווער.

פֿויל שאַרן זיך די שאָטנס פֿון די בעטלעך אַראָפּ, און יעדער פֿאַרשטעקט זיך אין זיין לאָך... און אין דער לופֿט שוועבט אַ שווערער זיפֿץ:

— אָט וואָס עס וואָלט גוט געווען! ווען מען נעמט אונדז אַלע, אָט ווי מיר ליגן דאָ, און מען שיסט אונדז מיט איין מאָל אויס...

שפּעטער איז די פֿרוי וואַקסמאַן צו יעדן אונטערגעגאַנגען און זיך געבעטן:

— נו, וואָס וועט איר עדין אויפֿטון, אַז איר וועט נישט עסן?

איך ווייס גאָרנישט! עס טרעפֿט זיך דאָך אומעטום דאָס זעלבע... און דאָ באַ מיר, עפּעס ווי אַ קללה וואָלט געווען אויסגעגאָסן! וואָס אויב נאָר עפּעס געשעט, מאַכט מען זיך באַלד דערפֿון... באַלד וויל מען נישט עסן און באַלד גייט מען אַרום צעדרייט... — און צום סוף האָט זי צוגעגעבן:

— אַ ביסעלע פֿריילעכער, טייערע! פֿאַרזאָגט מיר נישט די נייע געסט... זיי ווייסן נאָך גאָרנישט...

XI.

מאַכע איז צו ראָזנצווייגן אין צימער אַריינגעפֿאַלן, דאָס פּנים פֿאַרפֿלאַמט און די אויגן האָבן מיט פֿייער געבליצט. אין די הענט האָט ער אַן אויפֿגעצעפּנטן בריוו געהאַלטן.

— טייערענקער, הערט! — איז ער אויף ראָזנצווייגן אַרויף — הערט זיך איין! הערט זיך איין! איך האָב אַ ידיעה פֿון מיין פֿאַ-

טער! ער לעבט און איז רייך! מיין מוטער שרייבט עס מיר!..

ראָזנצווייג האָט געקוקט אויף דעם צעדולטן מאָכען, ווי ער איז איבערן צימער, מיטן אויפגעשפרייטן בריוו אין דער האַנט, הין-און-צוריק געלאָפן, און פארשטאַנען זיין אויפגערעגטקייט פון דער פלוצלינקער בשורה, אַז ער האָט אַ פאָטער און אַז ער איז רייך...

— נו, לייענט, וואָס שרייבט אייך דאָרט אייער מוטער? — האָט אים ראָזנצווייג באַרויקט.

— הערט זיך איין! הערט זיך איין! — האָט מאָכע אַלץ איינעם געפיבערט און אָנגעהויבן לייענען:

מאָכענקע, טייערער זון מיינער!

מיינע אויגן זיינען נאָך פול מיט טרערן פון פרייד, און איך בין גליקלעך, וואָס איך קען דיר, מיין אומגליקלעך קינד, אַ גוטע בשורה אָנזאָגן... אַ בשורה, וואָס וועט דיר דערפרייען דיין צעווייטיקטע נשמה און היילן דיין קראַנק האַרץ...

איך האָב נאָר-וואָס אַ בריוו פון דיין פאָטער דערהאַלטן. ער איז געזונט און איז רייך, שרייבט ער, און זיין גאַנצע האָפנונג איז, צוזאַמען מיט זיין איינציקן, ליבן זון צו זיין... ער לעבט אין ניו-יאָרק. און שיפסקאַרטן פאַר מיר און דיר, פאַר אסתרן אוןביילקען, שיקט ער מאָמענטאַל ארויס...

מיין טייערינקער! איך ווייס נישט ווי אַזוי און דורך וועמען ער האָט זיך אונדזער אַדרעס פאַרשאַפט. נאָר מיין האַרץ איז אָנגעפולט מיט פרייד, און איך בעט צו גאָט, אַז דו, מיין נשמה, זאָלסט מיר געזונט זיין, און איך

זאָל דיך צו דיין פאַטער קענען אַ געזונטן ברענגען, און זאָגן אים, אַז איך האָב אים אַ ניי־געבוירענעם זון גע־ברענגט...

מאַכענקע, טייערער מיינער! ער שרייבט אונדז נאָך אַ סך אין דעם בריוו, נאָר דער בריוו גייט אַצינד אַרום פון האַנט־צו־האַנט צווישן דער גאַנצער משפּחה און איך קען אים דיר אַצינד נישט שיקן. ווען איך וועל אין קורצן זיין בײַ דיר, וועל איך אים דיר מיטברענגען. איך וועל דיר אויך אַ פּאָר נייע שיך מיטברענגען, ווי אויך אַ קאַשקעטל, מיט אַ נײַעם קאָסטיום, געמאַכט פון דער סחורה, וואָס איך האָב פון די באַלשעוויקעס אויסבאַ־האַלטן, — זע, מיין טייערענקער, נאָר זיך היטן, זאָלסט דיך חלילה נישט צוקילן אַמאָל. אין וואַרשע וועל איך דיר אויך קאַלאָשן קויפן.

און אַצינד, מיין טייערענקער, האָב איך נאָך עפּעס דיר מיטצוטיילן.

איך קום נישט אַליין, נאָר מיט אסתרן און מיט אַ שיינעם יונגן בחור, וואָס האָט זיך איר ערקלערט... און בײַ דיר דאָרט, אין פּענסיאָנאַט, וועלן מיר די תנאים אָפּשרייבן... דו מוזט אים, מאַכענקע, דעם בחור אויך אַוודאי קע־נען.

ער איז דעם אַפּטייקערס אַ שוואָגער... ער איז אַצינד פון די באַלשעוויקעס מיט אַ סך געלט געקומען. ער זאָגט, אַז ער וועט מיט אונדז קיין אַמעריקע פאָרן... גרייט דיך, טאַקע, מיין ליבער, פריילינג פאָרן מיר.

און דערווייל זיי מיר טאַקע געזונט און שטאַרק. למען השם, זע דיך צו היטן, מאַכענקע! זיי מיר הצלחה־דיק

בּגעריסן און געקושט. דיין מוטער, וואָס ווינטשט זיך מיט דיר
געזונטערהייט אין קורצן צו זען.

שורהקע.

פּ. ס.: אסתרקע מיט ביילקען לויפן אַצינד אַרום מיטן בריוו.
זיי וועלן דיר באַזונדער שרייבן.
זאָלסט זען, מאָכענקע, ווי דער קליינער בורעק איז
אין אַ גרויסן שיינעם הונט אויסגעוואַקסן.

ד. ז.

מאָכע האָט דעם בריוו ביזן סוף אָן אַן אָטעם געלייענט. ס'
האָט אויסגעזען, אַז ער האָט די ידיעה, אַז זיין פֿאָטער לעבט: וּן
איז רייך און ער וועט אַלע אין גיכן אַריבערנעמען צו זיך, מיט
דער זעלבער פֿרייד אויפגענומען, ווי, אַז דער קליינער בורעק איז
הויך און שיין אויסגעוואַקסן... און ווען ער האָט געענדיקט ד'ס
לייענען, איז ער צו ראָזנצווייגן צוגעפֿאַלן, אים צעדרומגעהאַלדזט
און מיט טרערן אין די אויגן, ווי געוויינט:

— אַך, טייערעבקער, איר זענט מיר אַזוי אַ שאָד! — ווי ער
וואָלט זיך שוין אויף דער שיף געזעצט און זיך געזעגנט מיט אים...

זיי זיינען לאַנג געזעסן און אַלץ דערפֿון גערעדט. מאָכע איז
אינגאַנצן געווען צערודערט פֿון פֿרייד, גרייט אַרויפצופֿאַלן אויפֿן
ערשטן בעסטן, זיך צו קושן מיט אים... די מורא פֿאַרן טויט איז
פֿאַרשוווּנדן פֿון אים, נישט ביסלעכווייז און אומבאַמערקט אין פֿאַר-
לויף פֿון דעם יאָר צייט, נאָר אין אָט דער איינער מינוט! ער האָט
מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז ער לעבט. ער איז גלייך צו יעדן מענטש,
וואָס פֿאַרלאַנגט און וויל אַלץ...

די פֿאַנטאַזיע האָט זיך באַ אים צעשפּילט און ער האָט שוין
זיין גליק געזען... זיין לעבן צווישן אַ גליקלעכער, צופֿרידענער
פֿאַמיליע..

ער האָט אַצינד ראָזנצווייגן דערציילט, ווי זיין פאָטער איז פלוצלינג פאַרשוווּנדן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. די נויט און צרות, וואָס זיין מוטער מיט אירע דריי קליינע קינדער האָבן געהאַט אויסצושטיין, נאָכדעם זיין קראַנק ווערן. ער האָט געוווסט אַלע מאָל, אַז ער האָט ערגעץ אַ פאָטער, נאָר ער האָט זיך קיינ־מאָל נישט געפרעגט, נישט די מוטער און נישט די שוועסטער, ווו ער איז, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז, ווי נאָר עס דערמאָנט ווער דעם פאָטערס נאָמען, איז דער מוטערס פנים פאַרענדערט געוואָרן...

און דאָ פלוצלינג מיט איין מאָל!..

ער איז איבערן צימער אויף־און־אָפּ געלאָפן, דעם בריוו אין דער האַנט געקנייטשט, אים אין קאָנווערט אַריינגעריקט און אים ווידער אַרויסגעצויגן, ערגעץ אין דער מיטן אַריינגעקוקט און ווידער אים פאַרשטעקט...

פלוצלינג איז ער פאַר ראָזנצווייגן שטיין געבליבן.

— עס וועט מיר באַנק זיין, פאַניע ראָזנצווייג! זייער באַנק! — האָט ער שטיל און פאַרשעמט געזאָגט

— וואָסער יינגל איר זענט! — האָט זיך ראָזנצווייג גע־חידושט — וואָס און ווער וועט אייך דאָ באַנק זיין? דאָס מתים־שטיבל מיט די לעבעדיק־טויטע אפשר?..

מאָכע איז ביז איבער די אויערן רויט געוואָרן.

— איר ווייסט, פאַניע ראָזנצווייג! פאַר אייך וועל איך רעדן! אָט די באַשקע וועט מיר באַנק זיין! באַנק! — האָט ער כסדר איבערגעחזרט און איבערן צימער געשפּרייזט. — זי איז ערשט איין טאָג נישטאָ, קיין וואַרשע אויף איר ברודערס חתונה געפאָרן — און זי איז מיר שוין באַנק. איר ווייסט? — האָט ער זיך ווייטער אָפּ־געשטעלט און מיט אַן ערנסטן טאָן געזאָגט — איך וואָלט דאָ גע־בליבן, ווען מיין פאַמיליע דערלויבט עס מיר...

ער האָט אויסגעזען, ווי אַ נישט דערוואַקסן יינגל, וואָס רעדט פון זיין פאָרשטייענדיקער חתונה...

מאָכע האָט שוין נישט געוואָלט די נאַכט אַריינגיין צו זיך אין צימער שלאָפן. ער האָט זיך מיט ראָזנצווייגן אין איין בעט געלייגט און אַלץ באַדויערט:

— איר זענט מיר אַ פריינט, אַ טרייער פריינט געווען! און ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען!..

און דאָס לעבן אין פענסיאָנאַט האָט זיך ווייטער איינטעניק געצויגן. דער היינט, ווי דער נעכטן, און דער מאָרגן שטייט אויך אַנדערש נישט פאָר. יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט, צו דער זעלבער מינוט, ווערט געקלינגען צום פרישטיק, צום מיטאָג, צו דער צום אָוונט-ברויט. און די סטאַדע פי קומט זיך פויל צונויפֿ צוזאַמען, עסט, ווען דאָס עסן שטייט אויפן טיש, און לייגט זיך שלאָפן, ווען דאָס בעט איז געגרייט... אָן אַ זין, אָן פאַרשטאַנד — אַ סטאַדע זיך פיטערנדיקע אָקסן...

איז די סטאַדע אָקסן אין אַ פרימאָרגן אויף דער לאָנקע אַרויס און איין אָקס אַ חבר האָט געפעלט — עס הערט זיך נאָך פון ווייטנס דער לעצטער ריטש, דאָס כאָכלען פון איבערגעשניטענעם האַלדז — ציטערט די סטאַדע אַ ווײַלע אויף, און ווידער לאָזן זיי די מאָרדעס צום גראָז אַראָפּ... ווילט זיך ווידער אַ פרייליכן שפרונג טון איבער דער פעטער לאָנקע, דערהערט זיך ווידער יענער ריטש...

און אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס...

אויך ראָזנצווייג האָט זיך צוגעפּאַסט צום לעבן דאָ. פון צייט־צו־צייט קומט צו אים די שוועסטער, דער טרייער חבר פאַרברענגט

אָפּט מיט אים, שרהלע פאַרגעסט אויף ניִשט זיך אַראָפּצוכאַפּן, און חנהלע, אמת, אַז זינט זי איז בײַ אים געווען, שרייבט זי אים גאָר ווייניק, אָבער פאָרט.

גאָר דאָס זיינען דאָך אַלץ מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט...

אַלע אים ליבע מענטשן, וועלכע קומען צו אים פון ערגעץ אַן און פאָרן באַלד צוריק אַהין, מיט אַ באַדויערונג אָדער ווייטאָק אין האַרץ. אָפטמאָל פילט ער אין די טרויעריקע ליבע בליקן רחמנות צו זיך, און דאָס קרענקט און צוברעכט אים...

קומט ווער צו אים, דערוואַכט בײַ אים אין האַרץ אַן אַמאָליק געפיל. עס דערמאָנט זיך אים, וואָס די מענטשן האָבן אים אַמאָל אָנגעהערט פריער, ווען ער איז מיט אַלע גלייך געווען... גאָר דאָס קומט בײַ אים פאָר, ווי בײַ אַ צעמישטן, בײַ וועלכן עס האָט אַ גלייכער געדאַנק אין מוח דורכגעבליצט און באַלד פאַרשווינדט ער...

און יעדן אָוונט, ווען ער האָט זיך אין בעט געלייגט, האָט ער אויפן נאַכט־טישל לעבן זיין בעט חנהלעס פאָטאָגראַפיע אַוועק־געלייגט און לאַנג אויף איר געקוקט. אַמאָל האָט ער זיך מיט אַ ליכט אין האַנט פאַר איר פאָטאָגראַפיע געשטעלט, יעדעס גליד באַ־טראַכט און זיך מיט אַ ווייטאָק אָפּגעקערט.

ווי יונג, שיין און בליהענדיק זי איז! און ער?..

נאָך איר אָפּפאָרן, ווען זי איז בײַ אים געווען, איז חיימעק אַריין צו אים און זיך צעלאַכט. ער האָט מיט אַ פינגער געגראָזשעט און מיט אַ גמרא־ניגון געצויגן:

— אוי וועט זשי זשיך אייך אוועקשמייסן... זשי — אַזשוי יונג און שיין, און איר — אַלט און קראַנק...

אמת דער דאָקטאָר פאַרזיכערט אים, אַז ער וועט זיין גע־זונט, און צו דער עלטער איז נאָך אַ ביסל וייט... אָבער פאָרט:

זי איז דאָך נאָך אַ קינד! און ווען זי זאָל אַפילו היינט יאָ עפּעס זיין פאַר אים, קען ער עס דען נעמען פאַר ערנסט?

מיט אַזעלכע שווערע געדאַנקען איז ער אַלע מאָל איינגע-שלאָפן.

דער פענסיאָנאַט האָט זיך מיט מאָכען מיטגעפריידט.

די מוטער מיט דער שוועסטער מיטן חתן זיינען טאַקע צו אים געקומען, און פריילעך איז געוואָרן. תּנאים וועט מען שרייבן, און די צערמאָניע וועט מען צונויפאַמען מיט אַלע געסט דורכפירן. מען וועט עסן און טרינקען צוזאַמען...

די מוטער טרעט מאָכען אויף אַ מינוט נישט אָפּ. טריט-בײַ-טריט גייט זי אים נאָך, רופט אים יעדעס מאָל אין אַ זייט אָפּ, ווי זי וואָלט אים וועלן עפּעס איינרוימען, און פּרעסט אים אַ קוש אָפּ, ווו עס לאָזט זיך...

— מיין טייערער, זיסינק ר מאָכעלע! — שעפּטשעט זי אונ-טער — מיין שיינער, ליכטיקער בוים!..

און מאָכע קען דאָס איבערפולטע גליק נישט פאַרטראָגן, און ער בעט יעדעס מאָל:

— מאַמענקע, לאָז געמאַכט, לאָז געמאַכט, לאָז צורו...

אַ טאָג פאַר די תּנאים האָט זיך מאָכעס פאַמיליע בעגרייט קיין וואַרשע צו פאָרן, זיך דאָס נייטיקע איינצוקויפן, און מאָכע האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— איך וועל אויך מיט אייך מיטפאָרן, מאַמענקע. איך וועל מיר קאַלאָשן מעסטן.

עס האָט נישט געהאָלפן דער מוטערס אָפּווענדן, אַז ער זאָל דאָ בלייבן, ווייל ער קען זיך נאָך אין אַזעלכע שלעכטע וועטערן צו-

קילן. מאַכע האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פאָרן, און ווען די מוטער האָט אים נאָכגעגעבן, האָט ער זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף דער באַן געזעצט: נאָך אַ שעה, און ער וועט זיך זען מיט באַשקען, וואָס ווילט נאָך אין וואַרשע אויף איר ברודערס חתונה...

אין וואַרשע האָט מען דאָס ערשטע מאָכען קאַלאָשן געקויפט. זאָל ער אין דער בלאָטע מיט די הוילע שיך נישט דרעפּטשען...

און ווען די מוטער איז די רעשט קליינקייטן געגאַנגען זוכן, האָט זיך מאָכע געקרימט:

— צוואָס, מאַמענקע, האָב איך מיך אין די געוועלבן מיט־צושלעפּן? כ'וועל דאָ צו מיינעם אַ באַקאַנטן אַרויף אַ ביסל, און באַ דער באַן וועלן מיר זיך טרעפן.

די מוטער האָט זיך פאַרקלערט: אפשר גלייכער אַזוי, און טאַקע איינגעשטימט אין אַ באַשטימטער שעה אין וואָקזאַל זיך צו טרעפן.

— קום נאָר, מאָכענקע, צו דער באַשטימטער צייט! — האָט זי אים נאָכגעשריגן—און געדענק, מאָכענקע, לויף נישט אַרום...

און מאָכע איז שנעל און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ גלייך צו באַשקען אין שטוב אַרויף...

אַלע ליכט זיינען אָנגעצונדן. דער זאַל איז יום־טובדיק דע־קאָרירט. אַלץ איז פריש געוואַשן און אויפגעפּוצט. די געסט פון פּענסיאָנאַט זיצן אַרום דעם טיש אין שענסטן אָנגעטון, פריילעכע און לוסטיקע, ווי עס וואָלט אַ תנאים באַ זייערע שוועסטער און ברודער געווען. די חתן־כלה זיינען איבערגליקלעך מיט זיך פאַר־נומען. די פרוי וואַקסמאַן אין איר חתונה־קלייד דערלאַנגט אַליין צום טיש... וויל זיך בשום אופן נישט זעצן...

— ניין, איך בין די מחותנתטע און נישט איר! — אמפערט זי זיך מיט מאַכעס מוטער...

און מאַכע זיצט אויף, רעדט און פריידט זיך מיט, נאָר אינ־וויניק אין קאָפּ דרייט זיך. עס איז אים הייס, און די שלייפן האַקן. ער זיצט דאָ צווישן פריילעכע און לעבן זיינע נאָנטסטע און ליבסטע, ער רעדט אין ענטפערט, נאָר פאַר זיינע אויגן האָט זיך דאָס בעט מיט דער קראַנקער באַשקען אַנידערגעשטעלט. ער זעט גאָרנישט, אַ חוץ באַשקעס סאַמעט־בעקלעך און איר פאַרשעמט טרויעריק שמייכעלע אויף די דינע, בלאַסע ליפּן...

ער זיצט לעבן איר בעט, רעדט גאָרנישט און פרעגט גאָרנישט, ער קען עפּעס נישט.

און זי דערציילט אים, ווי זי האָט זיך אויף דער חתונה אַ ביסל צעטאַנצט, זיך צוגעקילט און שוין אַ וואָך, אַז זי מאַכט זיך אַזוי גאַריש... ליגט אין בעט, עסט גאָרנישט און ווערט פון טאָג־צו־טאָג אַלץ שוואַכער. דאָס ערגסטע איז, וואָס די היץ טרעט נישט אָפּ...

און ער הערט אַלץ אויס און קען אַ וואָרט נישט אויסרעדן.

קוקט ער, ווי זי ליגט און שפּילט זיך מיט אירע ווייסע, איידעלע הענט, ער קוקט איר אין האַלדז, אין האַרץ, אין די לונגען אַריין.

אַ שרעק באַפאַלט אים!

עס רויען דאָרט מיליאָנען מיליאַרדן ווערמלעך... און די ווערמלעך ווערן פון מינוט־צו־מינוט גרעסער און גרעסער. זיי פרעסן זיך אָן און קריגן אַזעלכע לאַנגע, שפּיציקע פּיסקעס... און זיי גראָבן זיך איין און פרעסן אָן אויפהער ... און באַשקע וואַרפט זיך הילפלאָז אין בעט, דאָס פּנים קרימט זיך פאַר ווייטאָק, און מאַכע שטייט אויף און שרייט:

— באַשקע נעמט באַ מיר מיין לעבן, מיין געזונט צו...

. . . .

— מאַכענקע, מיין טייערענקער, מיין ליכטיקער בוים! וואָס איז עס דיר פלוצלינג געשען? — איז די מוטער אויף מאַכעס בעט געזעסן, זיין קאָפּ בעגלעט און מיט טרערן זיך באַגאסן — זאָג, וואָס איז עס דיר געווען? וואָס האָט זיך עס דיר געדאַכט? און וועמען האָסטו געזען?

מאַכע האָט די אויגן שוואַך געעפנט, נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, נאָר מיט די אויגן אַקעגנאיבער געזוכט...

— וועמען זוכסטו, מאַכענקע? וועמען האָסטו געזען, קינד? — האָט זיך די מוטער אַלץ געבעטן.

מאַכע האָט אויף זיין קאָפּ געוויזן:

— אָט, אָ דאָ, מאַמענקע, ברענט...

XII.

די פרוי וואַקסמאַן איז דעם דאָקטאָר הינטער דער טיר נאָך, און דער דאָקטאָר האָט מיט אַ פינגער אין דער לופט אַ ראָד געמאַכט.

— אָט אַזאַ לאָך, ווי אַ צוויי-פונטיק ברויט די גרייס, איז באַ אים אין די לונגען, און אַ הישפּאַנקע צו... דעם בחור וואָס דרייט זיך אַרום אים, טרייבט אַרויס. גענוג וועט זיין, ווען די מוטער אַליין וועט אַרום אים אַרומגיין.

דער דאָקטאָר איז אַוועק, און די מוטער איז צו דער פרוי וואַקסמאַן צוגעפאַלן.

— טייערע, וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט? זאָגט דעם אמת, טייערענקע. וואָלט איך פויליש רעדן, וואָלט איך זיך שוין אויסגעשמועסט מיט אים. זאָגט, וואָס האָט ער געפונען באַ אים?

די פרוי וואַקסמאַן האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— זייט רויק, פרוי ניעסווירסקאַ: גאָט וועט העלפן און ער וועט זיין געזונט. . א שטיקל איינפלוענציע...

שפּעטער האָט די פרוי וואַקסמאַן ראָזנצווייגן אַרויסגערופן און שטרענג אים אָנגעקוקט.

— הערט, ראָזנצווייג! — האָט זי אים געזאָגט, נישט ווי זי פלעגט אים אַלע מאָל ראָזנצווייגל רופן, — אויב איר ווילט לעבן בלייבן, זאָלט איר מער מאַכעס שוועל נישט איבערטרעטן.

זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט און איז אַוועק

ראָזנצווייג איז צו זיך אין צימער אַריין, אויף דער סאָפקע זיך אויסגעצויגן און טעמפּ געבליבן ליגן...

ראָזנצווייג האָט מאַכען יעדן טאָג די טעמפּעראַטור געמאָסטן און פאַרצייכנט, מיט קליי אים געקאָרמעט, און ווען ער האָט נישט געוואָלט עסן, האָט ער זיך געבעטן:

— עסט, עסט, מאַכעס! איר וועט זען, איר וועט זיין געזונט — און אין האַרץ האָט יעדעס מאָל אַ זעץ געטון...

און מאַכעס האָט באַ קיינעם נישט געוואָלט עסן, אַפּילו באַ דער מוטער נישט, נאָר פון ראָזנצווייגס האַנט יאָ.

— איך קען אים נישט אָפּזאָגן, מאַמענקע! — האָט ער גע-קרעכצט, ווען ראָזנצווייג איז אַרויס — ער האָט אַזוי פיל שברות-הלב... איך קען אים נישט אָפּזאָגן, נאָר דאָס עסן שטייט מיר שוין אָט אָדאָ! — האָט ער מיטן פינגער אויפן האַלדז באַ זיך געוויזן.

און ווען ער איז אַ ביסל פרייער געווען — אַממייסטן איז דאָס באַלד אינדערפרי פאָרגעקומען — האָט ער זיך געבעטן

ראַזנצווייג זאָל אים עפּעס פאָרלייענען. ראַזנצווייג האָט אים פאָרגעלייענט און ער האָט זיך צוגעהערט. פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַנטציקונג אויסגערופן:

— אַך, ווי מייסטערהאַפט! ווי קינסטלעך ער שילדערט... אַך, ווען איך זאָל קענען שרייבן, וואָלט איך געהאַט וואָס! וואָלט איך געהאַט וואָס...

און די מוטער האָט אים איבערן קאָפּ געגלעט.

— וועסט נאָך קענען, מאַכענקע! וועסט נאָך קענען! זיי נאָר געזונט, וועט שוין אַלץ גוט זיין...

טעג זיינען פאַרביי. יעדן טאָג איז דער דאָקטאָר געקומען, און די פרוי וואַקסמאַן האָט זיך יעדעס מאָל מיט אים געסודעט.

— אָבער עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז ער זאָל לעבן! — האָט דער דאָקטאָר אַנטשלאָסן געזאָגט — איר זאָגט דורך דער נאָז האָט ער די בלוט־שטורצן? אַלץ איינס... איינעגאַל... אַ האַלבע לונג שוין אויסגעשפּיגן...

און די פרוי וואַקסמאַן האָט יעדעס מאָל די אַפּוואַרטנדיקע מוטער געטרייסט:

— גאָט וועט העלפן! עס וועט איבערגיין! ער וועט זיין געזונט...

די גרעסטע צאָל געסט זיינען זיך ערגעץ אַנדערש־ווו צע[illegible].

דער מלאך־המות האָט זיך דאָ אַריינגעכאַפּט! — האָבן זיי [illegible], און זיינען פון אונטערן פענסטער אַנטלאָפן...

און די, וועלכע זיינען געבליבן, זיינען פאַרדריקטע, ווי שאָטנס אַרומגעגאַנגען. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס די פרוי וואַקסמאַן האָט אַרבעט פאַרלייגט און געהאַלטן אין איין טענען, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט דאָס אומגליק... אַ מאָלע אַ מענטש ווערט אַמאָל קראַנק? נו, שוין! איז שוין קיין האָפענונג גאָרנישט פאַרהאַן?..

אַלע האָבן אינסטינקטיוו געפילט און דערוואַרט דאָס שרעקלעכע... ווי יענע אָקסן, וואָס דערפילן דאָס שלאַכט-הויז פון ווייטנס...

און פרישע געסט זיינען פאָרט געקומען!..

באַנאַכט האָבן מעקלערס באַ דער באַן צוויי מיידלעך געפאַנגען... זיי זיינען מיט דער לעצטער באַן געקומען צופאָרן און זיך אויף אַ האָטעל געפרעגט, מיטן מיין זיך מאָרגן אַ פענסיאָנאַט אויסצוזוכן, האָבן זיי די מעקלערס אַהער צו דער פרוי וואַקסמאַן געברענגט... און די האָט שוין געזאָרגט, אַז זיי זאָלן שוין פון איר נישט אַוועק...

אין אָוונט האָט שוין די פרוי וואַקסמאַן ענערגיש געאַרבעט, צושלעפנדיק ראָזנצווייגן צו די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך, איינזאַמע, אין זאַל אַרומגעדרייט.

— זייט באַקאַנט! — האָט זי מיט איר זיס שמייכעלע גערעדט — אָט איז פריילין העלאַ און פריילין דאָראַ — ביידע שיינע, ליכטיקע מיידלעך.. און אָט איז מיין זונדעלע ראָזנצווייג, אַ ווילער וואַרשעווער קאַוואַלער...

די מיידלעך האָבן צופרידן געלאַכט. די פרוי וואַקסמאַן איז זיי נישט אָפּגעטרעטן און געזען, אַז די באַקאַנטשאַפט זאָל וואָס נענטער ווערן...

העלאַ, מיט אַ געזיכט אָן אַ בליץ-טראָפּ דערין, האָט זיך

שוואַך געהאַלטן. ווי זי האָט געזאָגט, האָט זי זיך ערשט פון אַ הישפּאַנקע אויפגעהויבן. און דאָראַ, מיט נאָך אַ גאַר יונג אויסזען, האָט ווייניק גערעדט און אויף אַלעם איינשטימיק קאַלט געשמייכלט.

זיי האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן זיך צופעליק אין צוג צוזאַמענגעטראָפן און זיך צערעדט. ביידע האָבן אָטוואָצק נישט געקענט, און ביידע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן איינע פאַר דער צווייטער, אַז זיי זוכן אַ פּענסיאָנאַט... ביז די מעקלערס האָבן זיי ווידער צוזאַמענגעבראַנגט...

אויף דער וואַרענדע האָט דאָראַ מאָכעס בעטל, לעבן ראָזנצווייגן, פאַרנומען און העלאַ אַ ביסל ווייטער אויף באַשקעס בעטל...

דאָראַ האָט ראָזנצווייגן דערציילט אירע איינדרוקן. זי האָט שרעקלעך מורא אין דער פינסטער... און זי וועט פריער אין צימער נישט אַריין, ביז העלאַ, מיט וועלכער זי האָט טאַקע דעריבער איין צימער גענומען, וועט נישט פריער דאָרט ליכטיק מאַכן... אויך איז ער געוואויר געוואָרן פון איר, אַז זי איז אַ גוטע טענצערין, פירט די שענסטע באַלעטן אויס. און טאַקע, ווען זי האָט אויף אַ וווילטעטיקן קאָנצערט זיך אַ ביסל צופיל צעטאַנצט, האָט זי זיך צוגעקילט... און זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט טאַקע אין אָוונט אַ ביסל טאַנצן, כדי זי זאָל זיך אינגאַנצן נישט אָפּגעוווינען פון טאַנצן, וועלכעס זי האַלט פאַר אַ קונסט-זאַך...

אין אָוונט האָט די פרוי וואַקסמאַן, אַ גליקלעכע, די מוזיקלערערין באַשטעלט, און די ערשטע איז זי טאַקע אַ טאַנץ געגאַנגען...

דאָראַ איז דערשינען אין אַ מאַטראָסן-אַנצוג און באַלד אויסגעפירט פאַרשיידענע שיינע טענץ. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ שיין זעכצן-יעריק יינגל, און האָט זיך פריי און לעבעדיק באַוועגט. נאָך יעדן טאַנץ, וואָס זי האָט אויסגעפירט, האָבן די אַפּלאַדיסמענטן ניט אויסהערן זאָל אָפּגעהילכט...

ווען ראָזנצווייג איז שפּעטער אַדורך דעם קאָרידאָר, האָט אים מאַמעס מוטער אָפּגעשטעלט פאַר איר צימער. זי האָט אויסגעזען מיד און נידערגעשלאָגן. אַרום די אויגן גרויסע בלויע רעדער און דאָס פּנים צעקנייטשט און נישט געוואַשן. דאָס אַנטון, וואָס איז שוין אַ צייט לאַנג פון איר לייב נישט אַראָפּ, האָט אויסגעזען, ווי צוגעקלעבט צו איר.

— שלעכט! שלעכט! — האָט זי געקרעכצט — און איך זאָלט הערן, ווי ער פרעגט זיך אַלץ איינעם אויף אייך! נאָר ראָזנצווייג און ראָזנצווייג, באַטאָג און באַנאַכט... אַ ווו איז ער? און וואָס טוט ער? און פאַרוואָס זעט מען אים נישט?.. — האָב איך אים איינגערעדט: ראָזנצווייג איז אַהיימגעפאָרן... — זאָגט ער — ניין! עס איז אוממעגלעך ראָזנצווייג זאָל אַהיימפאָרן און צו מיר נישט אַריין פריער... קלוג, קלוג, ווי די וועלט, זאָג איך אייך! — האָט זי אַלץ געקרעכצט. — נעכטן אָוונט, הערט איר, איך דער גרעסטער היץ, וויל ער זיך אויפזעצן. — וואָס ווילסטו מאַכן? — זאָגט ער נאָר: ראָזנצווייג איז קראַנק, זיך אין קאָפּ אַריינגענומען... אַך, שלעכט, שלעכט, פאַניע ראָזנצווייג! — האָט די מוטער די הענט פאַרלייגט און, ווי איבער אַ טויטן, זיך געשאָקלט. — שלעכט, שלעכט!

ראָזנצווייג איז שטום געשטאַנען און ווי אַ באַשולדיקונג אויף זיך אויסגעהערט...

ווי געמיין איך האַנדל — האָט ער זיך געטראַכט — איך האָב מורא פאַר מיין פעל... און לויף הערן שפּילן און זען, ווי מען טאַנצט... אויב אַזוי וואָלט דען שוין נישט קראַנטער געווען גלייך ווי אַלע אַנדערע אינגאַנצן פון דאַנען צו אַנטלויפן? דאַמאָלס האָב איך עס געהאַלטן פאַר געמיין אַזוינס צו טון, און היינט קוק איך, ווי מען טאַנצט און מען שפּילט אונטן. אין דער צייט, ווען

מאָכע ליגט אויפן טויטן בעט און איז זיכער, אַז איך ליג קראַנק, וואָרים אויב נישט, איז דאָך אוממעגלעך אין זאָל צו אים נישט אַריין...

אינסטינקטיוו האָט ער די האַנט צו דער טיר אויסגעצויגן.

— אַצינד נישט, פאַניע ראָזנצווייג! — האָט אים די מוטער זיין האַנט פון דער קלאַמקע אַראָפּגענומען — ער שלאָפט אַצינד, קוים, קוים איינגעשלאָפן. גאָט זאָל העלפן ער זאָל אַ קאַפּ שלאָפן...

ראָזנצווייג האָט זיך אין בעט געלייגט און באַם אָנגעצונדענעם ליכט שטאַר אין סופיט געקוקט. עס האָט זיך גאָרנישט געקלערט און גאָרנישט געוואָלט. דער קאָפּ איז ווי מיט שטריק אַרומגעבונדן און עס שניידט אויפן שטערן... אינעווייניק די געהירן זיינען אָנגעשוואָלן און עס ווייטאָקט דאָרט...

די שעהן לויפן. דער קאָפּ שווער און אָפּגעשטאָרבן. נאָר די אויגן זיינען אָפן. גראָבט ער דעם קאָפּ אין קישן איין און הילט זיך מיט דער דעק ביז איבערן קאָפּ אַריבער און ליגט.

אונטער דער דעק אַרונטער האָבן זיך פאַרשטיקטע זיפצן דערטראָגן. ער שפּיצט אויס די אויערן: ווי מען וואָלט וועמען אַ זאַק איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן, און יענער ראַנגלט זיך מיט פאַרשטיקטע זיפצן:

— אוי! אוי! אָ! אָ...

ראָזנצווייג האָט מיט שרעק די דעק פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, זיך אויפגעזעצט און זיך איינגעהערט:

דאָס זיינען דאָך מאָכעס זיפצן!

און די זיפצן, הוילע און דערשטיקטע, רייסן דורך די וואַנט און עגבערן דעם מות...

מיט אַ ווילדער שנעלקייט האָט ער זיך גענומען אָנטון, ווי ער וואָלט וועמען העלפן געוואָלט, דעם פּאַלטאָ אויף זיך אַרויס־געוואָרפן און אַרויס.

דאָס צימער שוואַך באַלויכטן. רעכטס בײַם אויוון איז די מוטער אויף אַ שטול געזעסן און געשלאָפן. דעם קאָפּ אויף דער אָנלען פאַרוואָרפן, דעם האַלדז אויסגעצויגן, די פּיס אויף אַ צווייטער שטול, און מיט דער אײַנגעפאַלענער ברוסט שווער אויף־און־אָפּ גע־אַרבעט.

לינקס אויפן בעט איז מאַכע געזעסן, מיט די הענט אַרום די אויפגעשטעלטע קני, און פאַרשטיקט געזיפצט. דאָס פּנים רויט אָנגעשוואָלן און אין די אויגן האָט אַ ווילד פײַערל געברענט.

ווען ראָזנצווייג האָט די טיר געעפנט, האָבן די זיפצן אויפ־געהערט. ער איז בענטער צוגעגאַנגען און פאַרן בעט שטיין געבליבן.

מאַכע האָט אים ענדלעך דערזען, האָט זיך האַסטיק אויפ־געטרייסלט און אים בײַ אַ האַנט אָנגעכאַפּט.

דאָס העמד פון פאָרנט איז בײַ אים געווען אָפן, און עס האָט זיך אַרויסגעזען די, פון יאָדינע, פאַרברענטע ברוסט... דאָס לײַב איבערן האַרץ האָט געצאַפּלט, דאָס קול איז געווען הייזעריק, הויל ווי פון אַ פאַס אַרויס, און ער האָט געהאַלטן אין איין איבער־זאָגן:

— שוין! אויס! אַן עגדע צו מיר! אַן ענדע! ווו זענט איר, ראָזנצווייג, ווו זענט איר?

ראָזנצווייג איז, אַ פאַרקלעמטער, פאַר אים שטיל געשטאַ־נען.

— איר זענט קראַנק געווען, איך ווייס! — האָט מאַכע אַלץ

אײנײנעם, שװער אָטעמענדיק, גערעדט — איר האָט נישט געקענט קומען צו מיר...

פלוצלינג האָט מאַכע זײַן האַנט אָפּגעלאָזט און אים לײַכט אָפּגעשטופּט.

— רוקט אײַך אָפּ אַ ביסל! רוקט אײַך אָפּ! איר טאָרט נישט אַזױ נאָנט שטײן לעבן מיר...

מאַכע האָט טיף אָפּגעגעבן, און אַ זױערע פאַרשטיקטע לופט האָט זיך איבערן צימער פאַרשפּרײט.

—איך האָב מיך געבעטן: מאַכט עס מיר נישט! צװואָס איבעריקע יסורים.., און זײ—האָט ער אויף דער שלאָפעדיקער מוטער געװיזן און געקרעכצט—נאָר דװקא! זײ האָבן מיר אַ פולע פלאַש אונטערן לײַב אַרונטערגעשפּריצט... נאָך אַ ביסל לײַדן... נאָך אײן מינוט זיך מאַרדעװען...

ער איז שטיל געבליבן, דעם קאָפּ אויפן קישן געלײגט, נאָך דעם ראָזנצװײגן צוגערופן.

—גיט מיר אײַער האַנט—האָט ער שװאַך און רױק געבעטן

ראָזנצװײג האָט אים אַ האַנט דערלאַנגט.

נאָך אַ װײַלע האָט ער װײַטער געבעטן:

—רעדט צו מיר עפּעס...

ראָזנצװײג האָט אים די האַנט געדריקט.

—מיר װעלן נאָך רעדן. זײַט נאָר געזונט. איר װעט זען איר װעט זײַן געזונט.

מאַכע איז בײז געװאָרן.

—װי אַזױ רעדט איר צו מיר?—„דו" זאָגט מיר! איך װיל איר זאָלט מיר „דו" זאָגן...

ראָזנצװײג האָט אים געגלעט.

—באַרויק דיך נאָר, רעג דיך נאָר נישט אויף...

אויף מאַכעס פּנים האָט זיך אַ רויקע צופרידנהייט אויסגעגאָסן און ער האָט שטיל אָנגעהויבן:

— געדענקסטו די אָוונטן, ווען מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט. די מעשהלעך וואָס דו האָסט מיר דערציילט... ווי מיר האָבן צוזאַמען פאַנטאַזירט אין די צוקונפט. אַ זיסע, זיך געשפּיגען ביסט מיר אַ פריינט געווען, ראַזנצוויג, אַ פריינט און אַ לערער... איך האָב צו דיר מער ווי צו אַ ברודער געפילט׳ און איך וואָלט דיך אַלע מאָל דערמאָנט... ביסט מיר באַנק! באַנק ביסט מיר!... רעד נישט! און טרייסט מיך נישט! איך ווייס און פיל אַלץ! אַלץ ווייס איך! עס איז נאָנט!... ער איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן און זיך אינעווייניק אין זיך איינגעהערט.

— וועק מיר אויף די מוטער:—האָט ער געבעטן.

די מוטער איז, אַ פאַרשלאַפענע, צוגעלאָפן און צערטלעך געפרעגט:

— וואָס ווילסטו, מיין קינד? וואָס איז דיר, מאָכענקע?

מאָכע האָט אויפן האַרץ געוויזן.

— זעסטו, מאַמענקע? איך פיל דאָ גאָרנישט... עס האָט אויפגעהערט אינגאַנצן... און עס איז מיר לייכט, לייכט...—ער האָט זיך אויפן לייב געגלעט—איז מיר אַצינד גוט, מאַמע! איך וואָלט אַצינד זינגען, ווען עס וואָלט מיר ווער צוהעלפן... געדענקסטו, מאַמע, די לידלעך, וואָס אסתר פלעגט זינגען, ווען זי איז פון שולע געקומען? ווען זי וואָלט אַצינד געווען בא מיר, וואָלטן מיר געזונגען...

— שוין גענוג, מאָכענקע—האָט זיך די מוטער געבעטן — וועסט שוין אַן אַנדערש מאָל זינגען, ווען דו וועסט צו זיך אַ ביסל קומען, און אַצינד רעד נישט!... ליג רויק!...

נאָר מאָכע האָט זיך נישט באַרויקט.

— מאַמע! און פאַר בורעקן דאַרף מען אויך א שיפּס־קאַרמע? — האָט ער זיך גאָר אָן הונט דערמאָנט

— קינד, קינד — האָט די מוטער זיך געמאַכט לאַכן — וואָסערע נאַרישקייטן דו רעדסט, זיי באָר געזונט!

— מאַמע! — האָט ער אַלץ נישט אָפּגעלאָזט — איך וואָלט אַצינד וויין געטרונקען:.. איז דאָך אַצינד נאַכט׳ און קריגן קען מען נישט, גיב־זשע אַ קאַפּ שוואַרצע קאַווע...

די מוטער האָט אים אַ גלאָז קאַווע צום מויל צוגעטראָגן׳ און ער האָט האַסטיק ביז דער דנאָ אויסגעטרונקען.

—אַזוי איז גוט! גוט! — האָט ער פּאָסמאַקעוועט... און נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פון מויל האָט אים די קאַווע, ווי פון אַ פאַנטאַן, אַ זעץ געטון און אים דאָס פּנים מיט די אויגן פאַרגאָסן. ער האָט זיך מיט אַ האַנט די אויגן פאַרשטעלט.. ווען די מוטער האָט אים די האַנט פון די אויגן אַראָפּגענומען, איז זי שוין געווען פאַרשטאַרט... און די ציין פאַרהאַקט..

און ווידער איז אַ טאָג געקומען. אַ טאָגמיט אַ הימל און מיט אַ זו־ און איז די נאַכט צוגעפאַלן, האָט מען דעם מת דורך אַ הינטערן טיר אַרויסגעגנבעט, אין דער ערד ערגעץ אַ לאָך אויסגעגראָבן און דאָרט דאָס באַשעפעניש באַהאַלטן, דאָס באַשעפעניש, וואָס האָט נאָך מיט עטלעכע שעה צוריק געפילט, גערעדט און מיטן טויט זיך געראַנגלט...

און די אָקסן האָט מען ווייטער זיך פּאַשן אויף דער לאָנקע געטריבן... — הערן זיי זיך מיט ציטערניש צו צו דעם כאָרכלען פון פריש־איבערגעשניטענעם האַלדז, און לאָזן ווידער די מאָרדעס צ'ם גראָז אַראָפּ...

ראָזנצווייג איז פון זיין צימער נישט אַרויס. אומזיסט האָט די פרוי וואַקסמאַן מיט אים געאַרבעט, ער זאָל איר דעם טיש נישט פאַרשטערן... און ער זאָל אַראָפּגיין עסן... וואָס גייט עס אים אָ טיש מיט מענטשן אָן? איין געדאַנק העט אים באַהערשט; אַנטלויפן פון דאַנען! אַנטלויפן פון דעם שעכט - הויז... אַצינד בינדט אים דאָ גאָרנישט... און דאָך, ווי באַנק עס איז אים דאָס אָרט צו פאַרלאָזן!... ער דערמאָנט זיך אָן יענעם אָוונט, ווען מאָכע האָט מיט שרעק דער אַמעריקאַנערינס טויט געשילדערט, און אין יענער שרעקלעכער מינוט, ווען, ליגנדיק אויף דער וואַרענדע, האָט זיך דער אָפּגעהאַקטער ווייגעשריי פון דער פרוי בערמאַנס שטוב אַרויסגעריסן... און די אַלע שלאָפלאָזע נעכט, און די פיי-ניקנדיקע טעג — אַלץ, אַלץ איז מיט פיין און ווייטאָק אָנגע-זאַפּט... און דאָך איז אים באַנק דאָס אָרט צו פאַרלאָזן... ער פילט, אַז אַנטלויפנדיק פון דאַנען, לאָזט ער דאָ אַ שטיק לעבן זיינס איבער...

אָבער ער מוז פון דאַנען אַנטלויפן! ערגעץ ווייט, ווו דער קלאַנג פון דעם הויז זאָל אַפילו נישט צוקומען.. און שרהלעס שטוב קומט אים אויפן געדאַנק. ער זיצט מיט איר די אָוונטן אָפּ. זי זינגט אים אירע האַרציקע לידער... חנהלע קומט צופאָרן. ער ברענט פאַר אייפערזוכט און גייט אויס נאָך אירס אַ ליבלעך וואָרט, נאָך אַ בליק אירן... ער שפּילט זיך מיט לעאָנעקן, מיט ביילטשעלען, אָבער דאָס אַלץ מוז מען פאַרטרייבן פון זיך... וואָסער רעכט און האָפנונג האָט ער אויף זיי? דאָרט איז אַן אַנדערע וועלט! נישט זיינע!...

. . . .

אין אָוונט איז היימעק צו אים אין צימער אַריינגעלאָפן, ער איז זיך אונטן אין זאַל פאַרזעסן, אַלע לידער, מאָכעס, אויף דער פּיאַנינאָ אויסגעשפּילט: ער קוקט זיך אַרום — קיינער איז אין

זאָל נישטאָ... — מיט שרעק טולעט ער זיך צו ראָזנצווייגן.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? איך בין אָן געלט גע־בליבן, מוז איפן טאָטן וואַרטן, און ער וועט ערשט די צווייטע וואָך קומען!..

העלא מיט דאָראַן זיינען אַריינגעקומען. זיי האָבן געזען ווי דורך אַ הינטער־טיר האָבן זיך יידן געפּאָרעט, עפּעס אַן איינגע־וויקלטע שווערע זאַך פון די שטיגן אַראָפּגעטראָגן... דאָרט איז שוואַרץ פאַר שרעק און ציטערט אינגאַנצן... אַלע פיר זיצן און שווייגן — נישטאָ קיין ווערטער...

און ווען עס ווערט שפּעט, שאַרן זיךביידע מיידלעך פון צימער אַרויס, מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין דער האַנט, צו זיך שלאָפן.

און חיימעק וויל נישט אַרויסגיין... ער וועט די נאַכט מיט ראָזנצווייגן שלאָפן...

שווער ציט זיך די נאַכט. אונטער דער קאָלדרע אַרונטער דערטראָגן זיך די פאַרשטיקטע זיפצן פון אַזעלכע, וואָס מען האָט אים אַ זאַק איבערן קאָפּ אַריבערגעוואָרפן, און אין דער לופט שוועבט מאַכעס היידעריק, הויל געזאַנג: — עס איז מיר גוט אַצינד, מאַמע, גוט, גוט. עס איז מיר לייכט... און פון מויל זעצט די שוואַרצע קאַווע, ווי אַ פאָנטאַן, און פאַרגיסט אים די אויגן... די אויגן רייסן זיך אויף און זעצן זיך בולט אַרויס.. דאָס מויל עפנט זיך ברייט, און די ציין, לאַנגע און שאַרפע שטשערען אַרויס...

מאַכע צעלאַכט זיך ווילד...

. . . .

די טיר האָט זיך אויפגעריסן, און ראָזנצווייג האָט זיך אויפגעכאַפּט.

העלע מיט דאַראַן, מיט ליכט אין די הענט, זייַנען צעשויי-בערטע, האַלב נאַקעט און באָרוויס, אַרייַנגעלאָפן... זיי האָבן זיך אויפן בעט געוואָרפן און פאַר שרעק מיט די ציין געקלאַפּט...

זיי דערציילן אין איין אָטעם:

אין איין בעט ליגן זיי צוזאַמען אויף, מיט דער דעק איבער די קעפּ און אַרומגענומען. פּלוצלינג אַ קלאַפּ אין פענסטער... רופן זיי זיך נישט אָן, טוליען זיך פעסטער איינע צו דער צווייטער און ציטערן. אַ צווייטער קלאַפּ!... — העלאַ וועקט דאַראַן:

— איר הערט, דאַראַ?!

אָבער דאַראַ קען זיך פאַר שרעק נישט אָנרופן...

די שויבן האָבן פון דריטן קלאַפּ אויפגעציטערט׳ און ביידע זייַנען מיטאַמאָל פון בעט אַרויסגעשפּרונגען, געכאַפּט דאָס ברע-נענדיקע ליכט פון טיש און אַריין אַהער...

זייַנען זיי אַלע פיר אין בעט ביז טאָג אויף געזעסן... יעדער פאַרטון אין זיינע געדאַנקען...

דעם קאָפּ געבויגן איז ראָזנצווייג פאַר אַ קליין בערגל ערד געשטאַנען. ער האָט מיט די אויגן די ערד דורכגעגראָבן און צו מאַכען גערעדט:

— ביסט מיר באַנק, מאַכע. ביסט מיר אַ פריינט געווען און איך וועל דיך אַלע מאָל געדענקען!... נאָר דיר איז אַצינד גוט, מאָכענקע! גוט! אָפּגעטון האָבן זיך פון דיר אַלע ליידן, און דיין האַרץ פילט נישט מער קיין פּיין... עס איז דיר אַצינד לייכט, לייכט, מאַכענקע... אָבער אין מיין אָנגעווייטיקט, צעפּייניקט האַרץ האָסטו אַ נאָגל אַרייַנגעשטעקט און איך וועל אים אייביק שמערצ-לעך פילן...

ער האָט אַ בליק אויפֿן אָנגעריבענעם ברעטל געוואָרפֿן.

פּ׳ נ׳

הבחור מרדכי בן. .

דאָס ברעטל וועט זיך אין אַ זייט פֿאַרשאַרן, מענטשן וועלן עס מיט טריט אויפֿקאָפּען... און דאָס בערגל ערד וועלן דורכגייענדיקע מענטשן צעטרעטן. דאָס אָרט וועט זיך אויסגלייכן... אָהעק וועט אַ צייט, וועט מען ווידער דאָ אַ לאָך אויסגראָבן און ווידער וועט זיך עס איבערחזרן... און אפֿשר... דער גורל קען אויסוואַרטן .. ווער ווייסט ווער עס קען נאָך אַמאָל דאָס אָרט פֿאַרנעמען...

דיר איז גוט, מאַכעגקע! די פֿילסט דאָס אַלץ נישט!.. עס איז דיר אַצינד לייכט... און דיין צוואה וועט אויסגעפֿירט ווערן... בערעק וועט קיין אַמעריקע פֿאָרן. און אַנשטאָט דו, וועט ער זיך צו דיין געפֿונענעם פֿאָטערס פֿיס לאַשטשען... און אַ חתונה וועט אויך בײַ דיין שוועסטער פֿאָרקומען... טאַטע-מאַמע וועלן זיך פֿרייען און אָן דיר זיך דערמאָנען... וועלן זיי וויינען, ביטערן, שטיקער הערץ אויסשלאָגן...

אָבער דיר איז גוט, מאַכעגקע! דיר איז לייכט!..

צווייטע טייל.

ז.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און דער צוג האָט זיך מיט אימפּעט געריסן און איבער פעלדער און וועלדער געלאָפן. אויף אַ סטאַציע, אָדער ערגעץ לעבן אַ קליין באַלויכטן הייזעלע, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם אָטעם כאַפּן, און באַלד ווערט ער באַפאַלן פון נערוועיש־באַוועגלעכע שאָטנס, וואָס דראַפּען זיך אײַלנדיק אויף אים, ווי אויף אַן אײַזערנער לאַנגער שלאַנג, און זי, די שלאַנג, ווי זי וואָלט עס נישט געקענט דערליידן, ציט זי זיך אויס סאַפּענדיק און אַנטלויפט ווײַטער.

אין וואַגאָן איז טונקל פון שטויב און רויך. די, פון לאַנגען וועג אויסגעמוטשעטע, פּאַסאַזשירען פרעסן זיך צוזאַמען און מאַכן פויל די אויגן צו.

לעבן אַ פענסטער, איינער אַקעגן דעם צווייטן, האָבן פויל זיך צעשמועסט, אַ האַלב־פויער־האַלב־פריץ, מיט אַן אַלטן אײַנגע־שרומפּענעם גלח. דער האַלב־פויער־האַלב־פריץ קלאָגט זיך, און דער גלח שאָקלט צו מיטן גאָלן ליסע־קאָפּ און פינטלט מיט די האַלב־בלינדע אויגן.

— אַך, הייליקער פאָטער, ווי איז עס אַמאָל געוועז, אַמאָל! אַז איך האָב געקויפט אַ חזיר פאַר הונדערט פופציק קראָן, האָב איך דריי פערטל פאַרקויפט פאַר הונדערט פינפאונפופציק און דאָס פירטע פירטל איז נאָך פאַר מיר געבליבן. און הײַנט — אָהאָ! ווען נישט, וואָס עס העלפן מיר אַלץ צו אייגענע מענטשן, וואָלט נאָך אויסגעקומען צו דערלייגן...

קרעכצט דער הייליקער פּאַטער און שיקט אַ תּפילה צו גאָט, ער זאָל זיך שוין אַמאָל מרחם זיין...

דער וואַגאָן ליידיקט זיך אויס, דער האַלב־פּריץ־האַלב־פּויער געזעגנט זיך מיטן גלח:

— פּאַרט געזונט, הייליקער פּאַטער, נאָר אַ צוויי שעה און איר וועט זיין אין זאַקאָפּאַנע.

דער הייליקער פּאַטער פירט אים צו ביז צום אַרויסגאַנג און ווינטשט אים הצלחה אין האַנדל און אַ גוט געדעטעניש. שאַרט זיך נאָכדעם צוריק צו צום פענסטער און קוקט שטום אין דער פינסטערניש

אַקעגניבער, אין אַ ווינקל פון צווייטן האַלבן וואַגאָן, האָבן זיך אַ גרופּע שוועסטער פּאַרקליבן, מיט זויבער־ווייסע הויבן אויף די קעפּ, און פירן שטיל אַ געהיימנישפולן געשפּרעך.

און הינטער דעם פּאַטערס פּלייצעס, האַרט בײַ דעם טויער, גנבעט אַ סאָלדאַט שטילע קושן בײַ אַ שעמעוודיקער דאָרפס־שיקסע...

צוויי זשאַנדאַרמען קומען אַריין, גייען צו צום ערשטן צו די באַרמהערציקע שוועסטערן און בײַטן העפלעך דאָקומענטן. די שוועסטערן ווייזן זייערע באַשריבענע פּאַטאָגראַפיעס — קרעכצט דער הייליקער פּאַטער:

— שלעכטע, ביטערע צייטן...

אין אַ ווײַלע אַרום — ווידער זשאַנדאַרמען, און ווידער דאָס זעלבע. ווערט דער הייליקער פּאַטער שוין אומגעדולדיק, און אַן איפגערעגטער מורמלט ער: — שווינסטוואָ! אַך, שווינסטוואָ!.. — שפּײַט אויס און לויפט אַרויס אויפן בריקל און שטויסט זיך אָן אָן קושנדיקן פּאָרל...

אַ חבֿרה צעהיצטע שכּורע סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין, פּראַלן אויף די פענסטער און פּילדערן, זיך ווישנדיק דעם שווייס. אייבער

מיט שפיציקע וואָנסעלעך קען זיך אויף די פיס נישט האַלטן, מאַכט חוזק און שעלט די גאַנצע וועלט און אַפילו די העכסטע מאַכט זיינע...

ראָזנצווייג איז צו אַן אָפן פענסטערל צו. אַ שאַרפע, קאַלטע לופט האָט זיך אַריינגעריסן און דעם געדיכטן רויך געטריבן. ער האָט טיף אויפגעאָטעמט. דער צוג האָט זיך צווישן די בערג אַלץ העכער שווער געדראַפעט און פאַרן פענסטער האָבן זיך ווענט: געלע, צעשפּאָלטענע געריקט. אָט באַלד, און ער וועט זיך שוין אין, פון גאָט געבענטשטן, זאַקאַפּאַנע געפינען. אין דעם זאַקאַפּאַנע, וואָס דער מאַלער קען זיך נישט זעטיקן, מאָלנדיק, און דער פּאָעט באַזינגענדיק, און נאָך מער: אין דעם זאַקאָפּאַנע, וווהין מען אַנטלויפט, כדי זיך פון טויט צו באַהאַלטן...

דער צוג האָט זיך געשטעלט, און ראָזנצווייג איז אַראָפּגע־שטיגן ער האָט זיך געפילט מיד, אויסגעמאַטערט פון וועג, און די שאַרפע, קאַלטע לופט האָט אים דעם אָטעם פאַרכאַפּט. פאַרן אַרויס־גאַנג פון וואָקזאַל האָבן זיך אַ מחנה גוראַלעס געשטופּט, אין ווייסע שמאָלע, מיט פאַרשיידענע קאָלירן אויסגעהאָפטענע, הויזן, אין גע־האָפטענע סערדאַקן, מיט ווייכע, שוואַרצע קאַפּעלושלעך אויף די קעפ, אַרומגענומען מיט ווייסע שנירלעך, און אַ פעדער אין דער זייט.

אַ יונגער, שלאַנקער גוראַל האָט ראָזנצווייגן באַ אַ האַנט גע־כאַפּט, אים צו זיין שליטל צוגעשלעפּט און אים כמעט מיט גע־וואַלט דאָרט אַריינגעזעצט. און באַלד האָט זיך דאָס שליטל איבער די באַרגיקע גאַסן געגליטשט.

ראָזנצווייג האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך געפונען אין אַ טאָל, און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן זיך רויקע, הויכע, ווייסע בערג אין הימל אַריין געשפּיצט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דאָס שליטל פאַר אַ קליין הייזל געשטעלט. די פענסטער פון הייזל זייַנען נישט געווען באַלויכטן — אַלץ איז שוין דאָ געשלאָפן. אויף ראָזנצווייגס קלינגען, איז די ווירטן פון פענסיאָנאַט, אַ פאַרשלאָפענע, אַרויסגעקומען און אים מיט שטילע טריט אַרייַנגעלאָזט אין אַ צימער, וואָס איז פון פריִער שוין געווען פאַר אים צוגעגרייט.

דאָס צימער איז געווען גענוג גרויס, אָבער אַלץ דערין אייַנפאַך, די ווענט, דער סופיט, דאָס בעט, דאָס שענקל מיטן טישל איז אַלץ פון זעלבן רויטלעכן האָלץ געווען, און אין אַ ווינקל איז אַ ווייסער קאַלך-אויוון געשטאַנען. ראָזנצווייג האָט זיך, אַ מידער פון דער לאַנגער נודנער רייזע, באַלד אין בעט געלייגט און טאַקע באַלד געשמאַק אייַנגעשלאָפן.

„מאָרגנס אינדערפרי, ווען ער האָט די אויגן געעפנט, איז שוין גוט ליכטיק געווען. ער האָט זיך געפילט לייכט און גוט. שנעל האָט ער זיך אָנגעטון און איז צום פענסטער צו. — וואָס איז דאָס? די בערג זייַנען פאַרשוווּנדן. אויף זייער אָרט דאָרט טראָגן זיך לייכטע, ווייסע וואָלקנדלעך, און דער הימל לויטער-בלוי, ריין און ווייך, און די זון אַ רויטע, אַ גרעסערע ווי געוויינטלעך, שווימט אַפּער פון אונטער די ווייסע וואָלקנדלעך מיט אַ ליכט-פאַרפלייצנדיק געלעכטער..

ראָזנצווייג איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי, און אין דער לופט האָט זיך נאָך געהערט דער קלאַנג פון דער נאָר-וואָס אָפּגעזונגענער שירה... און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט... אויף אַ גוטער, שיינער וועלט, און אַלץ איז אין אַן אייביקן

זיסן טרוים פּאַרכּישופט... און עס ווילט זיך אים פרייען און לאַכן... עס ווילט זיך די גאַנצע וועלט אַרומנעמען און קושן... אויף די ווייסע, ליכטיקע וואָלקנדלעך שוועבן און טרונקען דעם טוי, וואָס פאַלט פון דאָרט...

אַ ביסל שפּעטער

די וואָלקנדלעך פאַרשווונדן. די ריזן-בערג קריכן, ווי די בערן פון זייערע באָרעס אַרויס, שטופּן זיך אין הימל אַריין. עס דאַכט זיך, אַז איינער וויל דעם צווייטן מיט זיין אומגעלומפּערטקייט איבער-שטייגן...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט ראָזנצווייגן פון פענסטער אָפּגעריסן. אין צימער איז אַריין אַ יינגע גוראַלקע.

— צאַלויען ראָנצשקי — האָט זי זיך פאַרנייגט — וואָס דערלאַנגען דעם הער?

ראָזנצווייג האָט זיך דערמאָנט, ווו ער געפינט זיך און זיך געהייסן פרישטיק ברענגען.

נאָכן עסן איז ער אויף דער גאַס אַרויס. אַ שטאַרקע פראָסט האָט אַלץ געשטייפט. און דער שניי — ווייס, זויבער-קלאָר, האָט אַקעגן דער זון געפינקלט. ער האָט זיך געפילט פריש און קרעפ-טיק אויף דער קעלט און געשפּרייזט, אַ פריילעכער, איבער דער סטעטשקע פון פאַרווייסטן פעלד. די זון האָט אים מיט וואַרעמע שטראַלן באַגלייט, צערטלעך געגלעט, און עס האָט זיך אים געוואָלט אויף די ריזיקע, ווייסע שניי-בערג קלעטערן, אויפן העכסטן שפּיץ זיך אַרויפקריגן און מיט אויסגעשפּרייטע הענט אַקעגן די זונען-שטראַלן זיך שטעלן... אַלץ איז אַזוי הערלעך, שיין און ליב. דאָס האַרץ וואַקסט און עס ווערט ברייט, עס ווילט זיך צו אַלעם טוליען און לאַשטשען...

דריי גוראַלסקע קינדער אין זייער טיפּישער קליידונג זיינען

אים אַקעגן געקומען. אַלע דריי, דאָס עלטסטע אַ יאָר אַכט און דאָס ייִנגסטע אַ יאָר פיר, אין אַלציינע פּיטערנע בעזרענקאָוויקלעך און אין געבלימעלטע יאַקעלעך, מיט רויטע באַשליקלעך אַרום די קעפּעלעך פאַרוויקלט, פון הינטער וועלכע עס האָבן פולע, רויטע בעקעלעך מיט פינקלענדיקע אייגעלעך אַרויסגעקוקט. אַלע דריי האָבן זיך פאַר די הענטלעך געהאַלטן און איבערן פאַרפרוירענעם שניי זיך געגליטשט.

ראַזנצוויַיג האָט זיי אָפּגעשטעלט.

— וווהין דאָס, קינדערלעך?

די קינדער האָבן אויף אים די אייגעלעך אַנגעשטעלט, און דאָס עלטסטע האָט דרייסט געענטפערט: — אָט אַ דאָרט צום בערגל גיין מיר, וווּ מען שליטלט זיך.

דאָס ייִנגסטע האָט אונטערגעכאַפּט:

— ווייסטו, הער, באַ אונדז איז דאָ צוויי דינסטן...

— און ווי רופט מען זיי? — האָט ראַזנצוויַיג קוועלנדיק געפרעגט.

— איינע רופט מען זאָשקע.

— און די צווייטע?

— די צווייטע האָב איך נישט ליב — האָט דאָס קינד מיט די ליפּעלעך פאַרצויגן און זיך דערוויַיל מיט דעם עק פון באַשליקל געשפּילט.

— פאַרוואָס האָסטו זי נישט ליב? — האָט ראַזנצוויַיג וויַיטער געפאָרשט.

— וויַיל זי איז נישט קאַ שיינע — האָט דאָס קינד ערקלערט...

ראַזנצוויַיג האָט די קינדער מיט קושן באַדעקט.

אין מיטן וועג האָבן זיך ייִנגוואַרג: ייִנגלעך און מיידלעך, אין ווייסע צוויטערס און אין ספּאָרטאָווע הויזן, אויף נאַרטעס גע־גליטשט. מיט לאַנגע הילצערנע שטעקנס אין די הענט האָבן זיי

זיך שנעל אין שניי דורכגעשניטן. און ווייטער אַרויף, צו דער באַן, האָבן יינגוואַרג און קינדער אויף דער אַנטאַלופּקע געקלעטערט ביזן שפּיץ אַרויף, דאָרט אויף קליינע, שמאָלע שליטעלעך זיך צו צוויי־דריי רייטנדיק אויסגעזעצט און זיך מיט אימפּעט אַראָפּגעלאָזט. דאָס שליטל לויפט מיט אַ געוואַלטקיער שנעלקייט — אָט ווערט עס אין אַ גרוב פאַרשוווּנדן, און באַלד שווימט עס ווידער אויף און לאָזט זיך מיט נאָך מער קראַפט אַראָפּ.

דרייט זיך אַ שליטל אין מיטן לויפן איבער, די מענטשן וואַלגערן זיך אין שניי, וויקלען זיך איבער עטלעכע מאָל צוזאַמענגעשלאָסן, הייבן זיך אויף און קלעטערן ווייטער אונטערהינקענדיק . .

און די זון האָט גליענדיקע שטראַלן אויפן שניי־באַרג געוואָרפן, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צעשמעלצן, נאָר דער שניי דריקט זיך אַלץ פעסטער צוזאַמען און ווערט האַרטער און גלאַנציקער.

II.

ווען ראָזנצווייג איז צוריקגעקומען אין פּענסיאָנאַט אַריין האָט מען זיך שוין צום מיטאָג געגרייט. די אייגנטימערן, הויך און דין, מיט אַ ווייס געשטייפט קעלנערל אַרום דעם שטאָקיקן האַלדז, האָט אים צו די געסט אין זאַל אַריינגעפירט און אים פאַר זיי פאָרגעשטעלט.

פּאַננאַ קאַסאָווסקאַ, אַ קליין קעפּעלע מיט געלאָקטע בלאָנדע האָר און אַ פּאָר בלויע לאַכנדיקע אויגן, האָט אים אַ קליין הענטל דערלאַנגט, אַ שמייכעלע צוגעוואָרפן און זיך שנעל צום טיש געזעצט. פרוי יאַנינאַ, אַ לענגלעך פּנים, מיט בינאָקלען אויף דער דאַרער שטרענגער נאָז, קוקט פון אַ זייט און האַלט די הענט אויף זיך געשלאָסן. פּאַננאַ יאַדוויגאַ, אַ ברונעטע, מיט אַ רונד־סימפּאַטיש

נעזיכט, מיט קליינע רויטע ליפעלעך, אין אַ רויטער, ביז צום האַלדז פאַרשפּילעטער, בלוזקע און אַ קליין גאָלדן צלמל אויף דער ברוסט, רעדט אַ ביסל הייזעריק, נאָר מיט אַ באַטעמט קול... פאַן קעלאָשינסקי, אַ הערלעך שיינער ברונעט, שלאַנק און הויך, מיט אַ פּאָר טיפע שוואַרצע אויגן, פראַנטיש געקליידט, רייבט זיך כסדרי די מאַניקירטע נעגל איבער די הויזן און רעדט האַלב־זינגענדיק. פאַן שוואַרץ, מיט אַ פּאָר העלע באַוועגלעכע אויגן, דער איינציקער, וואָס האַלט זיך פריי, נישט קרעמפּירט...

ראָזנצווייגן האָט מען לעבן שוואַרצן און קעלאָשינסקין סערווירט.

דאָס מיטאָג איז שטיל, אויף די שפּיץ פינגער אדורך. האָט ווער אַ וואָרט ווען שטיל און אָפּגעהאַקט אַרויסגעלאָזט, איז עס פאַרשוווּנדן געוואָרן אין לייכטן קלאַנג פון גאָפּל און מעסער.

די פאַננא קאַסאָווסקאַ האָט פון צייט־צו־צייט זיך צו איר שכנטע צוגעבויגן, עפּעס איר אין אויער געררוימט, און דאָס קליינע קעפּל האָט זיך לייכט געוויגט און געשטיקט אין זיך דאָס געלעכטער.

שוואַרץ מיט קעלאָשינסקין האָבן זיך איז דער שטיל גע־דזשאָבעט.

— פאַן ניע ראָזומיע, באָ מאש פאַן אַ גויעשקען קאָז — האָט שוואַרץ קעלאָשינסקין אין אויער איינגערוימט...

קעלאָשינסקי האָט גוטמוטיק געשמייכלט און זיך צו ראָזנ־צווייגן צוגעבויגן.

— הערט, פאַניע סטאַניסלאַוויע — האָט ער אין דער שטיל זיך באַקלאָגט פאַר ראָזנצווייגן — איך האָב אַ סך חברים יידן, קום צו זיי און פאַרברענגט מיט זיי גוט, כאָטש זיי האָבן אַ סך פעלערן, נאָר אַזאַ, וואָס זאָל אַזוי קריכן אין דער לעבער ווי דער, האָב איך נאָך נישט געזען...

דער ט״ש איז אַלץ מער געוואָרן באַזעצט פון פּאַרשפּעטיקטע, וועלכע האָבן זייער עסן שוין קאַלטערהייט געשלונגען...

נאָכן מיטאָג האָט זיך ראָזנצווייג נענטער באַקאַנט מיט שוואַרצן. אויך ער, שוואַרץ, איז אַ וואַרשעווער, און זיי האָבן זיך, צופרידענע, אויפן שפּאַציר געלאָזט.

קעלאָשינסקי האָט נאָכגעשריגן:

— וואַרטס, יידלעך, איך גיי אויך!

אויפן שניי איז דאָס געשפרעך געוואָרן פרייליכער.

— איר קוקט אָן אָט דעם שיינעם פּראַנט — האָט שוואַרץ אָנגעוויזן אויף קעלאָשינסקין — אַלטע באַבעס גנבנען זיך דורך דער הינטער-טהיר צו אים באַנאַכט, און בא אים איז אַלץ סחורה...

— איר רעדט נישט — האָט קעלאָשינסקי געלאַכט — איר זענט שוין אַן אָפּגעפּאָרענער. — און ער האָט אַ שאַרפן פּייף געטון.

פאַר דער פּאָסט, אויף קראָפּאָפקע-גאַס, איז אַ לאַנגע שורה שליטלען געווען אויסגעשטעלט. לעבן זיי אַ חברה שלאַנקע, שיינע גוראַלעס, מיט די בייטשלעך אין די הענט, אונטערטאַנצנדיק מיט די געפרוירענע פיס.

— קוקט אָן די פרייערסקע מאָרדעס — האָט קעלאָשינסקי אויף זיי אָנגעוויזן — קוקט זיך איין אין זייערע ווייסע געבלימלטע הויזן, ווי נאַריש דאָס איז געמאַכט: די לאַפּן הינטן שלעפּן זיך נאָך אין שניי און פון פאָרנט איז בא זיי פאַרנייט ביז אַרויף...

אַלע דריי האָבן זיך הויך צעלאַכט, און די גוראַלעס האָבן זיי אַרומגערינגלט.

— דאָ קוזניצאַ זאַ דוויעסטו מאַרקוף יאָדע — האָט איינער הויך גערופן און מיט דער בייטש צוגעקנאַקט.

— הונדערט פופציק — האָט קעלאָשינסקי זיך געדינגען.

— אַ קלאַ אָטוב?

— אָט מיר דריי נאָר.

— נאַ באַסער מאַטער — האָט דער גוראַל איינגעשטימט, פלינק אויפן שליטן אַרויפגעשפרונגען, פריילעך מיטן בייטשל אַ קנאַק געגעבן, און זיך אַ שנעל אין האַלדז דערלאַנגט.

— אי טאַ בעדזשע...

אַלע דריי האָבן זיך אין שליטן אַריינגעזעצט, און דאָס יונגע, שטאַרקע פערד האָט זיך באַרג-אַרויף קיין קושניץ געריסן.

דער גוראַל ריס נישט מיטן מויל און קנאַקט אַלץ מיט דער בייטש — העשטאַ! ווישטאַ! הייט! הייטאַ! — און דאָס ווילדע קאַשטאַן-פערד פליט באַרג-אַרויף, ווי עס וואָלט פליגל געהאַט.

הינטער דער שטאָט האָט זיך פאַר זיי אַ הערלעכער וועג אַנטפּלעקט.

פון ביידע זייטן פּרעכטיקע ווילעס, מיט שיינע געדיכטע ביימער אַרומגערינגלט.

— פּשאַקרעוו — האָט קעלאַשינסקי מיט די ציין געקריצט — אָט דאָס אַלץ, די ווילעס, מיט די געדיכטע וועלדער, די פּאַפּיר-פאַבריק, וואָס געפינט זיך דאָרט אין מיטן וואַלד, דער טאַרטאַק — דאָס געהערט אַלץ צום כראַביאַ זאַמאַיסקי! — זיצט זיך דאָרט אין פּאַריז און דאָ אַרבעט זיך פאַר אים... אַך, דאָס בלויזע פּאַפּיר-פאַבריקל, ווען ער שענקט מיר כאָטש...

זיי זיינען צווישן צוויי בערג אַריינגעפאָרן. רעכטס דער רעגלער, געדיכט באַוואַקסן מיט דינע, גלייכע נאָדל-ביימער, און לינקס דער נאָסאַל, הייבט זיך אויף גלייך, ווי אַ וואַנט, און ענדיקט זיך אין דער הייך מיט אַ סך שפּיצן, ווי אַ קרוין. די זונען-שטראַלן האָבן זיך דאָ אָן די שפּיצן אָנגעשלאָגן און איבער דער וואַנט זיך אַראָפּגעשיט...

און דאָס שליטל האָט זיך אַלץ העכער געטראָגן. איבער׳ן גאַנצן וועג האָבן זיך מהנות׳ יינגוואַרג געצויגן, מיט זייערע באַב״ס און שליטלעך, אַרויף קיין קוזשניק, זיך פון דער הייך אַראָפּצולאָזן.

אַ שטאַרק טרומייטעריי האָט זיך דערטראָגן און באַלד דערויף אַ לאַנגער, רויטער באַבי, וואָס האָט זיך מיט אימפּעט פון דער הייך געריסן. פון פאָרנט באַם רעדל אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, הינטער אים דריי קינדער און צום לעצט אַ פרוי. די קינדער לאָזן נישט אַרויס די טראָמבקעס פון די מיילער, און אַלץ אַרום באַגלייט זיי מיט אַ נאַבאַ־אָ־אָ־ק!

און ווידער שליטעלעך, אויף וועלכע עס זיצן יינגלעך מיט מיידלעך, די פּיס פאָרויס אויסגעצויגן און קערוועז מיט די אָפּ־צאַסן. אַ שליטל דרייט זיך איבער. די איבערגעקערטע טאָרלען זיך אין שניי. אַ יינגל, אַ שילער, איז אויף אַ מיידל אַרויפגעפאַלן, גלוסט זיך אים נישט אַראָפּ. לויפן יינגוואַרג צו און שלעפן אים באַ אַ פוס אין טיפן שניי אַריין, באַ אַ הוראַ באַגלייטונג...

די רעסטאָראַציע אין קוזשניק האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויס קליינשטעטלדיק טיי־הויז. אינווייניק האָט גערוישט, ווי אין אַ בינשטאָק, אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע טיפן מענטשן, מיט פאַרשיידענע שפּראַכן. אַלץ האָט זיך צום בופעט נאָך טיי, אָדער שנאַפּס געשטופּט. יעדער שרייט אויף זיין שפּראַך, אָדער אויף אַ צעקאַלעטשעט פּויליש — טויב צו ווערן.

אין צווייטן גרויסן זאַל רוישט אויך. אין מיטן זאַל טאַנצט מען אונטער און מען צערייבט זיך די געפרוירענע הענט. באַ אַ טישל זיצט אַ דייטשע פאַמיליע, באַזאַמען מיט זיי אויף אַ שטול זייער באַליבטער הונט.

— שפּיל מאַל עטוואָס — בעט זיך די מוטער בײַ איר אויסגעדאַרטער טאָכטער, און ווינקט אויף דעם ליידיק־שטייענדיקן ראָיאַל אַקעגניבער.

— אָבער עס איז דאָך זאָ קאַלט — קרימט זיך די געפרוירענע טאָכטער.

דער מאַן און פאָטער, אַ פאַרפעצטער דייטש, ברענגט אַליין שנאַפּס צו, און די טאָכטער זעצט זיך צום ראָיאַל און קלאַפּט אויס אַ פריילעך שטיקל.

קעלאָשינסקי, ראָזנצווייג און שוואַרץ האָבן זיך אַרום אַ טישל געזעצט. קעלאָשינסקי האָט זיך אַ גאַנצע פלאַש שנאַפּס אַרײַנגעברענגט און דרייט אין זיך אַרײַן איין גלעזל נאָכן צווייטן, און לאַכט פון די זשידקעס, וואָס וואַרעמען זיך מיט טיי... קעלאָשינסקי האָט זיך באַזויפן צערעדט.

— אַלע דריי כּלות האָב איך אין לובלין איבערגעלאָזט... זיך שוין נישט געקענט אַרויסדרייען פון זיי... אוי, דאַרף מען וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן מיט אַזאַ חברה... פריער גוט אויסשצשיסקען און דערנאָך — פּאַשאָל...

אַלע אין זאַל האָבן זיך צו זייער טישל אומגעקוקט, ווי קעלאָשינסקי האָט, באַם איליסטורירן דעם „פּאַשאָל“ מיט אַ קאָפּ מיטן פוס, זיך איבערגעדרייט און זיך אַליין נישט געקענט אויפשטעלן...

ווען ראָזנצווייג מיט שוואַרצן האָבן קעלאָשינסקין אונטערן אָרעם גענומען און זיך צוריק אין שליטל געזעצט, איז שוין טונקל געווען. אַ ווינט האָט אויפן גאַנצן הימל טונקעלע גראַנאַט־וואָלקנס אָנגעטראָגן, און איינער האָט זיך נאָכן צווייטן מיט שנעלקייט געיאָגט, ביז די העלפט פון די ריזן־בערג איז פאַרשוווּנדן, אַזוי, אַז מען האָט נאָר די אונטערשטע טיילן אַרויסגעזען. און די וועלדער, וואָס וואַקסן אויף די בערג, האָבן זיך אין אַ העל־געל פייער אָנגעצונדן, און עס איז אַזוי ליכטיק דאָרט, אַז עס זעט אויס, ווי עס וואָלט

דאָרט פול מיט רויטע און געלע בלומען געווען. און באַלד האָט זיך דאָס בילד געענדערט. דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן און די גראַנאַט־וואָלקנס האָבן די געלע און רויטע בלומען איינגעשלונגען. אַלץ איז אין טונקל איינגעהילט, דער הימעל, די בערג, אַלץ האָט זיך אין איין קאָליר צוזאַמענגעגאָסן. נאָר דער ווינט שאָקלט די געדיכטע וועלדער, וואָס זייַנען אויף די בערג אָנגעוואַקסן, און עס זעט זיך קוים, קוים, ווי די בערג וויגן זיך דאָרט...

באַם קליינעם הייזל האָט זיך דאָס שליטל געשטעלט. ראָזנצווייג מיט שוואַרצן האָבן קעלאָשינסקין אונטער די הענט צו זיך אין צימער אַרייַנגעפירט, אים אין בעט געלייגט, און אַליין האָבן זיי זיך געזעצט לעבן אים.

שוואַרץ האָט ראָזנצווייגן דערציילט פון לעבן דאָ. דיווירטן פון פענסיאָנאַט איז אַ געהעזענע גרעפין. די רוסן האָבן באַ איר פאָטער דעם טיטל צוגענומען פאַר באַטייליקן זיך אין פוילישן אויפשטאַנד און פאַרשיקט אים קיין סיביר. און זי האָט זיך דאָ נישט לאַנג אין זאַקאָפּאַנע באַזעצט מיט איר קראַנקען זון, וועלכער ליגט די גאַנצע צייט צו־בעט.

די פרייַלין קאַסאָווסקאַ, די מיטן קליינעם בלאָנדן קעפל, וואָס לאַכט אַלע מאָל, איז אַ געוועזענעם מיניסטערס אַ טאָכטער און האָט נישט פיינט קיין ייִנגל... און די פרוי יאַנינאַ, מיט די בינאָקלען אויף דער שטרענגער נאָז, איז די פּאַננאַ קאַסאָווסקעס אַ חברטע און ברענט פאַר אייפערזוכט, ווען אַ ייִנגל גיט זיך אָפּ מער מיט דער חברטע, ווי מיט איר... די פּאַננאַ יאַדוויגאַ מיטן צלמל אויפן האַלדז איז אַ גיט־באַזיצערס אַ טאָכטער און האָט באַקאַנטע בלויז גלחים. דאָך לעבט זי גוט מיט ייִדן... קעלאָשינסקי איז אַ סטודענט מעדיצין, און איז אַרייַנגעטרעטן אַלס פרייוויליקער און אַן אולאַנער־פּאָלק. איז עס אים שנעל פאַרמיאוסט געוואָרן

און ער האָט אַרויסגעקריגן אַ צייגניש פון אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, אַז ער מוז פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע זיך קורירן...

— אַ גוטער שייגעץ — האָט אים שוואַרץ געריימט — מען קען מיט אים מאַכן, וואָס מען וויל...

די פּאָקאָיאָווע האָט אין טיר אָנגעקלאַפּט.

— פּאַנאָוויע! די דאַמע רופט אַראָפּ אין זאַל.

שוואַרץ מיט ראָזנצווייגן האָבן דעם שלאָפנדיקן קאָלאָשינסקין איבערגעלאָזט און אַרויס.

אין זאַל אונטן זיינען די דאַמען אַרומן טיש געזעסן. די פּאַננאַ קאָסאָווסקאַ האָט „קאַבאַלאַ" געשטעלט אַ יינגן שיינעם אונטער - אָפיציר און דערביי זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

די אריינגעקומענע האָבן זיך באַם טיש געזעצט און זיך צוגעקוקט.

ווען די פּאַננאַ קאָסאָווסקאַ האָט געענדיקט מיט דעם אונטער-אָפיציר, האָט זי זיך צו ראָזנצווייגן גענומען.

— און אַצינד אייך, פּאַניע סטאַניסלאַוויע! איר זעט ווי גוט איך שטעל „קאַבאַלאַ"...

— מיט פאַרגניגן — האָט ראָזנצווייג געענטפערט.

די פּאַננאַ קאָסאָווסקאַ האָט די קאָרטן גלייך אויסגעלייגט, נאָכגעקלערט אַ מינוט און פאַמעלעך גערעדט:

— א גרויס גליק דערוואַרט דיך. אַ שיינע, יינגע שאַטינ-קע גייט אויס נאָך דיין בליק... אַ גוטע נייעס וועט דיר די טעג אָנגעזאָגט ווערן דורך אַ בריוו פון יענער זייט ים. און דיין צוקונפט וועט זיך וועבן באַ די ברעגן פון ירדן... אַלע אַרום דעם טיש האָבן האַרציק געלאַכט. און ראָזנצווייג האָט זיך נישט געקאָנט אָפּווונדערן

— ווי פּראַכטפאָל, ווי גרויסאַרטיק איר טרעפט! באַ די ברעגן פון ירדן בין איך געבוירן און דערצויגן און דאָרט וועל איך שטאַרבן...

די פאַנגאַ קאָסאָווסקאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט

— איז עס אמת? זעגט איר אין פּאַלעסטינע געבוירן?

— אמת, אמת! — האָט ראָזנצווייג צופרידן געענטפערט.

— און מיט די אַראַבער צוזאַמען געלעבט? — האָט זי ווייטער זיך גישט געקענט אָפּווונדערן.

— מיט די אַראַבער צוזאַמען געלעבט.

— און אין ירדן געבאָדן?

— אין ירדן זיך געבאָדן!

— און אין נאַזאַרעט געווען?

— געווען!

— און אַראַביש רעדט איר?

— געוויס:

— טאָ, ווי זאָגט מען אויף אַ לאָמפּ? אויף דער לבנה? ווי הייסט אַ שטערן? דער הימל? — האָט זי אַלץ אין איין אָטעם געפרעגט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און ראָזנצווייג האָט איר אַלץ אויף העברעיש פאַרטייטשט...

פלוצלינג האָט זי זיך אויפן יונגן אונטער-אָפיציר פאַרקוקט באַלד זיך אָפּגעריסן פון אים און מיט אַמאָל אויסגעשאָסן.

— און ווי זאָגט מען: איך האָב דיך ליב?

ראָזנצווייג האָט איר פאַרטייטשט:

אוהב אני אותך...

די פאַנגאַ קאָסאָווסקאַ האָט דאָס קליינע קעפּל צום סופית פאַרוואָרפן, די אויגן פאַרגלייזט און זיך גענומען חזרן: אוהב אני אותך, אוהב אני אותך, אוהב אני אותך...

דער אונטער-אָפיציר איז געזעסן און מיט אַלע מיטגעלאַכט. פלוצלינג האָט די פאַנגאַ קאָסאָווסקאַ אויף אים אַ פאַרוואָרף-מינע

געוואָרפן, איז צו ראָזנצווייגן נאָנט צוגעגאַנגען און אים אין אויער געשעפּטשעט; אוהב אַני אותך, אוהב אַני אותך...

דער אונטער־אָפיציר איז ביז איבער די אויערן רויט געוואָרן...

באַלד האָט מען צום אָוונט־ברויט געגרייט, און ווי נאָר מען האָט דאָס עסן געענדיקט, האָט זיך דער אונטער־אָפיציר אַ ברוגזער אַרויסגעשאַרט פון זאַל...

II.

ראָזנצווייג איז געשטאַנען אויפן גאַניקל, וואָס איז געווען לעבן זיין צימער. און זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט. אויפן לויטערן הימל האָט אַ האַלבע זילבער־לבנה זיך געשפּיגלט און באַלויכטן די, מיט שניי־באַדעקטע, ריזן־בערג פון אַרום. די „שוויניצע" האָט זיך אין ווייסן לײַלעך איינגעקורטשעט און זיך אונטער אירע חברים פאַרשטעקט—קוים, דאָס קעפּל שטעקט אַרויס. און דער „שלאָפנדיקער ריצער" דער געוואַנט, האָט זיך צום שלאָפן אויסגעצויגן, און דער זעכצען־מעטערדיקער צלם אויף אים איז פאַרשוואונדן.

אַלץ, האָט אויסגעזען, דרימלט רויק אונטער דעם ריזיק־ווייסן לײַלעך. און ראָזנצווייג האָט זיך אין דער טיפער שטילקייט איינגעהערט, געשטאַנען און געטרוימט פון אַזעלכן, וואָס ער אַליין האָט נישט געוווּסט. געבענקט נאָך אַזעלכס, פון וועלכן ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט...

עס מוז שוין אַזינד שפּעט זיין, נאָר שלאָף נעמט אים נישט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, זינט ער איז נאָר פעיק צו געדענקען ציט זיך אַצינד פאַר זיינע אויגן פאַרביי.

דאָס ערשטע, וואָס עס געדענקט זיך אים איז אַ זאַך, וואָס

איז געשען, ווען ער איז קוים דריי יאָר אַלט געווען, און דע־ריבער זעט ער עס אַצינד, ווי עס וואָלט אין אַ חלום געשען, דורך אַ נעפּל.

און געווען איז עס אין אַ פרימאָרגען. ווען ער האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט ער פּלוצלינק דערזען לעבן זיך ליגען אין זיין בעטל, אויפן זעלבן קישן, נאָך אַ יינגעלע מיט בייזע, שיקלדיקע אייגעלעך און מיט דאַרע, לאַנגע הענטלעך, מיט וועלכע ער האָט אים בעהאַלטן אין איין צופּן... האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם בייזן אומגעריכטן גאַסט און ער האָט זיך מיט שרעק געקורטשעט...

אָבער דאָס בייזע יינגעלע האָט זיך נישט באַרויקט, געפּינטלט אויף אים מיט זיינע שיקלדיקע וואסער־אייגעלעך און אים גענומען קאָפּען מיט די פיסלעך... די קאָלדרע האָט זיך אַוועקגעמאַכט, און דעם בייזן יינגעלעס לאַנגע, דאַרע פיסלעך האָבן זיך אַרויסגעזען...

דערשראָקן—האָט ער זיך אַליין צום עק פון בעטל גערוקט און דאָס בייזע יינגעלע קאָפּעט מיט די דאַרע פיסלעך. ביז ער איז האַסטיק פון בעטעלע ארויסגעפאַלן...אויף זיין געשריי, איז פון צווייטן צימער אַריינגעקומען אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכע מיט אַ בינטל שליסעלעך אין פאַרטוך פאַרשטעקט. זי האָט אים צוריק אין בעטעלע געלייגט, און ער, נאָך מער דערשראָקן פון דער פרעמ־דער פרויס פּלוצלינקן דערשיינען, איז באַלד שטיל געבליבן...

שפּעטער האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז די פרוי איז זיין מאַמעשי און אַז דאָס בייזע שיקלדיקע יינגעלע איז זיינס אַ ברידערל....

אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער אין אַ זומער־פאַרנאַכט אַ מידער פון חדר געלאָפן. געווינט האָבן זיי הינטער דער שטאָט און די פענסטער פון זייער שטוב זיינען צום פעלד אַרויסגעגאַנגען.

ווען ער איז צו דער שטוב צוגעקומען, האָט ער די טיר געפונען פאַרמאַכט. האָט ער אַזוי לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר, ביז ער איז מיד געוואָרן קלאַפּנדיק.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, עס איז געוואָרן פינסטער, און אַ שרעק איז אים באַפאַלן... דאָרט אויפן פעלד, דאָרט, ווו ער האָט זיך מורא אומצוקוקן, וווינט דער גויעשער אָגראָדניק, מיט די גרויסע בייזע, שוואַרצע הינט, וואָס זען נאָר א יס ווי הינט, אָבער זיינען גאָר שדים... און די אַלטע אַנטאָניאָווא, וועלכע וווינט דערלעבן אין קעמערל, זינגט אַצינד מיט אַזאַ מוראדיק קול... ער האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און איז אַרויס מיט אַ געוויין. ער האָט זיך אָבער באַלד פאַר זיין אייגן געוויין דערשראָקן: זיי דאָרט קענען דערהערן און אָנקומען צו לויפן... האָט ער זיך אין ווינקל פאַרוקט און טרערן געשלונגען...

אין אַ צייט אַרום ערשט איז אַ שכנטע פון צווייטן הייזל דורכגעגאַנגען, און דערזעענדיק אים, האָט זי אים צו זיך אין שטוב אַריינגפירט, און דאָ ערשט האָט ער זיך רעכט אויפן קול צעוויינט...

די שכנטע האָט אים איינגענומען:

— נו, שאַ, וויין נישט, קינד, די מאַמעשי וועט באַלד קומען זי איז נאָר אַ ביסל שפּאַצירן אַרויסגעגאַנגען, זי וועט באַלד קו־מען... — און אַליין האָט זי זיך מיטן פאַרטוך די פאַרוויינטע אויגן געווישט...

— אוי, דיין מאַמעשי, דיין מאַמעשי! ווען זי וואָלט פו גרוב אויפגעשטאַנען און דיך אָנגעקוקט!...

וויינענדיק איז ער אויף איר שויס איינגעשלאָפן, און ווען ער איז אויפגעקומען, איז פאַר אים די הויכע פרוי, זיין מאַמעשי, גע־שטאַנען. זי האָט אים בײַ אַ הענטל גענומען און שטילשווייגנדיק אין שטוב אַריינגעפירט.

און ווייטער האָבן זיך בילדער געצויגן.

ער איז שוין אַ דערוואַקסן יינגל, און מען האָט אים אין

אַ פֿאַבריק צו דער אַרבייט אָפּגעגעבן. ליכטיקע געשטאַלטן שוועבן פֿאַר די אויגן פֿאַרביי:

ליבער, גוטער גריצהענדלער

אַ הויכער און מאָגערער, מיט גרויסע בלויע קינדישע אויגן, און מיט אַ נאָך גרעסער האַרץ... איינער פֿון די אַרבעטער-פֿירער. געשטאַמט פֿון באַנקירישע עלטערן, האָט ער די אוניווערזיטעט אַוועקגעוואָרפֿן, זיך אַן אַרבעט אויסגעלערנט און מיט לייב און לעבן דער אַרבעטער-זאַך זיך אָפּגעגעבן.

שטייט ער אויף אַ טיש אין פֿאַבריק און האַלט זיינע פֿייערדיקע רעדעס. אַלע שלינגען מיט באַגייסטערונג זיינע ווערטער, און אויך דער יונגער ראָזנצווייג הערט זיך צו אַ באַצויבערטער...

טער, ליבער גריצהענדלער! די ערד האָט דיך שוין לאַנג צוגעדעקט, דער טויט האָט דיך פֿון אַלם באַפֿרייט!

און נאָך אַ ציינד בויגט זיך אים דער קאָפּ איין און עס פֿינקלט אַ טרער, אַ הייסע, אין אויג...

און דער חבר דוד! אַ שוואַרצע לאַנגע באָרד, מיט שוואַרצע פֿייערדיקע אויגן, אַ שטורמישער טעמפּעראַמענט, וואָס גלייבט אין אַרבעטער-זיג מיטן גאַנצן האַרץ און האָפֿט אויף זיין נאָענטער באַפֿרייונג...

אונטער דעם חבר דודס האַנט האָט דער יונגער ראָזנצווייג געאַרבעט, און אים געווען איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זיין יונגער נשמה. גרייט געווען אויף זיין באַפֿעל אין פֿייער און וואַסער. דער חבר דוד האָט טאַקע צו אים גרויס צוטרוי געהאַט און זיך מיט אים אין געהיימע זאַכן באַהאָלפֿן; און דער יונגער ראָזנצווייג איז דאַמאָלס איבערגליקלעך געווען...

נאָר אויף דיר, חבר דוד, לאָזט זיך נאָך אַ ביטערערע טרער פֿאַרגיסן, ווי אויף גריצהענדלערן.

—די פאַבריק איז נאָך אַ לאַנגן לאָקאַוט, און אונטער דעם דרוק פון צאַרישן רעזשים זיך צעפאַלן. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן דערשטיקט, און מיט דער צייט האָבן זיך די נעכטיגע חברים צעשיידט׳ פרעמד געוואָרן איינער דעם צווייטן. פון דאַמאָלס אָן איז אַ צייט פאַרלאָפן. די וועלט־מלחמה האָט אויסגע־בראַכט און צופעליק האָט זיך ראָזנצוויג מיט דעם חבר דוד גע טראָפן. זיי האָבן זיך איינער מיט דעם צווייטן געפרייט. נאָר וואָס פאַר אָן אויגן זיינען עס באַם חבר דוד? וווּ זיינען אַהינגעקומע יענע שוואַרצע, פייערדיקע אויגן? אויסגעלאָשן איז יענער פינקל־דיקער גלאַנץ־מאַט איינגעפאַלן, בלוי־אונטערגעהאַקטע און די לאַנגע שוואַרצע באָרד? עפּעס איז זי שיטערער געוואָרן און שטאַרק ראָ... די באַקן זיינען איינגעפאַלן און אַ שמייכעלע שוועבט אויף די בלויע ליפּן. נאָר אָט דאָס שמייכעלע, דאָס קרענקלעכע, דער־ציילט אַלץ... עס דערציילט: פון נישט דערעסענע טעג און פון שלאָפלאָזע נעכט... עס דערציילט פון פיין פון הונגעריקע קינדער.. וווּ איז אַהינגעקומען יענער ענערגישער, שטורמישער חבר דוד ?. דער, וואָס האָט דעם פאַבריקאַנט אונטער דעם אָרעם געגומען און פון זיין אייגענער פאַבריק אַרויסגעפירט, ווייל מען האָט געדאַרפט אַ פאַרזאַמלונג אָפּהאַלטן.

— פאַניע האָפנשטאַנד—האָט ער, פירנדיק אים געשפּאַסט— איר וועט זיך נאָך מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אָנזאַפן און אַ סטרייקער ווערן...

און צומאָרגנס נאָך זיין זעונג מיטן חבר דוד, — האָט ראָזנצוויג פון אים אַ בריוול געקריגן:

פריינט!

אפשר איז מעגלעך? איך קען דיר קיין סך נישט שרייבן: מיין פרוי און קינדער האָבן שוין צווי טעג נישט געגעסן...

דיין פריינט דוד.

איבערלייענענדיק די ווערטער, האָט זיך אים אַ טרער אין אויג געשטעלט נישט אויף דעם היינטיקן ליידנדיקן חבר דוד, נאָר אויף יענעם ענערגישן, ברויזנדיקן...

און ווייטער האָט זיך דער פאָדעם פון ערינערונגען געשפּינען:

ער געפינט זיך אין שרהלעס שטוב, פאַרברענגט בײַ איר זיס די אָוונטן, ער זעט חנהלען און ווערט געפּייניגט פון יעדער באַוועגונג אירער.

דער רויטער גרינבערג ליגט פאַר איר אויף אלע פיר, און זי טרעט אויף אים. אַ ווילדער פאַרלאַנג האָט אים באַהערשט: ער זאָל פאַר חנהלען ליגן און זי זאָל אויף אים מיט אירע קליינע, דינע פיסלעך טרעטן... שטאַרק! ער זאָל עס פילן! עס זאָל אים ווי טון... נאָכדעם זאָל ער זי אין די אָרעמס כאַפּן, אויף די הענט ווי אַ קינד זי נעמען, זי זאָל זיך רייסן, די קליינע ליפּלעך בייז אָנבלאָזן, און ער זאָל זי בייסן און קושן... די פאַרריסענע גאָמבע גריזשען און זי טולען צו זיך... נאָר דאָס זיינען דאָך נישט מער ווי ווילדע נאַרישע פאַרלאַנגען, וואָס רופן נאָר פיינלעכע געפילן אַרויס.

עס דערמאַנט זיך זיין לעצט מאָל זיין בײַ שרהלען געזעגענען, איידער ער איז אַהער קיין זאַקאָפּאַנע געפאָרן. אויך זי, חנהלע, איז בײַ שרהלען אין שטוב געווען. ער האָט איר יעדע באַוועגונג נאָכגעקוקט, יעדעס וואָרט געפאָרשט. — יאָ, זי האָט אים מער נאָנטקייט ווי אַלע מאָל אַרויסגעוויזן, אָבער דאָס איז דאָך בלויז אויס רחמנות געווען. זי האָט מיט אים מיטלייד געהאַט... דאָס וואָס ער האָט צום מיינסטן פיינט... — האָט ער דאָך באַמערקט דאָס, וואָס אַלע מאָל: ווען זי איז מיט אים געווען אַליין, איז זי עפּעס ווי נישט מיט זיך געווען, נאָר ווען עס איז ווער אַנדערש אַריינגעקומען, האָט זי אויפגעלעבט — און פריילעכער געוואָרן... ער האָט באַמערקט ווי זי איז מיט פרייד מיט גרינבערגן טאַנצן געלאָפן. ווי גוט זי

האָט זיך באַם טאַנצן אין זיינע אָרעמס געפּילט... און ער איז דאָמאָלס ווי אַ פאַרמשפּטער געשטאַנען און צוגעקוקט. עס האָט זיך אים אפילו געדאַכט, אַז גרינבערג לאַכט פון אים.

— ווי קומסטו קראַנקע בריאָה צו חנהלען?!..

עס פייניגט ביז משוגעת!..

אַ קורצע צייט האָט ער געמיינט, אַז ער האָט מיט זיין קומען אַהער מיט דער אַלטער וועלט איבערגעריסן... אין די ווייניקע מינוטן, ווען ער האָט דאָ לייכטער אָפּגעטעמט, האָט ער פאַרגעסן וואָס הינטער אים איז געווען, אָבער אומזיסט איז זיין אַנטלויפן געווען: אויך דאָ זוכט אים די פאַרגאַנגענהייט אָפּ... און פלוצלינג גיט אין מוח אַבליץ: מאַכע! צי קען מען אין די האַרטע פעלזן דאָ קיין לאָך נישט גראָבן?..

צומאָרגנס, ווען ראָזנצווייג איז שפּעטער ווי געוויינטלעך אויפגעשטאַנען, האָט מען באַ אים אין טיר אָנגעקלאַפּט.

— אַריין! — האָט ער נאָך פאַרשלאָפן אויסגערופן.

אין דער טיר איז דאָראַ געשטאַנען, גלייך פון דער באַן ערשט געקומען. ראָזנצווייג איז פון דאָראַס פּלוצלינגן קומען אַנטשטוינט געבליבן

— ווי פאַלט איר אויס? און פאַרוואָס האָט איר מיר פריִער נישט געשריבן, אַז איר קומט? — האָט ער זיך נישט געקענט אויסוואונדערן, צוהעלפנדיק איר אויסטון די אויבער-קליידער.

דאָראַ האָט זיך, אַ מידע פון לאַנגן וועג, געזעצט און דערציילט:

— איך האָב שוין דאָרט לענגער נישט געקענט בלייבן. אַלץ איז זיך צעלאָפן — פוסט! העלא איז אַהיימגעפאָרן און חיימקע האָט די פרוי וואַקסמאַן, אויס רחמנות, געלד אויסגעבאָרגט,

און ער איז אין אַן אַנדערן פּינסיאָנאַט אַריבער. איך וואָלט באַלד דעם ערשטן טאָג פון אייער אַוועקפאָרן אייך געוועזן אַוועק פון דאָרט, נאָר איך האָב געמוזט אויף ענטפער פון מיין מוטער וואַרטן, און ווי נאָר איך האָב פון איר אַ בריוו געקריגן, אַז זי שטימט איין, אַז איך זאָל קיין זאַקאָפּאַנע פאָרן, בין איך גלייך צו דער באַן אַוועק. און ווען איך וואָלט אייך געוועזן געשריבן, אַז איך קום, וואָלט מיין בריוו שפּעטער פאַר מיר געוועזן אָנגעקומען.

זיי זיינען געזעסן און אַ ביסל גערעדט, נאָר דאָראַ האָט זיך געפילט מיד און געבודזשעט פון וועג, האָט זי ראָזנצווייג אַליין איבערגעלאָזט, זי זאָל זיך אין זיין בעט אויסרוען.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זי נישט באַאומרויקט, און ווען ער איז צו איר אין אָוונט אַריינגעקומען, איז זי אין אָנטון געלעגן אויפן בעט, שטאַרק פאַרטראַכט אין זיך.

— איר וועט זיין צופרידן, דאָראַ, וואָס איך האָב פאַר אייך געדונגען דאָס צווייטע צימער פון מיינעם, — האָט ער איר טראַכטן איבערגעריסן — אָט נאָר די דינע וואַנט, באַ וועלכער עס שטייט מיין בעט, וועט אונדזער אייציקע צעשיידונג זיין — אויף יענער זייט וועט איר אין אייער בעט שלאָפן. אין מיטן נאַכט, ווען איר וועט נישט קענען שלאָפן, אָדער עס וועט אייך באַפאַלן אייער קינדישע מורא, איז גענוג, אַז איר זאָלט בלויז אַ קראַץ טון, און איך וועל מיך אָנרופן. בלויז אַ דין ווענטל צווישן אונדז...

דאָראַ האָט אים געדאַנקט און אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע, שטילע אויגן... אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי, ווי פון שלאָף, גערעדט:

— אַך די שרעק, די שרעק, אַ פּלאָג אַ רייגע, אַן אומגליק...

ראָזנצווייג האָט זי אויסגעלאַכט:

— ווי קינדיש איר זענט דאָס, איר וואָלט זיך כאָטש גע-שעמט, אַ פרײלין פון אַכצן יאָר האָט נאָך אַלץ מורא... דער-

ציילט בעסער, וואָס עס איז עפּעס באַזונדערס פּאָרגעקומען נאָך מיין אַוועקפאָרן.

— קיין באַזונדערס איז נישט פאָרגעקומען — האָט דאָראַ אַליך, אַ פאַרטראַכטע, געענטפערט — נאָר פאַר מיר איז די צייט געווען אַ שרעקלעכע, און פון דער מינוט אָן, וואָס איך האָב פון אייך אייער אַדרעס געקריגן, האָב איך נאָר מיט דעם איינעם גע- דאַנק געלעבט, וואָס שנעלער דאָ בא אייך צו זיין...

זי האָט דאָס געזאָגט אַזוי איינפאַך און אומשולדיק, ווי איינפאַך און אומשולדיק זי האָט אויסגעזען.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי זיך פויל פון בעט אויפגעהויבן, ערשט באַטראַכט דאָס צימער און ווי פאַר זיך געצויגן:

— ווי אומעטיק דאָ איז...

ראָזנצווייג האָט זי געטרייסט:

— שלאָפט זיך נאָר אויס די נאַכט, מאָרגן וועט אייך שוין נישט זיין אומעטיק, איר וועט דאָ האָבן אַ פיינע געזעלשאַפט.

דערנאָך האָט ער זי אין איר צימער אַריינגעפירט, דעם לאָמפּ אָנגעצונדן, און זי האָט די וואַנט, בא וועלכער איר בעט איז געשטאַנען, באַטראַכט... ראָזנצווייג האָט באַמערקט איר אומרויִקייט, און איז נאָך אַביסל אונטערגעזעסן, נאָכדעם איז ער, ווינטשנדיק איר אַ רויִקע נאַכט, אַרויס. דאָראַ האָט זיך אין בעט געלייגט, נישט אויסלעשנדיק דעם לאָמפּ...

IV.

זאַקאָפּאַנע האָט זיך צום „קוליק" (אַזאַ פאַרווייילונג) געגרייט. ...וראַליעס אויף שיינע שטאָלצע פערד זיינען איבער דער שטאָט

פֿאַרמאַטערטן יום-טובֿדיק געקליידט, מיט רויטע ברייטע פּאַסן אַרומ-געגאַרטלט, אין רויטע הויכע מיצן אויף די קעפּ, יעדן דורכגייער אָפּגעשטעלט און אָנגעזאָגט גישט דורכצולאָזן דעם „קוליק", וואָס וועט אין אָוונט אונטערן פֿרייען הימל פֿאַרקומען.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען אַ מחנה שליטנס פֿאַרן האָ-טעל „מאַרסקע אָקאָ" געווען אויסגעשטעלט. פֿאָרויס זיינען די גו-ראַלסקע פֿייער-לעשער מיט אָנגעצונדענע פֿאַקעלן אין די הענט אויף זייערע פֿערד געריטן, אונטער זיי — אַ גוראַלסקע מוזיק אין שליטנס אויסגעזעצט. די שליטנס זיינען געווען נומערירט לויט די בילעטן, וואָס זיינען אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן, צו דריי אין אַ שליטן.

אויך אַלע געסט פֿון דעם פּענסיאָנאַט, ווו ראָזנצווייג האָט זיך געפֿונען, האָבן בילעטן געקויפֿט און זיך דאָ געפֿונען.

קעלאָשינסקי האָט זיך געזעצט בײַ ראָזנצווייגן, ער זאָל אים אָפּטרעטן זיין פּלאַץ לעבן דאָראַן... און ער זאָל פֿאַרנעמען זיי-נעם צווישן דער קאַסאָווסקין און יאַנינען. עס האָט גאָרנישט גע-האָלפֿן ראָזנצווייגס אָפּווענדן, אַז עס איז נישט שיין אַזוי צו טון. ווען עס האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל און די פּראָצעסיע האָט זיך גערירט, איז קעלאָשינסקי אַריינגעשפּרונגען אין שליטל, ווו דאָראַ איז מיט שוואַרצן געזעסן. ראָזנצווייג האָט זיך צווישן דער קאַסאָווסקין און יאַנינען געזעצט.

די נאַכט איז געווען אַ הערלעך שיינע. די לופֿט ווייך, כמעט וואַרעם. און די שליטלעך, אונטערן קלאַנג פֿון מוזיק, האָבן זיך מיט רעש באַרג-אָפּ, באַרג-אויף איבערן שניי געגליטשט. די ברע-נענדיקע פֿאַקעלן האָבן זיך באַם לויפֿן נאָך שטאַרקער צעפֿלאַקערט, אָפּשלאָגנדיק לויפֿנדיקע שאָטנס איבער די שניי-פֿעלדער. דער וועג איז אַריין צווישן קלענערע שניי-בערג, באַשיט מיט קליינע היל-צערנע כאַטקעס. אַ מחנה באָרוויסע שיקסעס זיינען פֿון די הייזלעך

אַרויס, קוימען באַך ביז די קני אין שניי, און אין די בערג אַרום שלאָגט זיך אָפּ זייער געזאַנג און ה לכיקע געלעכטערן. אָט איז די מחנה שליטנס צווישן די ריזן-בערג פאַרפאַרן. פון אַלע זייטן און אַרום סטאַרטשען הויכע שפּיציקע קוימענס אַרויס. פון איין באַרג האָט זיך אַ קוימען אויסגעקרומט שפּיציק אַראָפּ — דאַכט זיך — אָט רייסט ער זיך אָפּ און דעקט אַלע צו... און אָט איז מען צווישן צוויי גלייכע ווענט אַריינגעפאָרן. די ווענט זיינען פול מיט שפּאַלטן, און פון צווישן די גרינע צעשפּאָלטענע סקאַלעס קריכן ביימער איינער איבערן צווייטן אַרויס. אין אַ סך ערטער זיינען גרויסע לעכער אויסגעהאַקט. דאָס האָבן זיך טוריסטן נעסטן געמאַכט, אין פאַל פון אַ שטורם זיך צו באַהאַלטן.

די שליטלעך זיינען אויף אַ שמאָלער סטעטשקע אַרויף. פון ביידע זייטן האָט זיך אַ גרין וואַסערל געשוימט און די שטיינערנע ווענט געשוועבקט. די מוזיק האָט אויפגעהערט. אַלע האָבן דעם אָטעם איינגעהאַלטן, ווי זיי וואָלטן דאָ צווישן די ווענט פאַרכישופט געוואָרן. פון ערגעץ, פון צווישן די שפּאַלטן פון די ריזן-סקאַלעס, האָט זיך דער גערויש פון אַ וואַסער-פאַל דערטראָגן, געקומען פון אייביקן סוד, צו אַנטלויפן פון וואַנען ער איז געקומען... אַ שטיק סקאַלע האָט זיך פון דער וואַנט וואַנט אָפּגעריסן און זיך טיף אין אָפּ-גרונט פון וואַסערל איינגעגראָבן. נאָר דער קאָפּ קוקט אַרויס איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער, אַרום דעם קאָפּ שוימט זיך דער כעס פון די זיך אָנשלאָגנדיקע כוואַלעס — „קאָשצשעליסקאַ דאָלינאַ!" — און די שליטנס זיינען אויף אַ גרויסן פלאַכן שניי-פּלאַץ געבליבן שטיין. פאַרן רעסטאָראַן זיינען איבערן שניי ברעטער געהען אויס-געלייגט, און די שליטנס האָבן זיך אין אַ ראָד אַרומגעשטעלט. פון רעסטאָראַן זיינען אַ מחנה גוראַלעס אַרויס און שנאַפּס מיט פאַרבייסעכץ אַרומגעטראָגן. חברה האָבן גענומען שיכּורן, און באַלד האָבן די פּיילעכע געשרייען איבער די בערג אַרומגעקלעטערט. .

אויף די ברעטער האָבן זיך גוראַלסקע טענצער און טענצערינס באַוויזן. די מענער אין זייערע ווייסע, מיט רויט געהאַפטענע הויזן, אין די בלויזע העמדער-אַרבל, און די מיידלעך אין פאַרשיידנ־פאַרביקע סטאַניקלעך, מיט בינטן רויטע קרעלן אויף דער ברוסט... די מוזיק האָט אויפגעשפּילט, און די פּאָרלעך האָבן זיך אין אַ שנעלן ווישיקן טאַנץ געלאָזט. דער עולם האָט מיט די הענט געפּאַטשט און צוגעזונגען:

— אַ יאַ קסיווע נוסקי מאָם, צאָ פּאָד סקאָצע סאָ סען גנאָם...

איין טענצער האָט זיין דאַמע אויף די הענט געכאַפּט, הויך זי אויפגעהויבן און זי איבער זיין קאָפּ אַריבערגעוואָרפן. דאָס מיידל האָט אַ פלינקן שפּרונג געגעבן, מיט קראַפּט אויף די ברעטער אַ טופּע געטון, און איז צוריק אין איר קאַוואַליערס אָרעמס אַריינ־געפאַלן...

נאָך יעדן טאַנץ האָט מען די טאַנצנדיקע פּאָרלעך שנאַפּסן דערלאַנגט, און וואָס ווייטער, איז עס אַלץ פריילעכער און רויש־קער אַוועק. ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז זיך דער עולם אין אַ געהויבענער שטימונג מיט געזאַנג צעפאָרן.

ווען ראָזנצווייג איז אַהיימגעקומען האָט ער נאָך דאָראַן נישט געטראָפן, אויפן וועג צוריק האָבן זיך די שליטנס פאַרלוירן. ערשט שפּעטער האָט ער געהערט קעלאָשינסקיס פילדערן אויף די שטיגן, אָפּפירנדיק דאָראַן ביז צו דער טיר פון איר צימער. דאָרא האָט קעלאָשינסקין געזעגנט, און איז צו אים גלייך אַריינגעקומען, אַ אָנגעצויגענע און אַ ברוגזע. ראָזנצווייג האָט פאַרשטאַנען, אַז זי פילט זיך באַליידיקט, וואָס ער האָט זיך געטוישט מיט קעלאָשינס־קיס פלאַץ... זי האָט זיך צום טיש געזעצט, אָפּגעקערט פון ראָזנ־צווייגן און געשוויגן. ראָזנצווייג האָט אויף און אָפּ איבערן צימער געשפּרייזט. אַ צייט איז אַריבער אין שטילשווייגן, נאָכדעם איז ער נענטער צוגעגאַנגען צו איר און ווייך דערמאַנט:

— איר דאַרפֿט שוין גיין אויסרוען זיך, דאָראַ!

זי האָט אים באַלד נישט געענטפֿערט, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערלייגן, וואָס אים צו ענטפֿערן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צו זיין זייט דעם קאָפּ געניינט אונמיט איראָניע געענטפֿערט:

— אויב איר ווילט, קענט איר אייך אויסטון און לייגן.

זי האָט עס אָפּגעזאָגט און צוריק דאָס פּנים צו דער וואַנט אויסגעדרייט...

ראָזנצווייג האָט גאָרנישט געענטפֿערט, און ווידער גענומען איבערן צימער שפּרייזן. דאָראַ איז אַלץ געזעסן די הענט אונטערן פּנים אונטערגעשטעלט און עקשנותדיק פֿאַר זיך געקוקט...

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק, און ראָזנצווייג האָט זיך ווידער הינטער איר געשטעלט און דערמאַנט:

— דאָראַ, עס איז שוין צייט איר זאָלט זיך אויסרוען...
דאָראַ איז געבליבן שטום.

אַ ווײַלע האָט זי ראָזנצווייג פֿון הינטן באַטראַכט, נאָכדעם פֿון איר אַוועק, זיך אויסגעטון און אין בעט זיך געלייגט...

די צייט, וואָס ראָזנצווייג האָט זיך געפּאָרעט באַם לייגן-זיך אין בעט, איז דאָראַ געזעסן און זיך איינגעהערט, וואָס ער טוט. און ווען עס איז הינטער איר שטיל געוואָרן — אַ סימן, אַז ער ליגט שוין אין בעט, האָט זי ערשט דערפֿילט איר פֿאַרלעגנהייט... — אוודאי איז נאָר דאָס איינע, וואָס זי האָט צו טון, זיך אויפֿצוהייבן און אַרויסצוגיין, און דאַמאָלס אַרייַנגיין צו זיך אין צימער אָנצינדן ליכט און זיך לייגן שלאָפֿן.. פֿונם בלויזן געדאַנק אָבער, אַז זי וועט אַליין מוזן אַרייַנגיין צו זיך אין פֿינסטערן צימער ליכטיק מאַכן, האָט זי פֿאַרגעסן אָן איר כּעס אויף ראָזנצווייגן, און עס האָט איר שוין באַנג געטון די גאַנצע מעשה...

זינט די לעצטע געשעענישן אין פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק, איז זי אַזוי אָנגעשראָקן געוואָרן, אַז זי האָט מורא געקריגן אַרונטער צו קוקן אונטערן טיש באַנאַכט... און אַפילו, ווען זי איז געשלאָפן מיט נאָך וועמען אין איין בעט, האָט אין צימער געמוזט ליכטיק זיין... נאָר ווען זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע, האָט זי זיך געשטאַרקט, אַז אַפילו ווען זי וועט מוזן אַליין שלאָפן אין אַ באַזונדער צימער, וועט זי נישט מורא האָבן... דאָרט וועט שוין זיין עפּעס אַנדערש — האָט זי זיך געטרייסט... פּונקט ווי יענץ קינד, וואָס האָט זיך אַלע טאָג, ווען עס איז נאָך ליכטיק געווען, אָפּגעשטימט באַנאַכט נישט מורא צו האָבן אַליין אַרויפצוגיין אויף די פינסטערע שטיגן..

די עטלעכע נעכט, וואָס עס איז איר אויסגעקומען דאָ אַליין צו שלאָפן אין צימער, זיינען איר נאָך מיט חסד אַדורך. באַנאַכט צום שלאָפן איז מיט איר ראָזנצווייג אַריינגעגאַנגען, ליכטיק געמאַכט. און באַנאַכט ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט, האָט זי טאַקע שטאַרק מורא געהאַט. פאַרשיידענע שרעקנדיקע געדאַנקען זיינען איר גראָד דאַמאָלס אין קאָפּ געקראָכן... זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט, טראַכטנדיק, אַז הינטער דער וואַנט געפינט זיך ראָזנצווייג...

— און אַצינד וואָס וועט זיין?

איין מאָמענט האָט זי זיך געשטאַרקט, זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַרויסגיין, בײַ דער טיר אָבער האָט זי זיך פאַרלוירן... זי האָט זיך אומגעקוקט צו ראָזנצווייגן — ער האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט... — האָט זי זיך גענומען אַרומדרייען נאָענט בײַ זיין בעט, אָבער ראָזנצווייג האָט די אויגן נישט געעפנט... פּלוצלינג איז איר אַ געדאַנק איינגעפאַלן, און זי האָט ראָזנצווייגס מאַנטל גענומען, זיך איינגעהילט אין אים און זיך אויף דער קאַנאַפּע אַנטקעגנאיבער זיין בעט אויסגעצויגן...

V.

יעדן אָוונט, ווען אַלע אין פּענסיאָנאַט שלאָפן שוין, טראָגט דאָראַ איבער איר בעטציַיג פון איר צימער צו ראָזנצוויַיגן אַריַין, און גאַנץ פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך, טראָגט זי זיך איבער צוריק צו זיך... אַזוי פירט זיך עס, זינט יענעם אָוונט, ווען זי איז פון ראָזנצוויַיגן באַליידיקט געוועז און האָט די גאַנצע נאַכט אַ שלאָפ־לאָזע אויף דער קאַנאַפּקע פאַרבראַכט.

צוזאַמגענומען, נאָך יענער נאַכט, איז זי אַ גאַנצן טאָג געווען ברוגז מיט אים, נישט געענטפערט אויף דעם, וואָס ער האָט זי געפרעגט, אָבער דער ברוגז איז געווען אַזעלכער, וואָס מען קען אים פירן נאָר מיט אַזאַ מענטש, מיט וועלכן מען איז שוין גאָר נאָענט...

די באַליידיקונג, צוליב וועלכער זי איז מיט אים ברוגז געוואָרן, האָט זי שוין געהאַט פאַרגעסן. אַציַינד האָט זי פאַרדראָסן דאָס, וואָס ראָזנצוויַיג האָט געקענט באַשטיין, אַז זי זאָל אַזוי די גאַנצע נאַכט אויף דער קאַנאַפּקע פאַרברענגען... ער האָט דאָך געהערט, ווי איך האָב מיך געלייגט — האָט זי זיך נישט געקענט שענקען — און פאַר פאַרדראָס האָט זי זיך אַוועקגעזעצט דעם גאַנצן טאָג באַ אים אין צימער און געלייענט... ראָזנצוויַיג האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט עפּעס רעדן צו איר, אָבער זי האָט זיך נישט געמאַכט הערן, און יעדעס מאָל האָט ער זיך מיט אַ שמייכל פון איר אָפּגעקערט, טראַכטנדיק זיך, מען וועט זען, וואָס די נאַכט וועט זיין... און ווען עס איז געקומען די שעה פון שלאָפן גיין

און זי איז אַלץ געזעסן פאַרטיפט אין לייענען, איז ער צו איר ווידער צוגעקומען און מיט אַ שמייכעלע פאָרגעלייגט:

— נו קומט, דאָראַ, איך וועל אייך אַריינפירן צו אייך אין צימער, קומט!

אָבער זי האָט אים נישט געענטפערט.

— איך וועל אָנקלינגען נאָך דער פאָקאָיוחקע — האָט ער איר ווידער פאָרגעלייגט.

דאָס מיידל איז געבליבן שטום...

ער האָט זי שוין מער נישט געפרעגט, און זיך ווידער געלייגט אין בעט שלאָפן, איבערלאָזנדיק זי אַזוי זיצן.

ערשט אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט: דאָראַ איז אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפּקע, ווו זי האָט זיך אויך די נאַכט געלייגט, און האָט איבערן צימער הין-און-צוריק שפּאַצירט, ציטערנדיק פאַר קעלט און שרעק...

ראָזנצווייג האָט זיך צעלאַכט:

— װאָסער נאַריש מיידל איר זענט .. װאָס זענט איר אַזוי איינגעשפּאַרט? און וואָס האָב איך עס אַקעגן אייך אַזוי געזינדיקט?

דאָראַ האָט נישט געענטפערט, נאָר די טרערן האָבן זיך איר אין די אויגן געשטעלט...

ווען זי איז נענטער פאַר זיין בעט פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זי באַ אַ האַנט אָנגענומען און זי צו זיך אויפן בעט אַרויפגעצויגן. דאָראַ האָט זיך נישט געװערט, און ווען ער האָט זי אין בעט אַריינגעצויגן, האָט זי בלויז דאָס געזיכט אין זיין ברוסט באַהאַלטן און געציטערט...

— — — — — — — — — — —

אויפן צווייטן טאָג האָט זי אים שוין געענטפערט אויף זיינע רייד, אויסמיידנדיק זיינע בליקן... און ווען עס איז געוואָרן נאַכט,

האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין פאַרלעגנהייט, אָבער פון לייגן זיך שלאָפן באַ זיך אין צימער האָט זי מער נישט געקלערט... שפּעטער ווען אַלע אין פּענסיאָנאַט זײַנען שוין געשלאָפן, האָט זי ראָזנצווייגן מיט אַ שטיל קול געבעטן ער זאָל מיט איר גיין אין איר צימער. ער איז איר שטילשווײַגנדיק נאָכגעגאַנגען. זי האָט גענומען איר בעטצייג און, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זי עס צו ראָזנצווייגן איבערגעטראָגן, אויסגעבעטט זיך אויף דער קאַנאַפּע, זיך געזעצט צום טישל, אויפגעעפנט אַ בוך און זיך פאַרקוקט דרין.

ראָזנצווייג האָט זיך שמייכלענדיק אויסגעטון און אין זיך געלייגט. אַ ביסל שפּעטער האָט זי אים נאָכגעטון.

. . . .

אַזוי האָט זיך עס געפירט אַ צייט. טעג זײַנען אַוועק, און זי האָט זיך אין זייערע אויגן אויסגעטון, אַ האַלב-נאַקעטע אין צימער זיך אַרומגעדרייט, מיט אַזאַ נאַטירלעכע נאַיווקייט, ווי זי האָט גערעדט, און אויך ראָזנצווייג האָט שוין געקוקט דערויף גלייכגילטיק. גלייכגילטיק קוקט ער ווי זי דרייט זיך אַרום אַ האַלב-נאַקעטע, ווען זי וואַשט זיך. און ער פילט נישט קיין באַזונדערס, ווען ער קוקט אויף איר אַלבאַסטער-לייב, אויף איר געטאָקטן נאַקן, ווי דאָס אַלץ וואָלט גאַנץ נאַטירלעך געווען... פון צייט-צו-צייט פלעגט ער נאָר באַם העלפן איר איבערטראָגן דאָס בעטצייג שטיל אונטערשמייכלען...

איז אַדורך אַ שטיקל צייט, און ווען ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט, האָט ער באַמערקט אַן ענדערונג אין דעם מיידל. זי איז געוואָרן נאָך אַ קלענערע רעדערין, זעלטענער אַ שמייכל געוויזן. דאָס פּנים האָט אויסגעזאָגט, אַז זי טראָגט זיך מיט עפּעס אַרום, וואָס איז אומפאַרמיידלעך, עס זאָל בלייבן באַ איר פאַרשלאָסן. ראָזנצווייג האָט וויפל מאָל געוואָלט פון איר עפּעס אַרויסקריגן, זייענדיק באַ זיך זיכער, אַז קיין שלעכטס האָט נישט געקענט גע-

שען... — אָבער עס איז אים נישט געלונגען. עס האָט אים אָנ־געהויבן מיאוס ווערן איר אַרומגיין אַלע מאָל אַ ברוגזע, אַ פּאַר זיך קוקנדיקע, גאַנצע שעהן אַ שטומע און אַ פאַרשלאָסענע. און די סצע־נעס, וואָס האָבן זיך יעדע נאַכט גענומען איבערחזרן, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט איבערגיין צו אים אין בעט אַריין... — און ער האָט גערן געוואָלט דערפון לויז ווערן.

אַמאָל האָט ער איר דערקלערט, אַז ער רעכנט אַהיים צו־פאָרן... — האָט זי בלויז איין קוק געטון אויף אים, זיך אויס־געדרייט צום פענסטער און עקשנותדיק אַזוי געבליבן שטיין אָן אַ וואָרט אויסצורעדן...

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג, ווען ראָזענצווייג איז צו זיך אין צימער אַריינגעקומען, האָט ער דאָרטן געטראָפן שרייבנדיק. בײַ זיין דערשיינען האָט זי דאָס שרייבן אָוועקגעלייגט, זיך אויפגע־שטעלט און נעענטער צו אים צוגעגאַנגען. זי איז געווען בלאַסער ווי געוויינטלעך, און פון די אויגן האָט אַ פייערל אַרויסגע־בליצט.

— איר ווייסט, ראָזענצווייג, איך האָב אַ בריוו פון מיין מוטער געקריגן. זי שרייבט מיר, אַז זי קומט צו מיר, מיט מיר דאָ פאַר־ברענגען אַ ביסל, און נאָכדעם וועלן מיר אין דער שווייץ פאָרן.

זי האָט גערעדט מיט אַ כמעט טרויעריקן טאָן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס נישט היימלעכס.

— נו, טו וואָס־זשע שווייגט איר? — האָט זי ראָזענצווייג, אַ צופרידענער, אויפגעמונטערט — זענט איר נישט צופרידן, וואָס אייער מוטער קומט?

דאָראַ האָט אים דערויף נישט געענטפערט, נאָר אַרויפגע־לייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און שטיל, אָבער מיט אַ זיכערן טאָן געזאָגט:

— און איר וועט מיט אונדז מיטפאָרן.

ראָזנצווייג האָט זי, אַ פאַרוווּנדערטער, אָנגעקוקט, און דאָראַ האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— איר פאָרט אומבאַדינגט מיט...

ראָזנצווייג האָט זיך צעלאַכט איבער איר זיכערן טאָן, אָבער דאָס געלעכטער איז אַרויסגעקומען נישט נאַטירלעך, בלאַס און אָפּגעהאַקט. ער האָט דערפילט, אַז דאָס מיידל האָט דאָ פאַר אים עפּעס צוגעגרייט...

דאָראַ האָט זיך צוריקגעזעצט, גענומען די פעדער, און צייכנ־דיק מיט איר אָן אַ סדר אויפן אויסגעשפּרייטן פּאַפּיר, האָט זי שטיל ציִענדיק גערעדט: — איר וועט זיין בייז אויף מיר, ראָזנצווייג.

— פאַר וואָס עפּעס?

— עס וועט אייך אויף מיר פאַרדריסן.

— ע, געוויס דאָרט אַ נאַרישקייט — האָט ראָזנצווייג מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט.

דאָראַ האָט נערוועזיש גענומען סקריפּען מיט דער פעדער איבערן פּאַפּיר.

— נישט קיין נאַרישקייט: איך בין געוואָר געוואָרן דאָס, וואָס איר האָט געהאַלטן בסוד פאַר מיר.

— טאָ זאָגט וואָס. — דאָראַ האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט און מיטן זעלבן טאָן ווייטער געצויגן.

— איך האָב, ווען איר זענט נישט געווען אין דערהיים, אייער טאָג־בוך איבערגעקוקט.

ראָזנצווייב איז בלאַס געוואָרן. — נו, איז וואָס?

דאָראַ האָט אַריינגעשטעקט די שפּיץ־פעדער אין טיש אַזוי, אַז די סטאַלקע האָט זיך צעשפּאָלטן.

— איך האָב געלייענט וועגן אייער חנהלען, ווי איר ליידט...

ראָזנצווייג האָט זיך אויפגערעגט. — נו, וואָס־זשע גייט עס אייך אָן? דאָראַ האָט אַרויסגעלאָזט די פעדער פון דער האַנט, זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען האַרט צו אים, און אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין אַקסל, האָט זי מיט אַ ציטערדיקע שטימע זיך געבעטן:

— איך וויל נישט, אַז איר זאָלט ליידן... איך קען עס נישט זען... און אומזיסט, אומזיסט ליידט איר... איך ווייס עס... איר האָט נישט פאַרוואָס און פאַר וועמען... אומזיסט, אומזיסט.

ראָזנצווייג האָט, אַ צעמישטער, זיך באַפרייט פון איר האַנט, די ערשטע מינוט נישט געוווסט ווי אַזוי אויסצודריקן זיין פאַר־דרוס אויף דעם, וואָס דאָראַ האָט זיך דערלויבט. דאָראַ האָט זיך דערווייל אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט און דאָס פּנים דאָרט באַהאַלטן.

אַ צייט איז פאַרביי אין אַ דריקנדיקער שטילקייט. אַ קלינגען האָט איבערגעריסן.

אין עטלעכע מינוטן אַרום זיינען זיי ביידע שטילשווייגנדיק אַראָפּ אויפן זאַל צום אָוונט־ברויט. שפּעטער זיינען זיי צוזאַמען צוריק אַרויף. ראָזנצווייג האָט זיך גענומען עפּעס לייענען און דאָראַ צום שרייבן.

ווען זי האָט געהאַט שוין אָנגעשריבן, האָט זי געבעטן ראָזנ־צווייגן ער זאָל זי באַגלייטן אין איר צימער אַריין... ראָזנצווייג האָט זי געפאָלגט, געהאָלפן איר איבערטראָגן דאָס בעטציג. און אַריינקומענדיק צוריק, זיך געזעצט צום לייענען. דאָראַ האָט זיך אויסגעטון ביזן העמד, אַזוי אַרום צוגעגאַנגען צום טיש, ווו ראָזנ־

צווייג איז געזעסן, גענומען א ביכל און, לייענדיק זיך אויף איר בעלעגער, גענומען לייענען...

ווען ראָזנצווייג האָט זיך געגרייט שלאָפן, איז שוין געווען שפעט. ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט און באַטראַכט די אַקעגנ־איבער שלאָפנדיקע דאָראַ.

דאָס געזיכט איז בײַ איר געווען בלאַס, נאָר רויִק, איר רעכטע האַנט, א ווייסע, געטאָקטע, איז געווען אָפּגעדעקט, די דינע פינגער א ביסל איינגעבויגן און די גלאַנציק־מאַניקירטע נעגל זיינען געווען פאַרענדיקט מיט א שפּיץ...

VI.

די אייגנטימערן פון פּענסיאָנאַט, די געוועזענע גרעפין, איז געשטאַנען אין דער קליינער ווילע, וואָס אַרום דעם פּענסיאָנאַט, און מיט אַ דין קוויטשיק קעלעכל די הינער גערופן: טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ, צוואַרפנדיק זיי ברעקלעך ברויט. זי איז געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט, אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ הויכן קאָלנער אַרום דעם דאַרן האַלדז. זי איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון קאָשציאָל, וווהין זי האָט איר פאַרשטאָרבענעם זון באַגלייט.

ווען מען האָט געענדיקט דאָס מיטאָג, איז זי אַריינגעקומען און די געסט פאַרבעטן צום באַגלייטן איר מת פון קאָשציאָל אויפן צמענטאַזש. אַלע אַרום דעם טיש האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיך טיף פאַרנייגט.

נאַרנאַכטלעך האָבן זיך די געסט פאַרזאַמלט פאַרן קאָציאָל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. דער קאָשציאָל־גלאָק האָט מאָנאָטאָנע טרויעריק געשלאָגן, און די פּראָצעסיע האָט געגרירט.

פּאָרויס איז געגאַנגען אַ גוראַל מיט אַ גרויסן הילצערנעם צלם אין די הענט, הינטער אים צוויי גלחים אין ווייסן אָנגעטון, זינגענדיק הייליקע תפילות.

דער וועג צום צמענטאַזש איז געווען אַ קורצער, און אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט מען דעם מת אין גרוב אַראָפּגעלאָזט.

דער עולם איז זיך באַלד מיט ערפורכט צעגאַנגען, נאָר ראָזענצווייג מיט שוואַרצן זיינען געבליבן און צווישן די מצבות שפּאַצירט, לייענענדיק די אויפשריפטן אויף זיי.

אויף אַ שוואַרצן איבערגעבראָכענעם שטיין איז אַ קורצער אויפשריפט געווען:

ליב טעכטערל! מיט צעווייטיקטע הערצער לאָזן מיר דיך
אין דער פרעמדער קאַלטער ערד איבער, אין די בליענ-
דיקסטע יאָרן דיינע. — זאָל דיר די ערד גרינג זיין!

אויף אַ צווייטן שטיין:

אונדזער טייערן איינציקן זון, וואָס האָט אונדז מיט צע-
בראָכענע הערצער איבערגעלאָזט. —

דער זעלבער קרבן...

אויף א דריטן:

מיין ליבסטן, וואָס איך האָב אין דער פרעמד איבער-
געלאָזט...

ווידער דער זעלבער...

ראָזענצווייג האָט זיך בײַ יעדען אויפשריפט לענגער אָפּגע-
שטעלט, מיט די אויגן די ערד דורכגעדרונגען און דעם מת באַ-
טראַכט... אַלע, אַלע זיינען זיי מיט צעגעסענע לונגען... מיט גרויסע אויסגעזעצטע אויגן און מיט אויסגעשטשערעטע ציין... און אַלע האָבן צעקרימטע, ווילד-לאַכנדיקע פּנימער, און גלעטן זיך איבער דער ברוסט: מיר איז גוט...לייכט...

• • • • • • • • • • • • • •

שוואַרץ האָט ראָזנצווייגן באַ אַ האַנט געצויגן:

— קומט, עס איז שוין צייט אַהיימצוגיין.

ראָזנצווייג איז אים שטילשווייגנדיק נאָכגעגאַנגען.

ווען ראָזנצווייג איז צו זיך אין צימער אַריינגעקומען, האָט ער בענומען הין-און-צוריק שפּרייזן, פון דער טיר ביזן פענסטער און צוריק.

מאָדנע געדאַנקען קריכן אים אין קאָפּ, און ער, נישט נאָר וואָס ער פאַרטרייבט זיי נישט, נאָר ער באַמיט זיך נאָך וואָס בולטער זיי אַרויסצורופן.

אין צימער איז פינסטער. נאָר ער נעמט זיך נישט קיין ליכט אָנצינדן. דרייט ער זיך אַלץ אויף און אָפּ איבערן צימער, און מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר, מאָכע קומט אַריין, צעזעצט זיך אויף דער ברייטער באַמבוסאָווער שטול, שטעלט די עלנבויגנס אויף די קני און דאָס פּנים באַהאַלט ער צווישן די הענט... פּלוצלינג כאַפּט ער זיך אויף, מאַכט ווילד מיט די הענט און די אויגן בליצן.

— ווי עס איז פאַרגעקומען פרעגט איר? — און ער הייבט אָן איבערן צימער צו לויפן הין-און-צוריק און קרעכצט — אַך גאָט, גאָט! ווי עס איז פאַרגעקומען, פרעגט איר? אָט ווי אַזוי: זי איז אַ האַלב-נאַקעטע אין איר מאַנס שויס געלעגן... דער קאָפּ אַרונטער, אויפן מויל און איבערן פּנים — רויט. און די האָר טאַר-לען זיך אין אַ קאַלוזשע בלוט... בלוט...

מאָכע כאַפּט זיך מיט די הענט אַרום דעם קאָפּ און לויפט, ווי אַ משוגענער איבערן צימער; און ווען ער קומט צו צום בעט, פאַלט ער דערויף, די אויגן זעצן זיך באַ אים אַרויס, די ציין שטשערען לאַכנדיק ווילד, און מיט דער האַנט גלעט ער זיך איבערן האַרץ:

— מיר איז לייכט, לייכט, מאַמענקע... עס איז מיר גוט.

• • • • • • • • • • • • • •

ראָזנצווייג האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די געדאַנקען. ער האָט געצפּילט אַ שווייס אויפן שטערן אַרויסשלאָגן. ער איז צו צום בעט, זיך גוט איינגעקוקט אין דער פינסטער — קיינער איז נישטאָ... — רוקט ער זיך אָפּ ליכטיק צו מאַכן — איז ווידער דאָס זעלבע: מאָכע ליגט דאָרט אויפן בעט, דאָס פּנים רויט אָנגעשוואָלן און פון מויל שלאָגט אַ זויערקייט... מאָכע ציט אויס אַ האַנט און שטופּט אים אָפּ פון זיך.

— איר טאָרט נישט שטיין אַזוי נאָנט צו מיר...

פלוצלינג כאַפּט ער אים בײַ דעם לאַץ פון פּאַלטאָ און ציט אים צו זיך, קרעכצנדיק:

ביסט מיר באַנק! באַנק ביסטו מיר... ביסט מיר אַ פריינט געווען...

ראָזנצווייג פאַרגעסט ליכטיק צו מאַכן. ער שטייט אַקעגן בײַ דעם בעט מיט אויפגעריסענע אויגן און קוקט אין דער געדיכטער פינסטערניש, וווּ מאָכע ליגט. און פלוצלינג — מאָכע ליגט גאָרנישט דאָרט, עס איז גאָר אַן אַנדערער — קוקט ער זיך בעסער איין: דאָס איז גאָר ער — ראָזנצווייג... ער פילט, אַז דאָרט וווּ דאָס האַרץ איז, ווערט ליידיק...לייכט... ער ציט אין זיך אַריין די לופט, ווי דורך אַן אָפּעבע רער... די אויגן קריכן אים אַרויס... און עס ווערט אַזוי בלענדנדיק ליכטיק, אַז ער זעט גאָרנישט... נאָר פילט, ווי מען וויקלט אים איין אין אַ לײַלעך און מען טראָגט אים אַראָפּ פון די שטיגן מיט די פיס פאָרויס... נאָכדעם לייגט מען אים אַרויף אויף אַ וואָגן, עמעצער זעצט זיך אַרויף אויפן קאָפּ, און דער וואָגן רירט זיך. און ווען דער וואָגן שטעלט זיך, נעמט מען אים אַראָפּ אין לײַלעך און מען לייגט אים אויף דער ערד, דערלעבן גראָבט מען אַ גרוב אויס, און צוויי מענטשן נעמען אים ווידער, איינער בײַ

די פּיס, דער צווייטער באַם קאָפּ, און מען לאָזט אים אַראָפּ...
פון דער הויך שיט זיך נאָס זאַמד גאַנצע בערגער.

. . . .

דורך דער וואַנט האָט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ דערטראָגן, און ראָזנצווייג האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. אַ מינוט האָט ער נישט געדענקט, ווו ער געפינט זיך... באַלד האָט ער זיך דערמאַנט, ווי ווייט ער איז פאַרקראָכן... און פון דאָראַס צימער קלאַפּט מען דאָס צו אים אריין. ער איז אַרויס, אין קאָרידאָר ערשט זיך אויסגעריבן די אויגן און אַריין צו דאָראַן.

דאָראַ איז אים אַקעגנגעלאָפן צו דער טיר און אים צוגעשלעפּט צו אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטן צימער צווישן וואַליזקעס און פּעקלעך.

— אָט איז מיין מוטער — האָט זי אים פאָרגעשטעלט. און באַלד ווי ער האָט נאָר באַוויזן צו דערלאַנגען דער פרוי אַ האַנט, האָט זי זיך אָנגעהויבן ברוגזן:

— אַ מאָדנער מענטש איר זענט דאָס. איך גיי מיט מיין מוטער פון דער באַן און קוק אין אייער פענסטער — עס איז פינסטער — מיין איך, אַז איר זענט נישטאָ, קומען מיר אַריין אין צימער אַהער, מיר טון זיך אויס, און מיט אַמאָל — מען הייבט אָן שפּרייזן באַ אייך אין צימער אויף-און-אָפּ, אויף-און-אָפּ... דערשרעק איך מיך אויף אַ ווייַלע, אָבער איך באַרויִק מיך באַלד, איר האָט דאָך אַלע מאָל ליב צו שפּאַצירן איבערן צימער אַזוי. זעצן מיר זיך און מיר רעדן אַזוי, ווי לאַנג איר קענט דאָס אַזוי שפּרייזן אויף-און-אָפּ. ערשט — מיר דערהערן: נישט איר שפּרייזט, נאָר איר לויפט משוגענערווייז, אַז דאָס הויז טרייסלט זיך אַזש... דערשרעקן מיר זיך שטאַרק און מיר נעמען קלאַפּן אין דער

וואַנט... אָבער אַלץ הייסט געקלאַפּט! קוים אַמאָל איר האָט דער־הערט. די נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען... איר האָט מיך אויף טויט דערשראָקן...

ראָזנצווייג האָט זיך פאַרשעמט און פאַרענטפערט:

— עס איז אומעטיק, און קלערן קלערט זיך...

דאָראַס מוטער האָט דאָס געשפּרעך פאַרענדיקט

— איר דאַרפט שוין קענען מיין טאָכטער: פאַרן שאָטן אויף דער וואַנט שרעקט זי זיך

און באַלד האָט זי אָנגעהויבן דאָראַן דערציילען פון די קינדער, דאָראַס רייכע ברידער. ווי זיי קוקן שוין אויס די מינוט, ווען זיי וועלן זי שוין קענען זען אינדערהיים.

— דו ווייסט, טייערע — האָט די מוטער נאָך אַ ווײַלע זיך אָפּגערופן ווייטער גערעדט:

איך רעכן, אַז יאַקוב זאָל די צווייטע וואָך קומען, און דאַמאָלס וועלן מיר דאָ לאַנג נישט זוימען. אַלץ איז גרייט, און מיר וועלן באַלד אין דער שווייץ פאָרן.

דאָראַ האָט די מוטער אַרומגעהאַלדזט.

— דו ווייסט, מאַמענקע. דער הער ראָזנצווייג פאָרט אויך מיט אונדז... ער וויל נאָר, אַז מען זאָלן אים אַ ביסל בעטן...

ראָזנצווייג איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, און די פרוי שפּיל־ריין האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

— אַך, זייער אָנגענעם. עס וועט זיין גרויסאַרטיק און שיין פון אייער זייט.

— ער וועט פאָרן, ער וועט פאָרן — האָט זיך דאָראַ גע־פריידט מיט איר מאַטע שטימע, און זיי האָבן נאָך לאַנג געפּלוידערט פון די אַלע קלייניקייטן, וואָס מען וועט דאַרפן צוגרייטן אין וועג אַריין.

VII.

איבער די זאַקאָפּאַנער משופּעדיקע גאַסן האָבן זיך קאַלוזשעס בלאָטיק וואַסער געגאָסן. דער שניי איז געוואָרן ווייך, שיטער, און מענטשן האָבן אים מיט די פיס צעקנעטן און אין בלאָטע פאַרוואַנדלט. די זון האָט זיך צווישן די פעלזן אַריינגעריסן און דעם פאַרפרוירענעם שניי געטאָפּיעט. פון די לעכער און שפּאַלטן האָבן קליינע טייכלעך געפלאָסן, אויפן וועג מיט אַנדערע זיך צונויפגעגאָסן, וואָס אַמאָל מיט מער קראַפט געלאָפן, און מיט קראַפט אין שטורמישן פּאָטאָק אַריינגעפאַלן. אין דער לופט האָט זיך שוין דער פרילינג געפילט, נאָר די שפּיצן פון די ריזן-בערג זיינען נאָך אין ווייסן געווען געהילט, און מיט עקשנות אין דער ברענענדיקער זון אַריין געטייטלט.

דאָרא מיט איר מוטער זיינען גאַנצע טעג איבער די געשעפטן אַרומגעגאַנגען איינקויפן אין וועג אַריין, און ראָזנצווייג האָט זיי באַגלייט. די מוטער איז פאָרויס געגאַנגען און זיי ביידע הינטער איר.

דאָרא האָט הייס געטענעט:

— זאָגט, וועלכעס חאָלט אייך אָפּ פון פאָרן מיט אונדז? איר האָט זיך גאָרנישט צוזוגרייטן. איך האָב שוין מיט מיין גוטער מוטער גערעדט. איר וועט זען, ווי גליקלעך מיר וועלן דאָרט פאַרברענגען אין די הערלעכע געגנטן. די צייט וועט פריילעך אַוועק. איר וועט זען — און נאָכדעם, ווען מיר וועלן קיין דייטשלאַנד צו

מיין ברודער פאָרן, וועט איר זיך דאַמאָלס פאָרן, ווו איר וועט נאָר וועלן.

ראָזנצווייג האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט.

— הערט, דאָראַ! לאָמיר זיך נישט נאַרן. צוואָס זיך שפּילן אין באַהעלטעניש? לאָמיר רעדן קלאָר און אָפן. איר האָט מיר שוין עטלעכע מאָל פאַרזיכערט, אַז איר מיינט גאָרנישט, כאָטש איך האָב אייך נישט געפרעגט צי איר מיינט עפּעס, צי נישט, און דורך דער גאַנצער צייט האָט איר זיך גאָרנישט געפירט מיט מיר אַזוי ווי מיט אַזעלכן, וואָס מען מיינט גאָרנישט... אמת, איר האָט זיך אין מיינע הענט אין גאַנצן איבערגעגעבן, נישט פאָדערנדיק פון מיר עפּעס... איר האָט מיר, ווי איר זאָגט — אַלץ געגעבן אָן אַ פאַרוואָס... און אויך אַצינד האָט איר נישט די דרייסטקייט פון מיר עפּעס צו פאָדערן, ווייל איר ווייסט און איר האָט עס אויך ביז אַצינד געוווּסט, אַז מיין האַרץ געהערט וועמען אַנדערש, נישט אייך, אָבער איר ווילט עס מאַכן אומבאַמערקט... איר ווילט אַלץ אָפּטון אויך אָן אַ פאַרוואָס... אַבי עס זאָל ווערן אָפּגעטון... אָבער איך קען עס נישט. איך וויל עס נישט... מיין האַרץ איז ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען...

דאָרא איז רויט געוואָרן. אַ ווײַלע האָט זי נאָכגעקלערט, און דאַמאָלס האָט זי אים שאַרף אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— הערט: איך בין אַקעגן אייך אַ קליינעם פאַרברעכער באַגאַנגען. איך האָב געהאַנדלט נישט פיין, וואָס איך האָב מיך ווי אַ גנב צו אייער שיפלאָד צוגעקריגן און אייער טאָג-בוך מיט אַלעם, וואָס איז דאָרט געווען, דורכגעקוקט אָבער איך האָב עס געטון, ווייל איך האָב אַנדערש נישט געקענט. איך האָב מער נישט געקענט רוען, און איך האָב געברענט צו וויסן, וואָס עס דריקט אייך אַזוי און עס מאַכט אייך טרויערן. און איך האָב געמוזט איינמאָל

געוואָר ווערן .. און אַצינד ווייס איך שוין אַלץ. איך האָב אַלע בריוו, וואָס איר האָט פון אייער ליבסטער דערהאַלטן, איבערגע-לייענט, און אויך דאָס, וואָס איר פאַרצייכנט זיך אין אייער טאָג-בוך, און איך פיל אייער פיין, די פיין פון שוין אַנדערהאַלבן יאָר, זינט איר האָט זיך מיט איר דערקענט. איך קען אייערע ליידן. אָבער אומזיסט זייַנען זיי! אומזיסט האָט איר זיך געפייניקט פון אייפער-זוכט אין די ערשטע צייטן פון אייער באַקאַנט ווערן מיט איר. און אומזיסט פייניקט איר זיך אין די טעג און נעכט, וואָס איר בענקט און גאַרט נאָך אַ וואַרעם וואָרט, אַ ליבלעכס, פון איר... און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל איר זענט בלינד! נאַריש פאַרבלענדט... דער אמת איז פאַר אייערע אויגן פאַרשטעלט... אָבער איך וועל אייערע אויגן עפענען און איר וועט זען.

אין אייער טאָג-בוך שרייבט איר: אַז אין אייערע בריוו צו איר לייגט איר אייער גאַנצע נשמה אַריין. איר שרייבט זיי מיטן בלוט פון אייער האַרץ... נו, קומט זעט, ווי פאַרשטייט די יענע, צו וועלכער אייער גאַנצער „איך" געהערט בלינד. לייענט אירע ענטפערן אויף אייערע, מיט בלוט געשריבענע, בריוו. מערדעריש קאַלט פאַרשווייגט זי וועגן דעם, וואָס אייער האַרץ גאַרט צו וויסן, און אָנשטאָט דעם, לאָזט זי קיין איין בריוו נישט דורך, אין וועלכען זי זאָל אייך אָן אייער קרענק נישט דערמאַנען. זעט איר אַלץ נאָך נישט איר אויסדריקלעכן ענטפער?.. — איר זענט נישט פאַר מיר! גאָר אָנשטאָט אייך עס צו זאָגן אָפן און קלאָר, שפּילט זי זיך מיט אייך... איר זענט אַ שפּילעכל בא איר, און איר פילט נישט דעם שפּאָט, וואָס ליגט אין איר רעדן צו אייך. איר פילט עס נישט, ווייל איר זענט בלינד... איר זעט נישט פאַר וועמען איר וואַרפט אייער האַרץ...

דאָרא איז שטיל געבליבן. אין ראָזנצווייגן האָט עס געקאָכט און געזאָטן. אַ שרעקלעכער קאַמף האָט זיך אין זיין האַרץ אָפּגע-

שפילט. דאָראַ האָט זיך אין זיין נשמה אריינגעגנבעט, אין האַרץ זיך אַריינגעריסן, און טרעט גראָב און אומדערבאַרעמלעך מיט די פיס, דאָרט, ווו עס טוט אַמשטאַרקסטן ווי... איין מאָמענט האָט ער געוואָלט אויף איר אַ שפּיי טון און אַוועק פון איר. ער האָט זיך אָבער אַצינד געפילט שוואַך און באַזיגט. עס איז דאָך אַלץ זיכער און קלאָר, אָט דאָס אַלץ, וואָס דאָראַ האָט אים אַצינד געזאָגט. ווי האָט ער ביז אַצינד נישט פאַרשטאַנען? ער ליגט פאַר חנהלעס פיס, וואַלגערט זיך אין דער בלאָטע, און זי טרעט אויף אים מיט אירע קליינע פיסלעך און שמייכלט... די גרויסע קאַרשן-אויגן לאַכן...

דאָראַ האָט ווייטער, ווי פאַר זיך, שוין רויק, שטיל ווי אַלע מאָל גערעדט:

— און איך וויל און פאַרלאַנג פון אים גאָרנישט. איך פרעג נישט, צי האָסטו פאַר מיר האַרץ? איך וויל נאָר בלויז זיין מיט אים, צוזאַמען מיט אים. און ער איז גאַריש פאַרבלענדט...

דאָראַס מוטער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א שוי-פענסטער און אויף די אונטערקומענדע טאָכטער מיט ראָזנצווייגן פאַרהאַלטן. זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ גוראַלסקע געבלימלט טוך און ווייך געזאָגט:

— זע, קינד, אָט דאָס טוך וואָלט פונקט געפּאַסט גוט אויף דיר. ווי שיין עס וואָלט דיר געקליידט!

דאָראַ האָט זיך צו דער מוטער געפּיעשטשעט:

— ניין, מאַמעניו, עס געפעלט מיר נישט, און באַלד האָט זי זיך צו ראָזנצווייגן געכאַפּט.

— איר זעט, דאָרט, יענעם גרינעם קראַוואַט וועל איך אייך קויפן אַ פּרעזענט אויף דער רייזע...

זיי האָבן שוין לאַנג אין גאַס נישט געזוימט און זיינען אָנגעלאָדענע מיט פּעקלעך אַהיים.

ראָזנצווייג האָט זיך אין חנהלעס בריוו געגריבלט, יעדעס וואָרט געמאָסטן און געפּאָרשט. האָט עס געמעגט זיין ווי איינפאַך, דאָס וואָרט, האָט ער זיך געקענט אָפּשטעלן דערויף און קלערן דעריבער, וואָס זי מיינט דערמיט, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט גאָרנישט אויסצוגעפינען אין דעם. אַזוי איז ער אָפּגעזעסן עטלעכע שעה. ער האָט שוין אַלע בריוו געקענט אויסנווייניק. יעדעס וואָרט געוווּסט, אויף וועלכער זייט בריוו עס געפינט זיך און פון וועלכער דאַטע יעדער בריוו איז... און צום סוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די פיס זיינען געווען ווי אונטערגעהאַקט און דער קאָפּ שווער. אומזיסט איז געווען דאָס זוכן. קיין ברעקל וואַרעמקייט, קיין סימן פון עפּעס נאָענטקייט האָט ער אין אירע בריוו נישט געפונען. אַלץ איז ווי דוראַ האָט געזאָגט. זי איז קאַלט און ווייט... ער האָט דאָך דאָס אַלץ ביז אַצינד אויך געוווּסט. דורך די גאַנצע אַנידערהאַלבן יאָר, וואָס ער טריקנט נאָך אירס אַ ליבלעך וואָרט, אָדער נאָך אַ וואַרעמען בליק, ער האָט דאָך דאָס די גאַנצע צייט געפילט. אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקענט מאַכן. נאָך אַלעם איז זי געבליבן די, אַרום וועלכער זיינע חלומות און האָפענונגען פון דער צוקונפט האָבן זיך געשפּינען. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מיט איר אַזוי פאַרקניפּט, אַז ער האָט זיך עס שוין אַנדערש נישט געקענט פאָרשטעלן. און אַפילו דאַמאָלס, ווען זי וועט אים נישט געהערן, אָבער זיין האַרץ, זיין נשמה וועט אַלע מאָל איר געהערן, אַלע מאָל וועט ער פאַר איר דער זעלבער בלייבן.

און דאָ איז דוראַ געקומען. זי האָט זיך אין דעם פאַרבאָרגנסטן ווינקעלע פון זיין אָנגעווייטיקט האַרץ אַריינגעקריגן און טרעט דאָרט גראָב אַלץ, וואָס איז אים הייליק און טייער. זי האָט זיין וווּנד אויפגעדעקט אָפן און פרעך, זי לאַכט אויס זיין שוואַכקייט צו חנהלען, און אין דער זעלבער צייט קריכט זי צו אים אין בעט, נישט קימערנדיק זיך, ווי זיין האַרץ איז צו איר. אָבער

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ער פילט נישט די מינדסטע פאַראַכטונק צו דאָראַן... דאָס מינדסטע, וואָס זאָל זי אָפּשטויסן פון אים... זי האָט דאָס איריקע דערגרייכט. זי האָט אים מיטגעריסן מיט איר גלייכגילטיקייט, מיטגעריסן. זי האָט אין אים דאָס ציטעריקע, דאָס צאַפּלענדיקע דערשטיקט. ער איז געוואָרן טעמפּ און אומפּעיִק צו פילן. צוזאַמען מיט דעם, וואָס ער האָט די אַכטונק צו דאָראַן פאַרלוירן, איז ער אויך לויז געוואָרן פון דער אָנגענעמער פּיין, וואָס ער פלעגט צוליב חנהלען פילן... ער האָט פאַר ביידע, אי פאַר דאָראַן, אי פאַר חנהלען מער קיין געפיל נישט... ביידע זיינען אים פרעמד... נאָר ער האָט זיך פלוצלינג צווישן צוויי וועגן דערזען. אייבער האָט געפירט צו אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטעלע, צו אַ קליין אָרים הייזעלע און דער צווייטער וועג — צו אַ שיינעם פּאַלאַץ, מיט רייכקייט פאַרפּוצט. נאָר פאַר דער טיר פון יענעם קליינעם הייזעלע איז חנהלע געשטאַנען און אים דאָרט נישט אריינגעלאָזט, און פאַר יענעם רייכן פּאַלאַץ איז דאָראַ מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס געשטאַנען און אים אַהין גערופן. און אַצינד איז ער געווען מיד, קיין כּוח און קיין ווילן נישט געהאַט זיך פון דאָראַן אַרויסצודרייסן און אין חנהלעס טיר צו קלאַפּן...

VIII.

דאָס קליינע שטעטעלע, ווו חנהלע האָט בײַ איר זיידן פאַרברענגט, האָט זיך אין בלאָטע געבאָדן. די לאַנגע, פינסטערע ווינטער-נעכט האָבן די קורצע גרויע טעג איינגעשלונגען, און די איינוווינער האָבן זיך אונטער דער לאַסט פון שווערן ווינטער געבויגן. גאַנצע טעג און חאָכן זיינען אַדורך, וואָס מ'זן האָט כמעט קיין מענטש אין גאַס נישט געזען. דאָס שטעטל איז געשמאַק געשלאָפן,

און אויך דאָס יונגוואַרג פון שטעטל האָט זיך שטאַרק געלאַנג־ווייליקט און געטרוימט פון זומערדיקע טעג, ווען מען קען זיך אויף די פרייע פעלדער לאָזן, ווייט פון די ענגע געסלעך און די אָראָם־ענגענדיקע ברודיקע דעכער.

דאָך פון צייט־צו־צייט האָט יונגוואַרג אויפגעלעבט. דאָס איז געשען, ווען קראָזע מיט ביינען, די מאָלער־פאָטאָגראַפיסטן, וועלכע זיינען די גייסטיקע פירער פון דער יוגנט געווען, האָבן פון וואַרשע אַן אַרטיסט, אָדער אַ פּרעלעגענט אַראָפּגעבראַכט, אָדער זיי האָבן עפּעס אַליין אַ פאַרשטעלונג איינגעאָרדנט. דאַמאָלס האָט זיך יונג־וואַרג פון שלאָף אויפגעכאַפּט. עטלעכע וואָכן פריער האָט מען זיך בעגרייט, און אויך נאָכדעם האָט מען אַ צייט לאַנג פון דעם אַרטיסט אָדער פּרעלעגענט גערעדט, ביז עס האָט זיך פאַרגעסן און מען איז צוריק פאַרזונקען אין ווינטערדיקן שלאָף.

אָט פון אַזאַ מין אָוונט, אויף וועלכן מען האָט געהאַט אַ באַ־רימטן וואַרשעווער אַרטיסט אַראָפּגעבראַכט, און ער האָט רעצי־טירט אַ טעאַטער־שטיק, וואָס איז צו יענער צייט שטאַרק פּאָפּו־לער געווען, איז חנהלע מיט צווי חברטעס אַהיימגעגאַנגען.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ שיינע. די לופט איז גע־ווען לינד. עס האָט זיך געפילט, ווי אַן אָנזאָג, אַז דער פרילינג איז שוין נאָענט, דער בייזער, קאַלטער ווינטער איז פאַרביי, און דאָס ביסל קעלט, וואָס איז נאָך געבליבן, ווירקט נאָר באַנאַכט, ווען די זון באַהאַלט זיך, און פאַרשווינדט מיטן אויפגייענדן מאָרגנשטערן.

עס איז שוין געווען שפּעט, און חנהלע מיט די חברטעס האָבן זיך געאיילט אַהיים, שוועבנדיק פריילעך און לייכט איבערן וועג.

אַלע דריי האָבן זיך זייער גוט און לייכט געפילט, און אין אַזאַ צייט האָבן זיי זיך שוין אויף דער גאַנצער נאַכט נישט גע־שיידט, שלאָפנדיק יעדעס מאָל בײַ אַ צווייטער חברטע. אויך אַצינד

איז זיי אַ שאָד געווען צו שיידן זיך, און זיי זיינען פרייליכע צו איינער פון זיי, צו דער גרינבלאַטן, שלאָפן געגאַנגען.

דאָרט איז מען שוין געשלאָפן — האָבן זיי זיך שטיל אין שטוב אַריינגעקריגן און אין דער פינסטער זיך גענומען אויסטון. דאָס האָט זיי אַזוי אַמוזירט, אַז זיי האָבן זיך אַלע דריי אויס־געצויגן אויף דער פאָדלאָגע און זיך געקאָלערט פאַר געלעכטער. קיין איינע פון זיי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען, זיך שטיקנדיק מיטן געלעכטער און מורא האָבנדיק, אַז די עלטערן אין צווייטן צימער זאָלן זיך נישט איבערוועקן. זיי האָבן זיך אַלע דריי אין אַ שמאָל בעטל אַריינגעלייגט און איינע דער צווייטער האָט דאָס לייב געקניפּן.

— הער שוין אויף אַמאָל, אסתרל! — וואָס זיך תּנהלע שטיקנדיק געבעטן — דיין טאַטעשי וועט נאָך דערהערן.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט איר אסתרל חייטער אַ קניפּ געטון — אַלץ זי, שרהלע, טוט דאָך דאָס.

— ס'איז ליגנט — האָט שרהלע, שטיל קייכנדיק, מיט די ווערטער זיך געוואָרגן, און אסתרלען אַ שטאַרקן קניפּ געטון — אַלץ זי אַליין, און זאָגט אויף מיר!

פון צווייטן צימער האָט זיך דעם פאָטערס פאַרשלאָפענע שטימע געהערט:

— וואָס פאַר אַ וואַכנאַכט מאַכט מען עס דאָרט? — משוגע געוואָרן, צי וועלכע גוטע יאָר אויף זיי!

די מיידלעך האָבן די קעפּ אונטער דער קאָלדרע באַהאַלטן און נאָך שטאַרקער זיך געשטיקט מיטן געלעכטער.

ווען זיי האָבן שוין פון לאַכן קיין כּוח נישט געהאַט, האָבן זיי זיך גלייך אויסגעצויגן און מיט אָפענע אויגן אין דער פינסטער זיך פאַרקוקט. מיטאַמאָל, פונקט ווי זיי האָבן נישט געוווּסט פון

וואַנען דאָס געלעכטער איז געקומען, אַזוי האָבן זיי נישט געוווּסט, וואָס פּלוצלינג דער ערנסט באַטייט — יעדע האָט זיך איר סוד אין דער שטיל געשפּינען...

חנהלע האָט זיך אָן ראָזנצווייגן דערמאָנט.

פון וואַנען קומט ער עפּעס צו איר אַצינד? גלאַט אַזוי זיך דערמאָנט! זי האָט זיך דערפילט פּלוצלינג שולדיק. שוין זיבעצן טעג, ווי זי האָט אים נישט אין געדאַנק דערמאָנט, און שוין זעקס טעג, ווי זי האָט פון אים דעם לעצטן בריוו געקריגן און ביז הייַנט אים נאָך נישט געענטפערט. ווי יעדעס מאָל, ווען זי קריגט פון אים אַ בריוו, לייענט זי אים איבער און לייגט אים אַוועק, צומאָרגנס, אָדער אויפן צווייטן טאָג ענטפערט זי אים ערשט. ווי שווער עס קומט איר אָן אים צו שרייבן! ווייל פון וואָס האָט זי אים צו שרייבן! וועגן וואָס האָט זי אים צו דערציילן? פון לעבן דאָ? דעם אָנגעשטאָרבענעם, אָדער פון איר פאַרבראָגענע און לאַכן מיט אירע חברטעס? וואָס קען דאָס אים אינטערעסירן? און וועגן אירע געפילן צו אים? וואָס זי טראַכט אַלץ וועגן אים? — קען זי נישט און וועט עס נישט שרייבן. שרייבט זיך טאַקע נישט. אַ סך מאָל, ווען עס מאַכט זיך איר אַזוי — עס קען זיך נישט שרייבן, וואַרט זי אויסער אַ דריי, פיר טעג, ביז זי קריגט אַ צווייטן בריוו און ענטפערט שוין אָפּ אויף ביידע צוזאַמען. אין דער לעצטער צייט האָט זי שוין אַ סך מאָל אָנגעווענדט דאָס מיטל, נאָר אַלע מאָל, ווען זי האָט נישט געענטפערט אַזוי שנעל, איז געווען, ווייל זי האָט אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, און דאָס מאָל האָט זי איינגאַנצן פאַרגעסן. זי האָט זיך אַפילו נישט דערמאָנט וועגן אים, אַז זי דאַרף אים שרייבן, און אַצינד עפּעס פּלוצלינג... אין דער פינסטער האָט זי אַ גוואַלטיקע בענקשאַפט אָנגעכאַפּט אים צו זען, אים צו פילן נאָענט לעבן זיך. ער איז אַזוי ווייט פון איר, אין אַ פרעמד לאַנד. וואָס טוט ער אַצינד דאָרטן? געוויס שלאָפט ער

שוין אין אַזאַ שפּעטער שעה. און אפשר ליגט ער אַצינד גראָד וואַך און טראַכט וועגן איר? וויפֿל מאָל לייענט זי זיין הייס אויפֿ-ריכטיק שרייבן! פֿון יעדן וואָרט זיינעם שפּריצט מיט ליבע און בענקשאַפֿט נאָך איר. וויפֿל מאָל זיינען בריוו דאַטירט אין אַ פֿאַרטאָג אַ גרויען. — „עס קען זיך מיר נישט שלאָפֿן", — שרייבט ער, עס ווילט זיך מיר צו דיר רעדן, חנהלע! נאָר איך וויל אויך, אַז דו זאָלסט מיך הערן און פֿאַרשטיין, איך וויל, אַז די זאָלסט אויך פֿילן, וואָס דאָס הייסט אַזוינס בענקען אָן אַ גרענעץ און אָן אַ מאָס. זאָלסט פֿאַרשטיין, ווי איך טריקן אויס נאָך דיינס אַ וואָרט, וואָס זאָל מיר קרעפֿטן אויף ווייטער געבן, וואָלסטו ענדלעך דיינע גרויסע, שיינע קאַרשן-אויגן אויף מיר אָנגעשטעלט און פֿריי, און מיט דער גאַנצער ריינקייט פֿון דיין יונגן האַרץ געזאָגט — יאָ, איך פֿאַרשטיי אייך, איך פֿיל אייך, איך אייך און איך בין פֿאַר אייך דאָס, וואָס איר טרוימט וועגן מיר!

דאָס האָט ער שוין פֿון אַ צייט צו איר געשריבן, און זי האָט אים אויף דעם גאָרנישט געקענט ענטפֿערן. זי האָט זיך דעם בריוו דורכגעשמוגלט און אַ צווייטן איבערגעוואָרט. נאָר זי פֿילט עס דאָך גוט, און זי פֿאַרשטייט אים, און איז דאָך פֿאַר אים אַלץ, אַלץ... עס קען דאָך שוין אַנדערש גאָרנישט זיין! אירע חברטעס ווייסן שוין אַפֿילו דערפֿון. אמת, עס איז איר אַזוי שווער צו רעדן אַפֿילו וועגן דעם מיט זיי, זיי, וועלכע פֿאַרטרויען זיך פֿאַר איר, און איינע פֿאַר דער צווייטער — וואָס אונטערן האַרץ טוט זיך. און ווי קען זי דאָס פֿאַר זיי רעדן? אירע חברטעס זיינען נאָך כמעט ווי קינדער, זי אַליין פֿילט זיך עס נאָך. אָבער פֿאָרט האָט זי זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט צום געדאַנק: ראָזנצווייג איז איר, ער וועט זיין אירער... אָבער זי וואָלט אַזוי געוואָלט די צייט זאָל לויפֿן... לויפֿן שנעל, כאָטש אַ יאָר זאָל פֿאַרביי, זי זאָל כאָטש אַזוי קינדיש נישט אויסזען... און דערווייל זאָל קיינער נישט וויסן, מען זאָל

זי וועגן דעם נישט פרעגן, ביז די צייט וועט קומען, ווען זי וועט זיך נישט דאַרפֿן שעמען, נאָר היינט — נישט, אָבער אַלע ווייסן עס שוין...

און איינמאָל, ווען זי האָט זיך עפּעס קינדיש אויפֿגעפֿירט, האָט אויף איר אסתּרל אָנגעשריגן:

— כּלה־מיידל! ראָזנצווייג וואָלט דיך אַצינד באַדאַרפֿט זען, וואָלסטו שיין בײַ אים אויסגעזען!

זי איז רויט געוואָרן און זיך געוווּנדערט:

— וואָס פֿעלט דיר עפּעס אײַן, ראָזנצווייג?

— אָט גלאַט אַזוי, ווײַל ער געפֿעלט דיר! — האָט אסתּרל געלאַכט.

זי איז בייז געוואָרן:

— אויב ער געפֿעלט דיר, טאָ, גיי טאַנצן מיט אים!..

נאָר אין האַרץ האָט זי זיך ווירקלעך געשעמט פֿאַר ראָזנ־צווייגן, און וואָס זי האָט עפּעס געטאָן, האָט זיך איר געשטעלט די פֿראַגע: „וואָס וואָלט ראָזנצווייג געזאָגט דערצו?..“

און אַצינד איז זיך איר נישט געשלאָפֿן. זי האָט אים געזען אין בעט, ליגנדיק מיט אָפֿענע אויגן, דאָרט, וווּ ער איז ווייט... ער זעט זי אויך אַצינד. זי וואָלט זיך אים צוקאָפּנס געשטעלט און אויף די האָר לייכט מיט די ליפּן באַרירט.

און אפֿשר?.. אפֿשר?.. — האָט איר אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן. די האָט זיך אָן אויפֿשריפֿט איבער זיין בעט אין אָטוואָצק דערמאָנט, און איר יונג האַרץ האָט אויפֿגעקאָכט. זי האָט זיך אַלייך פֿאַרשעמט, ווי זי האָט אים אַצינד געזען... זי גלייבט דאָך אים, ראָזנצווייגן, אָן אַ גרעניץ. און נאָכדעם, ווי זי איז דאַמאָלס אָן אַנ־טוישטע און אַ פֿאַרביטערטע פֿון אָטוואָצק אַהיים געפֿאָרן, האָט זי דאָך באַלד פֿון אים אַ דערקלערונג געקריגן, און ער האָט איר דאָס

מיספאַרשטענדעניש אויפגעקלערט. וואָס איז ער שולדיק אין דעם איינגאַנצן? און דאָך, כאָטש זי גלייבט אים אַלץ און בלינד, איז דאָך עפּעס געבליבן נאָכדעם. דער געדאַנק איז בײַ איר פיל רייפער געוואָרן, און עס האָט זיך איר געקלערט פון אַזעלכס, וואָס זי וואָלט פריִער נישט דערייסט געוועז דערפון צו קלערן. עס האָט זיך איר פון ראָזנצווייגס לעבן, ביז ער האָט זי דערקענט, גענומען קלערן. זי האָט שוין אַ סך געלייענט וועגן דעם, ווי די יונגע לייט פֿטרן זייער יוגנט. ווי העסלעך און געמיין! און כאָטש אַלע פאַרזיכערן, אַז אַזוי אַרום פאַרברענגען כמעט אַלע פון זיי, דאָך, ווען זי האָט אויף אַ יונגל אַ באַקאַנטן געקוקט, האָט זיך עס איר נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער קען זיין איינער פון די... די זיינען דאָך אַלע פון די ביכער און אויסער איר וועלט, פון אַן אַנדערן סאָרט מענטשן און נישט די, וועלכע זי קען. און וועגן ראָזנצווייגן האָט זי שוין געהערט אַ סך ווערטער פאַלן, אָבער דאָס אַלץ איז געוועז געזאָגט וועגן דעם ראָזנצווייגן פון אַמאָל, דעם, וועלכן זי האָט נישט געקענט, און עס האָט זי נישט אינטערעסירט. יענער איז פאַר איר געשטאָרבן. און דער איז דאָך אַזוי ריין, אָן אַ פלעק. זיין געדאַנק איז דאָך נאָר מיט איר פאַרנומען און זיין נשמה איז אַזוי קריסטאַל-קלאָר!.. און דאָ, זינט זי איז אין אָטוואָצק געוועז, האָט זיך איר געדאכט, אַז זי קען דעם ראָזנצווייגן פון פריִער, דעם, וואָס אנדערע זיינען שוין געבאַרט געוועז פון אים... אמת, דאָס אַלץ איז ווי נישט זיכער געווען בײַ איר: די אַנדערע זיינען איר פרעמד, און עס איר בײַ איר, ווי אַ לאַנג פאַרגעסענע געשיכטע, וואָס איז מיט וועמען ערגעץ געשען. נאָר דאָך האָט זיך דאָרט ראָזנצווייגס נאָמען פאַרוואַלגערט, דעם ראָזנצווייגס, און וועלכן זי איז זיכער און גלייבט אין אים, ווי אין אַ גאָט.

זי פלעגט זיך די שלעכטע געדאַנקען מיט גוואַלט פאַר־יאָגן: — וואָס גייט מיך אָן יענער ראָזנצווייג? איך האָב יענעם

נישט געקענט און וויל נישט וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט יענעם. איך קען נאָר דעם, דער, וואָס איז מיר אַלץ, דער, וועלכער איז צוגעבינדן צו מיר מיט דער נשמה און הארץ, דעם, וואָס דאָס מזל האָט מיט מיר פאַרבונדן.

און אַצינד, ליגנדיק אויפן געלעגער, זיינען די שלעכטע גע־דאַנקען און פאָרשטעלונגען וועגן ראָזנצווייגן אַלץ דרייסטער גע־וואָרן, און איר יונג, רייז הארץ האָט זיך געפייניקט: „קען זי נאָך ווערן געגנאַרט?...”

אַ גאַנצע נאַכט איז חנהלע שלעכט געשלאָפן. און אינדער־פרי, ווען די חברטעס האָבן זיך גענומען אָנטון, האָבן זיי זי נישט דערקענט. זי איז געוואָרן שטאַרק בלאַס און אָנמוטיק. די חברטעס האָבן געפרווט עפּעס אַ געלעכטער מאַכן. אָבער עס האָט זיך נישט געקלעבט. חנהלע האָט זיך געזעגנט און איז אַהיימגעגאַנגען, ווי זי האָט זיי ערקלערט, זיך אַ ביסל צולעגן נאָך דער נאַכט נישט שלאָפן.

IX.

עס איז געווען אַ שיינער פרימאָרגן. די לופט איז געווען מילד און ווייך, דער הימל ריין, און די זון האָט וואַרעם די קליינע דעכלעך פון די נידעריקע הייזלעך געגלעט.

חנהלע האָט איבער די געסלעך שפּאַצירט, אַן איינזאַמע און אַ פרעמדע. ווי פרעמד דאָס איז איר אַלץ! און ווי עלענד זי האָט זיך אַצינד געפילט! וואָלט זי אַ מוטער געהאַט, וואָלט זי זיך צו דער מוטערס ברוסט געטולעט, דעם קאָפּ אין איר שויס איינגע־גראָבן און געוויינט, גלאַט אַזוי געוויינט, עס זאָל איר לייכטער

ווערן, עס זאָל איר אויפהערן דריקן אונטערן האַרץ. די פאַר־לוירענע צערטלעכקייט, און וועלכער זי האָט די עטלעכע יאָר געלעבט, האָט זיך אָפּגערופן. זינט די באָבע, איר פאָטערס מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי, ווי אַ בלום אָן זונען־שטראַלן געבליט. די בלום איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע און זאַפטיקע. די צייט איז געקומען די בלום זאָל זיך עפענען, די בלעטלעך זאָלן זיך קעגן די מילדע, וואַרעמע זונען־שטראַלן פונאַנדערשפּרייטן, איז מיט אַמאָל אַ ברענענדיקע זון געקומען, אַ זון, וואָס גליט און טריקנט, און עס איז שווער מיטאַמאָל זיך צוצוגעוווינען...

זי האָט צום זיידנס הויז געגעבט, און אַ חשק האָט זי אָנגענומען אַריינצוגיין אין שטוב, אַרויסצונעמען דעם לעצטן בריוו, ראָזנצווייגס, פון איר שיפלאָד אין שאַנק און ענטפערן אויף דעם בריוו. זי וועט אים, ראָזנצווייגן, ענטפערן וועגן אַלעם, וואָס ער פרעגט זיך נאָר און וואָס ער גאַרט אַזוי צו וויסן. זי וועט אים ענטפערן אַלץ, ווי זי פילט און ליידט, ווי שווער עס איז איר, און ווי זי בענקט... פאַר וועמען דען זאָל זי רעדן? ער איז דאָך איר אַלץ... זי וועט וויינען פאַר אים, לייגן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און זיך טוליען צו אים. און ער וועט איר איבערן קאָפּ, איבער די האָר גלעטן...

איז זי אין שטוב אַריין. אין דער ערשטער שטוב איז קיינער נישט געווען. זי איז אַריין אין דער צווייטער, האַסטיק דאָס שיפלאָד אויפגערוקט און ראָזנצווייגס לעצטן בריוו אויסגעזוכט. זי האָט טינט און פעדער מיט פּאַפּיר צוגעגרייט צום שרייבן און נאָכאַמאָל דעם בריוו איבערגעלייענט. אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, אָבער עס איז נישט געווען אויף וואָס צו ענטפערן. זי האָט געזוכט אַ וואָרט, אויף וועלכן זי זאָל האָבן עפּעס דייטלעכס צו ענטפערן, און נישט געפונען. זי האָט זיך גוט צום שרייבן צוגעקוקט און עס איז איר, ווי קאַלט געוואָרן — גאָרנישט ווי ראָזנצווייגס! די ווערטער זיינען

קאַלט און טויט געשריבן, עס פילט זיך גאָרנישט אין זיי, אָן האַרץ, און זיי זאָגן גאָרנישט. האָט זי אויפגעהערט אַצינד צו פילן? אָדער איז זי די גאַנצע צייט געווען געגאַרט?..

זי האָט עטלעכע פריערדיקע בריוו אויסגעזוכט און איבער־געלייענט.

— ווי מאָדנע דאָס איז!

עפּעס איז גראָד דער לעצטער בריוו, אויף וועלכן זי וויל אַצינד אַזוי שטאַרק ענטפערן גאָר אַנדערש, ווי יענע. און ווי אַזוי האָט זי עס באַלד נישט באַם ערשטן מאָל איבערלייענען דערקענט אַז גאָרנישט דער זעלבער הייסער, האַרציקער ראָזנצווייג.

זי האָט זיך צו די פריערדיקע בריוו צוגעקוקט.

יעדער בריוו איז אַ שטיק האַרץ, אַ באַזונדערע נשמה גע־ווען, און ווען זי האָט זיי געלייענט, האָט זי אים, ראָזנצווייגן, געזען לעבן זיך, ווי ער קוקט אויף איר מיט פייכטע, בעטנדיקע אויגן, ווי ער איז גרייט זי אין זיינע אָרעמס צו נעמען, אויף די הענט כאַפּן און פליען אין די העכסטע הימלען. און דאָ גראָד, דער לעצטער בריוו, איז נישט, ווי פון זיין האַרץ געשריבן. זי דער־קענט בלויז זיין האַנטשריפט, אָבער ווי פרעמד און אינהאַלטסלאָז ער איז געשריבן!

זי איז לאַנג געזעסן, זיך געמאַטערט: אפשר וועט זי פאָרט עפּעס געפינען אים צו ענטפערן. אפשר וועט זי אויף דעם פריער־דיקן בריוו אַצינד ענטפערן? אָבער עס האָט זיך נישט געשריבן. אַלץ איז פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן, און זי האָט נישט וואָס צו שרייבן. אָן אויסגעמאַטערטע האָט זי די בריוו צוריק אין שיפלאָד אַרייגגע־לייגט, די טינט און פעדער אַוועקגעשטעלט און אויף דער גאַס אַרויס.

די טעג האָבן זיך לאַנג און דערדריקנדיק געצויגן. און חנהלע איז ווי אַ שאָטן ארומגעגאַנגען און פון ראָזנצווייגן אַ בריוו אויסגע־קוקט. זינט זי קען אים און זינט זי קאָרעספּאָנדירט מיט אים, האָט זיך עס נאָר איין מאָל, דאַמאָלס ווען ער איז קראַנק געוואָרן, גע־טראָפן, אַז ער זאָל זי אַזוי לאַנג מיט אַ בריוו אויפהאַלטן. פאַר־שיידענע געדאַנקען, איינער שרעקלעכער פאַר דעם צווייטן, האָבן איר מוח געעגבערט:

וואָס קען עס באַדייטן זיין נישט שרייבן? עס איז דאָך גאָר־נישט זיין נאַטור. אפילו דאַמאָלס, ווען זי ענטפערט אים נישט אַזוי שנעל, איז עס אויך נישט קיינמאָל די סיבה, אַז ער זאָל זי אויפ־האַלטן מיטן שרייבן, ווייל די גאַנצע צייט איז עס באַ אים ווי אַ מוז געווען, איר יעדע דריי, פיר טעג צו שרייבן, און אַמאָל נאָך עפטער, נישט קוקנדיק אויף דעם, צי ער דערהאַלט פון איר ענט־פער, צי נישט. און דאָ אַצינד: זי האָט אים שוין אַפילו צוויי בריוו געשריבן, און אויף איר לעצטן בריוו האָט שוין אויך באַדאַרפט ענטפער זיין. און יעדעס מאָל, ווען זי דערזעט דעם פּאָסט־טרע־גער, הייבט איר דאָס האַרץ העכער אָן צו קלאַפּן פאַר שרעק, גייט זי אים אַקעגן, נאָר זי באַגעגנט נאָר זיין שמייכעלע: „ניעמאַ ניץ דזשישאַי.” און זי ווערט רויט און דערדריקט, און אין האַלדז בלייבט עפּעס שטעקן.

זי האָט עס גאָרנישט פריער געפילט, דאַמאָלס, ווען זי האָט די בריוו דערהאַלטן און זיי געלייענט, ווי זיי האָבן איר די טעג אויסגעפילט. זי איז קיינמאָל נישט הונגעריק געווען נאָך זיי, און דאָ אַצינד האָט זי עס מיטאַמאָל דערפילט.

פּוסט און ליידיק זיינען די טעג פאַרביי. עס האָט די גאָר־נישט אינטערעסירט. ביז דער צייט פון דער פּאָסט האָט זי נאָך געהאָפט: „אפשר, טאָמער וועט שוין הייגט זיין”, און זי איז צו די

חברטעס געלאָפן זיך פאַרשין מיט עפּעס. און אין געדאַנק די מינוטן, די שעהן געציילט, ווי לאַנג עס איז געבליבן צו דער צייט, ווען דער פּאָסט-טרעגער וועט פאַר איר שטוב פאַרבייגיין. דאַמאָלס איז זי אַקעגנגעגאַנגען און אים אַלע מאָל מיט דער גרויסער טאָרבע אויפן וועג געטראָפן. פון דערווייטנס נאָך האָט זי די אויגן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּאָסט-טרעגער ווייסט אַלץ, און ער לאַכט שטיל אין זיך: „ניעמאַ ניץ! ניץ ניעמאַ!" — ווי שרעקלעך דאָס געלעכטערל איז!

און אַ סך מאָל האָט זי זיך שוין באַשלאָסן — זי וועט אים נישט אַקעגנגיין, ניין, זי וועט בעסער איבערוואַרטן אַ ביסל. ווען ער וועט אַבריוו האָבן, וועט ער דאָך אים אין שטוב איבערלאָזן, און זי איז נישט געגאַנגען, נאָר זיך גלאַט אין גאַס שפּאַצירט.

דאַכט זיך שוין אַ שעה צוויי, זינט ער איז פאַר זייער שטוב פאַרביי — און זי האָט זיך גענומען אַהיימגיין, האָבן זיך אירע פיס, אָן איר ווילן, גלייך אָפּגעדרייט אין די גאַסן אַריין, וווּ זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט דעם פּאָסט-טרעגער טרעפן. זי האָט עס נישט געוואָלט, נאָר זי האָט שוין אַנדערש נישט געקענט. סיי-ווי-סיי איז ער דאָך זייער שטוב שוין פאַרביי און עס הייסט נישט, אַז זי גייט אים אַקעגן.

אָט גייט ער שוין, זי זעט אים פון דערווייטנס, און זי גייט אַ ביסל אָפּ אָן אַ זייט, עס זאָל נישט הייסן, אַז זי גייט צו אים צו. גייט ער פאַר איר פאַרביי, און ווי ער באַמערקט זי, שאָקלט ער מיטן קאָפּ אין דער ברייט און שמייכלט: „ניעמאַ ניץ!"

זי פילט, ווי זי ווערט שוואַך דאַמאָלס אין דער מינוט. די פיס טראָגן שווער, און פאַר די אויגן שווינדלט עפּעס. זי כאַפּט זיך באַלד, טאָמער איז ווער פאַרבייגעגאַנגען און געהערט, מען וועט דאָך באַלד דערקענען און פאַרשטיין, און זי לויפט שנעל, שנעל

צוועט

און איין טאָג איז זי אין גאַס נישט אַרויס. זי האָט זיך עפּעס אין שטוב אַן אַרבעט אויסגעזוכט, און דערפאַר זיך אויך פאַר די חברטעס נישט געוויזן. זיי זען דאָך און פאַרשטייען אַלץ. זיי פרעגן זי גאָרנישט, כאָטש זיי זען איר אומעט און צעטראָגנקייט. ווען זיי קומען זיך צוזאמען רעדן זיי ווייניק און לאַכן גאָרנישט, גאָרנישט ווי זייער געוווינהייט איז אַלע מאָל. זי ווייסט, זיי זייען איר טרייע און איבערגעגעבענע חברטעס. זיי ליידן מיט איר מיט, און זיי האָבן מורא חנהלען עפּעס צו פרעגן: עס וועט איר וויי טון, און וואָס קענען זיי איר העלפן? ווען ראָזנצווייג וואָלט ערגעץ נאָענט געווען, וואָלט זיך איינע פון זיי שטיל, אָן חנהלעס וויסן, אַהינגעכאַפּט און געוווּיר געוואָרן, וואָס דאָס באַטייט. אָבער ער איז דאָך ווייט ערגעץ אין זאַקאָפּאַנע. און דאָס איז דאָך אוממעגלעך. און חנהלע האָט זיך אַפילו נישט געהאַט פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצורעדן, נאָר געפילט, ווי די לאַסט איז שווער, שרעקלעך שווער, נישט צום דערטראָגן.

עפּעס שרעקלעכס האָט דאָך געמוזט געשען! שוין מער ווי צוויי וואָכן איז פאַרביי, זינט זי האָט זיין לעצטן בריוו געקריגן. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז ער זאָל זי גלאַט אַזוי אָן אַ סיבה אַזוי לאַנג אויפהאַלטן מיטן שרייבן. אויף דער פּאָסט האָט נאָר איין בריוו געקענט פאַרפאַלן ווערן, און דאָ האָט זי אים שוין געשריבן, און העכסטנס מיט דריי טעג צוריק האָט זי שוין זיין ענטפער באַדאַרפט האָבן. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז ראָזנצווייג זאָל אויף איר שרייבן גלאַט אַזוי זיך נישט ענטפערן, אָדער אויפהאַלטן.

נאָר איין זאַך האָט געקענט געשען, אַז ער זאָל איר נישט שרייבן — נאָר אַ קראַנקהייט האָט אים געקענט דערפון אָפּהאַלטן — ראָזנצווייג איז קראַנק! — האָט זי באַ זיך באַשלאָסן. און עס האָט זיך איר געמאָלט דאָס בילד, ווי ער ליגט ערגעץ ווייט, אין דער פרעמד גוישן פרעמדע מענטשן, אַ שווער קראַנקער און שטאַרקער

היך מיט פאַרברענטע ליפּן, איינזאַם און צעבראָכן, און טראַכט וועגן איר... זיינע הייסע ליפּן שעפּטשען: חנהלע, ווו ביסטו, ליבסטע מיינע? פאַרלאָז מיך נישט, קינד! — ווי ער האָט זי ליב צו רופן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שולדיק אין זיין קרענק. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר דורך איר איז עס! דאָס האַרץ זאָגט עס איר, און זי איז אַזוי ווייט פון אים! וואָלט זי לעבן אים געווען, וואָלט זי אים נישט געלאָזט קראַנק זיין. זי וואָלט אים איר לעבן, איר נשמה אריינגעהויכט, מיט וואַרעמע בליקן זיין האַרץ געהיילט, און ער וואָלט געזונט געוואָרן.

און וואָס קען זי אַצינד טון? אויף אַ בריוו צו קריגן איז דאָך שוין, דאַכט זיך, נישטאָ וואָס צו האָפן! אפשר קיין ווארשע פאָרן? — איז איר איינגעפאַלן, צו זיין שוועסטער, געוויר ווערן, צי זיי האָבן נישט געקריגן פון אים עפּעס אַ ידיעה. זי וועט עס טון, יאָ, העכסטנס מאָרגן, כאָטש עס איז איר אַזוי שווער דאָס צו טון. ווער, וועט זי זאָגן, איז זי, און וואָס אינטערעסירט זי ראָזנצווייג? נאָר זי וועט עס שוין וויסן ווי אַזוי צו מאַכן, מאָרגן פאָרט זי.

פאַרנאַכט איז דער פּאָסט-טרעגער אומגעריכט אריינגעקומען. ער האָט איר אַ בויגן פּאַפּיר דערלאַנגט און אָנגעוויזן אויף וועלכן אָרט זי האָט זיך אונטערצושרייבן. זי האָט געזען, ווי ער האַלט אַ בריוו אין האַנט, נאָר זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף אים. דאַכט זיך ראָזנצווייגס האַנטשריפט, און די האַנט האָט באַ איר געציטערט.

דער זיידע, וואָס איז באַם טיש געזעסן, האָט גלייך אויף יר געקוקט, און זי פילט, ווי דאָס גאַנצע בלוט לויפט איר אין נים. דער זיידע און אַלע זען און ווייסן אַלץ. דאָס דערקענט מען

דאָך זָן איר צעטראָגנקייט, אָן איר בלאַס פּנים, און אַצינד, ווי זי וועט דעם בריוו עפענען און לייענען, וועלן דאָך אַלע אויף איר געזיכט דערקענען, וואָס זי לייענט דאָרט.

זי האָט זיך באַמיט וואָס רויִקער צו זיין, געלאָסן און לאַנגזאַם אונטערגעשריבן זיך, און דעם בריוו פון דעם בריפטרעגערס האַנט גענומען. זי האָט אויפמערקזאַם און נישט איילנדיק זיך דעם אַדרעס איבערגעלייענט און איז לאַנגזאַם פון צימער אַרויס.

זי איז אַוועק צו דער זשעקע, אויפן קלאָץ, ווו זי איז געזעסן אין יענער נאַכט, ווען ראָזנצווייג איז צו איר געקומען, און האַסטיק דעם קאָנווערט אויפגעריסן. עס איז געווען אַ קליין בריוועלע, מיט עטלעכע שיטערע שורות באַשריבן. זי האָט זיי מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט דורכגעקוקט:

גערטע פריילין ליליענפעלד!

איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב אייך ביז איצט נישט געשריבן. איך האָב נישט געקענט און נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, און אויך אַצינד וויל איך אייך נאָר דאָס מיטטיילן: איך גיי פון אייך אויף אייביק אַוועק.

איך ווינטש אייך ערפאָלג אין לעבן!

אייער איבערגעגעבענער פריינט

ראָזנצווייג.

חנהלע האָט די ווערטער איבערגעלייענט און זיך פון אָרט נישט געקענט רירן. די אויגן האָבן שטאַר אין דער לופט געקוקט און אונטערן האַרץ האָט אַ שפּיציקע זאַך זיך אַלץ טיפער אַריינגעשטאָכן. אונטן, אונטער די זשעבריס פון דער לינקער זייט, האָט זיך דער אָטעם פאַרהאַקט, אין האַלדז איז ענג און קיין לופט גייט נישט צו. איבער די אויגן האָט זיך אַ הייטל פאַרצויגן, און עס ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער, די קני ברעכן זיך, און דער

קערפּער לאָזט זיך אַלץ נידריקער און נידריקער אַראָפּ, ביז צו דער ערד...

די נאַכט איז צוגעפאַלן. די לופט איז געוואָרן שאַרף און פייכט, און די ערד איז נאַס געוואָרן. הנהלע האָט אַ קעלט אין פלייצע געפילט. זי האָט די אויגן געעפנט און זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט.

פון וואַנען קומט זי דאָ אַהער אין דער פינסטער, אויף דער גאָלער ערד? און צוואָס איז זי דאָ אַהער געקומען?

דאָס שטיקל פּאַפּיר אין האַנט, וואָס זי האָט פעסט געהאַלטן צוזאַמענגעדריקט, האָט זי אָן אַלעם דערמאַנט...

זי האָט זיך פון דער נאַסער ערד נישט אויפגעהויבן, נאָר די פיס אונטער זיך פאַרלייגט, און דעם קאָפּ צווישן די הענט באַהאַלטן, און הויך אויפן קול ספּאַזמאַטיש געוויינט.

וווהין און צו וועמען וועט זי אַצינד גיין? וועמען האָט זי אַצינד אויף דער וועלט? צו וועמען געהערט זי? און ווער געהערט איר? עלנט, עלנט ווי אַ שטיין ביים ברעג פון אַ טייך איז זי, און דאָס האַרץ האָט געטריפט און זיך געצאַפּלט. אויף אייביק איז פאַרלוירן די האָפנונג, וואָס האָט זיך פעסט, זינט אַנדערטהאַלבן יאָר אין איר נשמה איינגעוואָרצלט. ראָזנצווייג, דער, וואָס איז פאַר איר אַלץ געווען, דער, וואָס האָט איר עלנטע נשמה געוואַרעמט און געצערטלט, גייט פון איר אויף אייביק אַוועק. זי וועט אים קיינמאָל שוין רעדן נישט הערן און קיינמאָל מער נישט זען. דאָס שרייבט ער איר אַליין, ער גייט אַליין פון איר אויף אייביק אַוועק! פאַרוואָס? און ווי אַזוי איז עס פּלוצלינג געשען? — „געערטע פריילין ליליענפעלד"... פון דער „ליבער קליינער הנהלע" איז אַ געערטע פריילין ליליעפעלד געוואָרן. ווי קאַלט, ווי שרעקלעך די ווערטער קלינגען!

וואָס איז געשען דאָרט? וואָס פאַר אַ פּלוצלינקע איבערקע־רעניש אין זיין האַרץ איז עס דאָרט פאָרגעקומען? און פאַרוואָס שרייבט ער איר נישט, פאַרוואָס ער געזעגנט זיך מיט איר אויף אייביק? ער גייט פון איר אויף אייביק אַוועק! דאָס הייסט, פון דעם מאָמענט אָן איז ער פאַר איר טויט, געשטאָרבן. און זי וועט שוין מער אַפילו פון אים קיין בריוול נישט האָבן: און זי דאַרף אים פאַרגעסן, מיט איינמאָל אים פון האַרץ אַרויסרייסן און נישט קלערן מער פון אים. ווי קען עס זיין? ווי קען עס זיין? אַ גאָט! אַז דאָס האַרץ קלאַפּט און עס צאַפּלט און די נשמה איז דאָרט בּאַ אים, בּאַ ראָזנצווייגן... פילט ער זי דען נישט בּאַ זיך דאָרט?... ער גייט פון איר אַוועק אויף אייביק, אָן אַ פאַרוואָס, און ער געפינט צומאָל נישט פאַר נייטיק איר די סיבות פון זיין אַוועקגיין צו דערקלערן. ער פילט אַפילו נישט די פליכטן פון די אַנדערטהאַלבן יאָר, וואָס ער האָט איר יונג האַרץ צו זיך צוגעצויגן, און עס גייט אים נישט אָן דאָס, וואָס זי וועט ליידן, זי, וועלכע ער האָט פאַרגעטערט און דאָס לעבן גרייט געווען פאַר איר בּליק אָפּצוגעבן. דער קאָפּ מישט זיך, עס קען זיך גאָרנישט קלערן, אָט דרייט זיך דער מוח איבער. דאָס אוממעגלעכע איז געשען.

פּלוצלינג האָט זי זיך ווי אַן אָפּגעבריטע פון דער ערד אויפגעכאַפּט — אָבער עס קען דאָך נישט זיין! — האָבן אירע הייסע ליפּלעך געשעפּטשעט: — ווי האָב איך עס באַלד נישט פאַרשטאַנען? ווי האָב איך עס נישט באַלד געלייענט? עס איז דאָך קלאָר: ראָזנצווייג איז קראַנק! שווער קראַנק, האָפנונגסלאָז! און ער גייט פון מיר אויף אייביק אַוועק. דאָס געזעגנט ער דאָך זיך מיט מיר אין זיינע לעצטע שעהן! און ער שיקט מיר די לעצטע ווערטער זיינע, האַרטע און קאַלטע, עס זאָל מיר נישט אַזוי וויי טון. ער וויל אויף זיך מיין האַס און כּעס אַרויסרופן, צוליב זיין פּלוצלינקן אַוועקגיין פון מיר, כּדי עס זאָל מיר גרינגער זיין איבערצולעבן דאָס אום

גליק. און אין דער צייט ראַנגלט ער זיך אפשר מיטן טויט... און איך בין ווייט פון אים.

זי האָט שוין ווייטער נישט געקענט קלערן.

זי האָט זיך שווער אין שטוב אַריינגעשלעפּט און זיך באַלד אין בעט געלייגט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געפיבערט און נאָר אויפן טאָג גע-בעטן, און ווען די ערשטע שיין פון טאָג איז געפאַלן, האָט זי זיך שטיל פון שטוב ארויסגעשאַרט און מיטן וועג צו דער באַן אַוועק.

X.

שרהלע האָט די לעצטע צייט נישט שלעכט פאַרבראַנגט. די ערשטע צייט, באַלד ווי ראַזנצווייג איז קראַנק געוואָרן, איז איר זייער שלעכט געווען. גאַנצע אָוונטן איז זי אויף דער אָטאָמאַנע געלעגן און געוויינט. זי האָט באַוויינט די שיינע צייט, ווי מען באַ-וויינט אַ טויטן, ווי אַזעלכס, וואָס קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק. און שפּעטער, ווען אייזנשטאַרק האָט אָפטער גענומען אַרויפקומען, האָט זי זיך מיט אים אויף דער אָטאָמאַנע געזעצט און די לידער, וואָס זי האָט אַלע מאָל צוזאַמען מיט ראַזנצווייגן געזונגען, פאַר אים געזונגען. טרערן האָבן זיך אין איר שטימע געהערט, און עס האָט זיך געבענקט נאָך יענער צייט, וואָס — „פריילעך פלעג איך לויפן איבער צייִנס בערג און טאָל"...

אַ צייט איז דורך, די טרערן האָבן זיך אויסגעלאָזט, און זי איר אין שטוב האָבן זיך צוריקגענומען זאַמלען די פאַרגעסענע פריינט, ביסלעכווייז און איינציקווייז. די נעכט זיינען געוואָרן לענגער און קעלטער, און ווידער האָט זיך חברה אין שרהלעס

וואַרעמער שטוב אַרום דעם פרייליכן טיש פאַרזאַמלט, דאָס אַלטע פּעשל קאָרטן אַרויסגעשלעפּט און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך געווײַלט. שרהלעס שטימע האָט זיך ווײַטער הערכער און נאָך פריילעכער ווי אַלע מאָל געהערט, ווי זי וואָלט נאָך אַ בײַזן טאָן געוואָלט פאַרשרײַען. נאָר דאָך האָט זי אָן ראָזנצווײַגן אינגאַנצן נישט פאַרגעסן. אָפּטמאָל, אין מיטן גרעסטן געלעכטער, האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט. דאָס געלעכטער האָט זיך איבערגעריסן, און אַ זיפץ האָט זיך פון האַרץ אַרויסגעריסן, נאָר באַלד האָט זי דעם זיפץ אויך מיט אַ געלעכטער פאַריאָגט און זיך באַלד מיט פאַרגעסן.

אַ סך מאָל אָבער, ווען דאָס געלעכטער איז אַריבער, ווען אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען, האָט זיך אין איר עפּעס דערוועקט אַלץ איז איר אַצינד מיאוס געהאָרן, און שפּעט אין דער נאַכט איז זי איבערן פּאַפּיר געזעסן און פאַר ראָזנצווײַגן איר האַרץ אויסגעגאָסן.

ווען ראָזנצווײַג איז נאָך אין אָטוואָצק געווען, ווען עס האָט זי אין אַזעלכע מינוטן אַ בענקשאַפט באַהערשט, איז זי צו אים געפאָרן, זיך מיט אים אָנגעזעטיקט. פאַר אים האָט זיך אַזוי גוט גערעדט, און ער האָט אַזוי גוט אַלץ פאַרשטאַנען... און דאַמאָלס איז זי אַ רויקע צוריק אַהיימגעפאָרן, פריש און זאָרגלאָז.

אין דער לעצטער צײַט, זינט ראָזנצווײַג האָט זיך מיט איר געזעגנט און קיין זאַקאָפּאָנע געפאָרן, האָט זיך עפּעס ווי אַ גרעבערע וואַנט צווישן זיי אַוועקגעשטעלט, און ווען עס האָט זיך דערמאַנט אַמאָל, איז עס געווען ווי אַ פונק, וואָס איז טיף אין אַש באַגראָבן.

אָפּטמאָל, ווען זי האָט אים אַ בריוו געשריבן, איז זי לאַנג געזעסן און די געדאַנקען געקליבן וואָס אים צו שרײַבן. נאָר

ווען זי האָט פון אים אַ הייסן, האַרציקן בריוו געקריגן, האָט זיך אין איר עפּעס אויף אַ ווײַלע דערוועקט, און באַלד איז עס צוריק צעגאַנגען.

חנהלע איז באַ איר די גאַנצע צייט, זינט ראָזנצווייג איז אַוועקגעפאָרן, נישט געווען, און זי האָט עס ווי נישט באַמערקט. און אַזוי איז דער גאַנצער ווינטער, כמעט אומבאַמערקט פאַר איר, אַוועק.

אין אַ געווויסן טאָג איז שׂרהלע אין טויער פון איר וווינונג אַרײַן, און דער פּאָסט-טרעגער האָט איר אַ בריוו איבערגעגעבן. זי האָט אים באַלד אויפגעריסן און אויף די שטיגן איבערגעלייענט. ראָזנצווייג האָט איר געשריבן:

געערטע פרוי וואַסערמאַן!

איך בין געניט אייער שטוב פון מיין האַרץ אויף איי-ביק אַרויסצורייסן. איך פאָר אויף שטענדיק פון דאַנען אָפּ. איך האָב אייך מער נישט וואָס צו שרייבן. פאַרבלייבט געזונט און גליקלעך.

אייער איבערגעגעבענער פריינט ראָזנצווייג.
הערצלעכע גריסן פאַר די קינדער.

שׂרהלע האָט נישט געקענט פאַרשטיין מיטאַמאָל, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלייענט. זי איז אין שטוב אַרײַן, פון זיך דעם הוט און פאַלטאָ אַראָפּגעוואָרפן און נאָכאַמאָל דאָס בריוועלע איבערגע-קוקט — און אַלץ איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן. ער פאָרט אויף שטענדיק אָפּ, נאָר דאָס איז נישט וויכטיק. אָט וואָס עס איז וויכטיק: „ער רייסט זיך איר שטוב מיט גוואַלט פון האַרץ אַרויס".
און אינסטיקטיוו, מיט איר ספּעציעלן פרויען-חוש, האָט זי זיך דער-מאָנט אָן דעם שלאַנקן שיינעם מיידל, וואָס איז דאָס לעצטע מאָל

בײַ אים אין אָטװאָצק געװען, װי זי איז פֿון אים איין מינוט נישט אָפּגעטרעטן און פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. און שפּעטער האָט איר ראָזנצװײַג געשריבן װעגן איר קומען קיין זאַקאָפּאַנע. נאָך דאַמאָלס איז עס איר נישט געפֿעלן, און זי איז דעם מיידל קיין גוטער פֿרײַנט נישט געװען. נאָר זי האָט עס פֿאַרגעסן און זיך נישט געמאַכט דערפֿון. און אַצינד איז עס איר מיטאַמאָל קלאָר געװאָרן... זיכער װי דער טאָג! נאָר װי אַזוי איז עס פֿאָרגעקומען? האָט דאָס זיך נאָך פֿון פֿריִער געשפּינען? און ראָזנצװײַגן איז דאַמאָלס באַלד פֿון אָטװאָצק מיט דעם גאַנצן פּלאַן אָפּגעפֿאָרן, אַז זי דאַרף, זאָל נאָכדעם אונטערקומען? אָדער, האָט ער פֿריִער דערפֿון קיין אַנונג נישט געהאַט, און זי איז אים דאָרט אַהין נאָכגעלאָפֿן? אַלנפֿאַלס איז עס איר, דאָראַס, שולד. זי נעמט עס אים פֿון איר אַװעק.

אין שרהלעס האַרץ האָט זיך אַ שטורעם אויפֿגעהויבן. נישט חנהלעס קושיהדע איז עס געװען, נאָר איר אייגענע, פֿון איר הויז האָט זי אים אַװעקגעריסן. דאָס אָפּגעשטאָרבענע האָט דערװאַכט. ביז אַצינד האָט זי די צײַט, װאָס זי האָט מיט ראָזנצװײַגן אַמאָל פֿאַרבראַכט, געהאַלטן פֿאַר אַזאַ זאַך, װאָס איז אַמאָל געשען און װעט שוין נישט מער צוריקקערן. בלויז אַ זיסע ערינערונג איז בײַ איר געבליבן, אַן ערינערונג, װעגן װעלכער עס האָט זיך אין בענקלעכע מינוטן געקלערט און דערמאַנט. און דאָ מיט איינמאָל איז פֿאַר איר ראָזנצװײַג אַ זאַך פֿון געגנװאַרט געװאָרן, אַ זאַך, װאָס איז און װאָס מען האַלט באַם פֿאַרלירן. עפּעס טײַערס, װעלכעס מען װיל צורײַבן. ראָזנצװײַג איז אויף אייביק צוגענומען פֿון איר הויז.

בײַלטשעלע איז פֿון שולע געקומען, איז אַ פֿריילעכע צו דער מוטער צוגעלאָפֿן און אין דער האַנט זי געקושט. זי האָט די ביכער אויפֿן טיש געװאָרפֿן און שנעל זיך אויסגעטון.

— מאמעניו — עסן, עס הונגערט אזוי! — האָט זי זיך נעקרומט.

שרהלע האָט איר אַ האַנט אויפן קעפּל געלייגט: זעסט, ביילטשעלע — האָט זי איר דעם בריוו געוויזן — פון ראָזנצווייגן אַ בריוו.

ביילטשעלע האָט פרײדיק אויסגעשריגן:

פון גרובאַסעקל? וואָס שרייבט ער? ווען קומט ער שוין, דער גרובאַסעק? — נאָר זי האָט באַלד דער מוטערס טרויער באַמערקט און זיך צו דער מוטער געלאַשטשעט:

— וואָס, מאַמעניו, וואָס שרייבט ער?

— וואָס ער שרייבט? — האָט שרהלע דעם קינדס וואָרטער איבערגעזאָגט — ער פאָרט אַוועק, ראָזנצווייג.

— ווו שוין ווידער? — האָט זיך דאָס קינד געוווּנדערט.

שרהלע האָט דאָס קינד אויף דער שויס גענומען און, ווי אַ סוד, אַ מעשה עס דערציילט:

— שוין, ביילטשעלע, ראָזנצווייג פאָרט פון אונדז אויף שטענ־דיק אַוועק, ערגעץ ווייט, כ'ווייס נישט וואוהין, נאָר מיר וועלן אים שוין קיינמאָל מער נישט זען. און אויך שרייבן וועט ער אונדז שוין נישט מער...

ביילטשעלעס פּנימל האָט זיך מיט טרויער פאַרצויגן. זי האָט אויף דער מוטער אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן אָנגעשטעלט, און דאָס אונטערשטע ליפּעלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

— פאַרוואָס עפּעס, מאַמעניו, פאָרט ער שוין אַוועק? — האָט זי זיך געוווּנדערט — און פאַרוואָס וועלן מיר אים שוין נישט זען מער? פאַרוואָס וועט ער שוין נישט קענען צו אונדז קומען?

שרהלע האָט איר ערקלערט:

— ער קען קומען, נאָר ער וויל נישט, און ער פאַרט טאַקע אומישנע פון אונדז אַוועק.

ביילטשעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עפּעס אומישנע? ווער האָט אים דען באַליידיקט?

— קיינער האָט אים נישט באַליידיקט, — האָט איר אַלץ די מוטער פאַרטייטשט — נאָר אַ שלעכט מיידל רעדט אים אָן דערצו, ער זאָל אונדז פאַרלאָזן.

דאָס קינד האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מיט רחמנות געפרעגט:

— און חנהלע? וועט זי צו ראָזנצווייגן אַהינפאָרן?..

לעאָנעק איז מיט אַ גוואַלט אַרײַנגעפאַלן:

— עסן, מאַמושקע, עסן! — אַ מעטש! איך מוז גיין אויפן מעטש! דער מכבי גייט אַ מעטש מיט די יענקעס! שנעלער, מושקעלע!

פלוצלינג האָט ער אין דער מוטערס אויגן טרערן דערזען און מיטאַמאָל ווי פאַרשטיינערט געבליבן:

— וואָס וויינט עפּעס די מאַמעניו? — האָט ער טרויעריק ביילטשעלען געפרעגט.

ביילטשעלע איז פון דער מוטערס שויס אַראָפּ און האָט דאָס ברודערל אָן אַ זייט אָפּגעפירט, און שטיל זיך געסודעט:

— ראָזנצווייג שרייבט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל צו אונדז נישט מער אַרויפקומען.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט זיך לעאָנעק געחידושט.

— ער פאָרט אַהעק ערגעץ ווייט, וווּ מען וועט נישט קע-נען צו אים צוקומען! — האָט אים ביילטשעלע געגעבן צו פאַרשטיין.

לעאָנעקס אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן פינקלען.

— אוי איז דאָס אַ פּיטערעק! — האָט ער אויסגעשריגן — לאָז ער מיך אויך מיטנעמען!..

XI.

ווען חנהלע איז אין שרהלעס שטוב אַריין, האָט זי קיינעם, אויסער ביילטשעלען, נישט געטראָפן. ביילטשעלע איז אויף איר אָרויפגעפאַלן און מיט קושן איר פּנים באַדעקט.

— חנהלע קרוין! — האָט ביילטשעלע אַרום חנהלעס האַלדז זיך געוויקלט — איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן.

חנהלע האָט זיך אַ מידע און צעבראָכענע גענומען אויסטאָן, און ביילטשעלע האָט זי מיט פייכטע אויגן באַטראַכט.

— קום אַריין, קום! — האָט זי ביילטשעלע באַ אַ האַנט אין צווייטן צימער געשלעפּט, זי אויף דער אָטאָמאַנע געזעצט און שטיל די ווערטער געצויגן, מאַכנדיק מיט די הענטלעך:

— די מאַמעניו האָט פון ראַזנצווייגן אַ בריוו געקריגן. ער וועט שוין קיינמאָל מער צו אונדז נישט אַראָפּקומען, ער פאַרט ווייט, ווייט אַוועק, און די מאַמעניו וויינט אַ גאַנצן טאָג, און זי רעדט נאָר פון דיר...

חנהלע האָט זי וועגן דעם גאָרנישט געפרעגט מער און נישט געפרוווט עפּעס מער געוויר ווערן. די זאַך איז באַ איר געווען קלאָר און אָפּגעשטימט. זי האָט ביילטשעלען אַרומגענומען און שטיל-שווייגנדיק געבליבן זיצן.

שרהלע האָט זיך פון אָרט נישט געקענט רירן און קיין אויג פון בילד נישט געקענט אָפּרייסן.

ביילטשעלעס הענטעלעך זייגען אַרום חנהלעס האַלדז געווען פאַרוויקלט, און חנהלע האָט איר קאָפּ אויף ביילטשעלעס אַקסע־לע געלייגט, אוןביידע האָבן געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט.

חנהלעס געזיכט איז געווען בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט, און די ליפּעלעך טרוקן און שטאַרק רויט. אויף די דינע הייטלעך, וואָס האָבן די שלאָפנדיקע אויגן צוגעדעקט, האָבן זיך בלויע, דינע אָדערלעך געשלענגלט, און אַ וועלט מיט פּיין האָט פון אונטער די הייטלעך אָפּגעשיינט.

אַ טיף רחמנות האָט זי אויף חנהלען אָנגעכאַפּט. זי האָט זיך דערמאַנט אָן דער מינוט, ווען זי האָט חנהלען פון ראָזנצווייגס קראַנקהייט דערציילט. דאַמאָלס, ווען זי איז צו חנהלען געפאָרן. ווי זי האָט זיך דאַן אָנגעטון און איר דינע טאַליע אַרומגעצויגן, און די הענטעלעך אין די אַרבל פאַרשטעקט. שוין אַ האַלב יאָר באַלד פאַרביי, און עס האָט אויסגעזען ווי דאָס גאַנצע האַלבע יאָר וואָלט דאָס קינד געוואַנדערט אַזוי, מיט די הענטלעך אין די אַרבל פאַר־שטעקט, און ענדלעך פון מידקייט און פּיין אַצינד איינגעשלאָפן.

שרהלע האָט זיך לאַנגזאַם לעבן חנהלען געזעצט און לייכט איר אַקסל באַרירט. חנהלע האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט, ברייט די אויגן געעפנט, ווי זי וואָלט נאָך אַ שרעקלעכן חלום ערוואַכט, און אויף שרהלעס ברוסט דעם קאָפּ איינגעגראָבן. אַ קוואַל מיט טרערן האָט איר פון די אויגן אַ זעץ געטון און שרהלעס קלייד דורכגענעצט.

— מומעשי קרוין, עס איז מיר אַזוי ביטער! אַזוי שלעכט! האָט זי געכליפּעט, און איר גאַנץ קערפּערל האָט זיך ווי אַ ציטעריק הינדעלע געוואָרפן.

פּלוצלינג האָט זי זיך האַסטיק אויפגעהויבן, די אויגן זייס־געווישט און פעסט געזאָגט:

— איך פאַר צו אים! איך מוז אים נאָך זען!

און זי האָט זיך גענומען אַרומוואַשן און זיך אין אָרדנונג ברענגען.

— איך פאָר שוין, מומעשי! עס וועט מיך גאָרנישט אָפּהאַלטן, איך מוז מיך מיט אים זען! — שרהלע האָט זי נישט אָפּגעּרעדט, זי האָט חנהלען געקענט, אַז ווען זי זאָגט עפּעס, וועט זי שוין קיין שום זאַך אין דער וועלט פון דעם נישט אָפּהאַלטן עס אויסצופירן; און זי האָט איר נאָך געהאָלפן זיך גרייט מאַכן. צום ערשט האָט זי איר געפרוווט איינרעדן.

— אפשר וועסטו דיך אַ ביסל אויסרוען פריער, חנהלע? דו זעסט דאָך אַזוי שרעקלעך אויס, און ביזט אַזוי מיד, און די וועסט דיך מוזן אַ גאַנצן מעת-לעת שלעפּן! — אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: חנהלע האָט נישט געוואָלט פון גאָרנישט הערן.

— עס וועט מיר גאָרנישט זיין, מומעשי! — האָט זי נאָר אַלץ איבערגעחזרט און זיך פיבערהאַפט געגרייט.

— זאָלסט אים נאָר דאָרט נאָך טרעפן — האָט שרהלע געצווייפלט.

חנהלע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אין האַרץ איז באַך ענגער געוואָרן, און די הענטלעך האָבן זיך שנעלער באַוועגט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט עס שוין ווירקלעך צו שפּעט זיין...

חנהלע האָט זיך אין ווינקל לעבן פענסטער פון וואַגאָן פאַרוקט. עס איז געווען פינסטער, און אַלץ איז געשמאַק, אין זיך געהילט, געשלאָפן. חנהלע האָט נישט געקענט שלאָפן. די אויגן האָבן

איר פון די פאַרגאָסענע טרערן געברענט. און אין האַלדז האָט איר געט־וקנט.

שוין צוויי טאָג, ווי זי האָט, אויסער אַ ביסל וואַסער, אין מויל נישט געהאַט, און דאָך האָט זי קיין הונגער נישט געפילט. אינעווייניק איז איר ליידיק געווען, ווי עס וואָלט דאָרט הויל געווען. זי האָט זיך געפילט שוואַך און דעם קאָפּ גלייך נישט געקענט האַלטן. אָט, אָט גייען איר די כּוחות אויס! און זי האָט שווער די שמאָלע, דינע הענטלעך אַראָפּגעלאָזט.

די שעהן האָבן זיך שווער און אומענדלעך געצויגן, ווי עס וואָלט אַן אייביקע נאַכט געווען. איין באַגער האָט זי געהאַט — זי זאָל שוין לעבן דערזען, דאַמאָלס וועט איר שוין גוט זיין.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער ליגט דאָרט אין אַ קליין הייזעלע, אַן איינזאַמער, אַן עלנטער, און טרוקנט פאַר היץ און בענקשאַפט. די לעצטע שעהן אפשר זיינע!.. און ווי ער וועט זי דערזען, וועלן זיינע אויגן אויפבליצן, און זי וועט אים די ליפּן די פאַרברענטע קילן, און איר נשמה, איר לעבן אין אים אַריינהויכן. זי וועט מיט ליבע זיין קראַנק האַרץ היילן און אים געזונט מאַכן... אָבער דערווייל ציט זיך די נאַכט אומדערבאַרמלעך לאַנג און עס קען נאָך אפשר צו שפּעט זיין...

דער צוג האָט זיך געשטעלט — קראָקע! און מענטשן איילן זיך צום בופעט דעם האַלדז זיך באַנעצן, אָדער דעם הונגער שטילן. נאָר חנהלע האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער צוג זאָל פון איר נישט אַנטלויפן, אָדער זי זאָל מיט איר אויסשטייגן דעם צוג נישט לענגער פאַרהאַלטן. זי האָט גאָרנישט באַדאַרפט. — שנעלער, שנעלער! — האָט איר דאָס האַרץ געוויינט — עס קען נאָך צו שפּעט זיין...

עס איז שוין גרויסער טאָג. דער צוג שלענגלט זיך צווישן די שטיינערנע בערג. גרינע, געלע, צעשפּאָלטענע שטיינערנע ווענט ציִען זיך פאַרביי. פון די שפּאַלטן שטאַרן קרומע דינעביימלעך אַרויס. און דער צוג דראַפּעט זיך שווער און גליטשיק.

חנהלע ציילט אומגעדולדיק די שעה:

— נאָך צוויי שעה, נאָך אַ שעה. פון דערווייטנס זען זיך שוין די ווייסע פאַרשנייעטע שפּיצן, באַשאָטן מיט גאָלדענע זונען-שטראַלן. נאָך עטלעכע קליינע סטאַציעס דורכצופאָרן — זאָגט מען איר, און זי פילט זיך מיטאַמאָל שטאַרק און לייכט. עס ווילט זיך איר פון צוג אין מיטן פאָרן אַרויסשפּרינגען און דאָס שטיקל וועגס צופיס שנעלער צולויפן.

דער צוג האָט זיך געשטעלט — זאַקאָפּאַנע! און חנהלע איז לייכט און שנעל דורכן וואָקזאַל דורכגעלאָפן און אויף דער גאַס אַרויס. זי האָט דעם געדראַנג פון מענטשן נישט באַמערקט, די ריינע שטאַרקע לופט נישט געפילט. אַ גוראַל האָט זי צו זיין פיאַקער צו-געפירט, און זי איז שנעל איינגעשטיגן.

— שנעלער! — האָט זי זיך באַם גוראַל געבעטן. און דאָס שטאַרקע יונגע פערד איז געלאָפן באַרג-אַפּ געלאָפן.

דער וועג האָט זיך אַ הערלעכער געצויגן. קליינע טייכלעך, געיאָגט פון די הייסע זונען-שטראַלן, האָבן איבער די גאַסן געפּליס-טערט, זוכנדיק איבער קליינע געדרייטע וועגעלעך אַן אָרט, און מיט אַ גערויש אין „פּאָטאָק" אַריינגעפאַלן. דער פּאָטאָק האָט, שוימענדיק זיך מיט רגזה, אָן די שטיינערנע ווענט אָנגעקלאַפּט, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט איינבייגן און די גאַסן פאַרפלייצן, און איז מיט אַ געשריי, צעשיטנדיק זיך, אין זיך אַליין צוריק אַריינגעפאַלן. נאָר חנהלע האָט דאָס אַלץ נישט געזען, פאַר אירע אויגן איז נאָך אַלץ יענץ בילד געשטאַנען — דאָס קראַנקן-בעט, אין וועלכן ראָזנצווייג ליגט מיט פאַרברענטע ליפּן אַ פאַרשמאַכטער.

דאָראַס ברודער איז געקומען. און דער טאָג איז בא דאָראַן מיט איר מוטער אַ יום־טוב געווען. דאָס מיטאָג איז אין ראָזנצווייגס צימער געגרייט געוואָרן און איז זייער פריילעך און רושיק אַוועק. מער ווי געוויינטלעך האָט זיך דאָראַ פריילעך און אויפגעלייגט געפילט. איר איז ווייניק אָנגעגאַנגען ראָזנצווייגס אָפענער אומעט און דערשלאָגנקייט. זי איז יעדע ווײַלע צוגעגאַנגען צו אים און אים אין אויער עפּעס איינגערוימט. ראָזנצווייג האָט יעדעס מאָל מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט און זיינע ליפּן האָבן זיך ווי אויף אַ שמייכל געקרומט.

נאָכן עסן איז די מוטער מיטן ברודער אין גאַס אַ ביסל שפּאַצירן געגאַנגען, און ראָזנצווייג מיט דאָראַן זיינען געבליבן אין צימער. דאָראַ האָט זיך געפילט מיד און זיך אויפן בעט געלייגט. ראָזנצווייג האָט זיך אויף דער סאָפקע קעגניבער איר אָנגעלענט. די טיר האָט זיך געעפנט און חנהלע איז אַ צעמישטע געבליבן שטיין. זי האָט אַ בליק אויף די אָנגעוואָרפענע פּעקלעך און טשעמאָדאַנעס געוואָרפן, נאָכדעם אויפן בעט, ווו דאָראַ איז געלעגן, און אַצינד אויף ראָזנצווייגן — און דאָס האַרץ האָט זיך בא איר אָפּגעשטעלט.

ראָזנצווייג האָט זי באַמערקט און זיך פון אָרט נישט געקענט רירן. אַ צעמישטער האָט ער אַ מינוט לאַנג אויף דער פאַרשטיינערטער חנהלען געקוקט, נאָכדעם אויף דאָראַן אַ בליק געוואָרפן, און ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך מיטאַמאָל

אויפגעהויבן און אַ שטול צו דער טיר פֿאַר חנהלען צוגעטראָגן.

חנהלע איז רויק געבליבן שטיין, אין איין סעקונדע האָט זי אַלץ פֿאַרשטאַנען... זי האָט זיך געוואָלט אַ ריס טון צוריק און אַרויס... אַנטלויפֿן, נאָר איר בליק איז אויף דעם צעמישטן, אומבאַהאָלפֿענעם ראָזנצווייגן געפֿאַלן, און די פֿיס האָבן זיך איר ווי אונטערגעהאַקט. זי האָט זיך שווער אויף דער שטול לעבן דער טיר אַראָפּגעלאָזט און מיטן טיכעלע דאָס פּנים, דעם שטערן געווישט. ראָזנצווייג איז אַלץ פֿאַר איר אָן אַ וואָרט געשטאַנען. חנהלע האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אויף אים דרייסט געקוקט.

— אפֿשר האָט איר צייט אַ פּאָר מינוט פֿאַר מיר, פּאַניע ראָזנצווייג? — האָט זי מיט אַ שמייכעלע געפֿרעגט. ראָזנצווייג איז איר אָן ווערטער נאָכגעגאַנגען.

אויף דער גאַס האָט זי ערשט די גאַנצע שרעקלעכקייט פֿון אמת באַגריפֿן — זי איז געווען גענאַרט! אין אַ שרעקלעכן טעות געלעבט! זי האָט זיך עס אַליין איינגערעדט און אָפּגענאַרט! ראָזנצווייג איז געזונט און ער גייט טאַקע פֿון איר אויף אייביק אַוועק, ווי ער האָט איר געשריבן. איז עס מעגלעך? קען עס זיין? נאָר דאָ גייט ער דאָך לעבן איר זייט, קאַלט און פֿרעמד, ווי אַ שטיין... זי האָט אויף אים מיט שרעק געקוקט, — ווי אַזוי איז עס געשען? מיט איין מאָל! און פֿאַרוואָס? איז דאָס דער זעלבער ראָזנצווייג? דער זעלבער מיטן וואַרעמען בליקלעכן שמייכעלע אין איר געגנוואַרט? דער, וואָס האָט איר ביז דער לעצטער צייט אַזעלכע הייסע, האַרציקע בריוו געשריבן? וואָס איז עס אַזאַ ענדערונג אין זיין האַרץ פֿאָרגעקומען? אָדער איז עס באַלד געווען פֿאַלש? פֿאַלש פֿון דער ערשטער מינוט! זי האָט אַ שרעקלעכע ביטערניש אין מויל דערפֿילט, און זי האָט געבעטן:

— עס ווילט זיך מיר אַזוי טרינקען!

נאָר ראָזנצווייג איז ווייטער שטילשווייגנדיק געגאַנגען.

חנהלע האָט געפילט ווי די פיס טראָגן זי נישט, אָט פאַלט זי אין בלאָטע, די קני בויגן זיך.

— איך בין אַזוי שרעקלעך מיד— האָט זי ווייטער געשעפּטשעט — איז נישטאָ וווּ זיך אָפּצורוען? ראָזנצווייג האָט נישט געהערט. . .

— וואָס דענקט דער מענטש? — האָט זי נישט פאַרשטאַנען— איז ער טאַקע אַזוי שרעקלעך צו מיר? זי איז דורשטיק און טויט מיד, און עס גייט אים נישט אָן? זי האָט זיך צו אַ הייזל צוגעשלעפּט און בײַ אַ גוראַל אַ ביסל וואַסער געבעטן, און דאַמאָלס זיך אויף אַ באַנק פאַרן הייזל געזעצט. ראָזנצווייג האָט זיך לעבן איר אַראָפּגעלאָזט. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען אַראָפּגעהאָנגען, און ער איז ווי אַ מת פאַר איר געזעסן.

— פאַרוואָס רעדט איר גאָרנישט? — האָט אים חנהלע געמינטערט.

ראָזנצווייג האָט אויף איר אַ פּאָר גרויסע גאָרנישט זאָגנדיקע אויגן אָנגעשטעלט, און זײַנע ליפּן האָבן ווי אָן אַ געדאַנק געשעפּטשעט:

— וואָס זאָל איך רעדן..?

— האָט איר נישט קיין וואָרט פאַר אײַער קלײנער ליבער חנהלע? — האָט זי שטיל ווייטער געפרעגט.

ראָזנצווייג האָט דעם קאָפּ טיפער אַראָפּגעלאָזט: זײַן ליבע קלײנע חנהלע? ער האָט עס גאָרנישט געפילט... זײַן האַרץ איז געווען געטייט, קאַלט... ער האָט עקשנותדיק געשוויגן...

חנהלע האָט אויף אים געקוקט, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דער מינוט שטאַרבט ער פאַר איר אָפּ. ער איז קראַנק, און ער גייט פאַר אירע אויגן אויס, און זי זיצט אומבאַהאָלפן און שווײַגט. ער איז קראַנק, טויט קראַנק, און זי קען גאָר-

נישט העלפן... זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו אים, זיך צו אים געטוליעט, איר שמאָל הענטל אונטער זיין אָרעם פאַרשטעקט און דאָס קליינע קעפל אויף זיין אַקסל געלייגט.

ראָזנצווייג איז אומבאַוועגלעך געזעסן, קיין ריד מיט קיין מוסקול, קיין ציטער פון קיין נערוו... איר הייסער שטערן האָט זיין אַקסל געברייט, אָבער די וואַרעמקייט איז פרעמד געווען און זיין לייב נישט דורכגעדרונגען.

חנהלע האָט אַ מוראדיקע ווייטאָק אין האַרץ געפילט. די גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר זיינען פאַר איר אַצינד פאַרביי — פון דער ערשטער מינוט, ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל אין יענעם ווינטער-אָוונט בײַ שרהלען דערזען, ביז דעם לעצטן מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע, געזעגנט. יענע וואַרעמע, היימלעכע אָוונטן, וואָס ער האָט בײַ שרהלען אין שטוב פאַרבראַכט, ווו זי האָט אַלע זיינע באַוועגונגען נאָכגעפאָלגט, ווו זי האָט זיך אין זיין זיסער שטימע איינגעהערט און זיינע וואַרעמע, ליכטיקע בליקן אין זיך איינגעזאַפּט, און נאָכדעם יענע זיסע זומער-אָוונטן, ווען ער איז צו זיי אין שטעטל אַראָפּגעקומען, דעם זומער, וואָס שרהלע איז אויף זומער-וווינונג געווען. און דאַמאָלס, יענע שרעקלעכע נעכט און טעג, ווען ער איז אַ האַלב-טויטער אין בעט געלעגן, די מינוטן ווען זי איז אין הויז קעגנאיבער זיין פענסטער אַ וויינענדיקע געשטאַנען און הייסע תּפילות פאַר אים אין הימל געשיקט. און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט אין אָטוואָצק פאַרבראַכט — איין באַגער האָט זי נאָר געהאַט: ער זאָל געזונט ווערן, און דאַמאָלס וועט דאָך אַלץ גוט זיין. וואָס וועט איר פעלן דאַמאָלס? — ער איז פאַר איר אַלץ, אַלץ: אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ געליבטער. אַזוי האָט איר די מומע שרהלע געזאָגט, און אויך זי אַליין האָט עס געוווּסט און געפילט... און אַצינד זיצט ער לעבן איר פרעמד

און קאַלט, ווי אייז. וואָס איז ער איר? צו וועמען איז זי געקומען? און וואָס טוט זי לעבן אים? וואָס האָט זי זיך אַזוי אַרום זיין אָרעם פאַרוויקלט און זיך צו זיין ברוסט צוגעטוליעט? וויפל וואָלט ער, ראָזנצווייג, אַמאָל אַוועקגעגעבן, אַז זי, חנהלע, זאָל אים אונטערן אָרעם נעמען און איר קאָפּ אויף זיין ברוסט לעגען?.. ער האָט עס איר אומצעליקע מאָל שוין געשריבן:

— איך וויל נישט מער ווי נאָר מיין אָנגעווייטיקטן קאָפּ אין דיין שויס לייגן און אַזוי טרוימען אייביק און אייביק, מער נישט! מער וויל איך נישט!..

און זי נעמט זיין קאָפּ אין איר שויס און דריקט אים צו זיך, און ער זיצט אַלץ קאַלט און אָן זינען. ער לאָזט זי אַלץ טון מיט זיך, ווי עס וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען ווער עס טוט עס. און זי האַלט אים אַלץ פעסט אַרומגענומען, ווייל לאָזט זי אָפּ, גייט ער שוין אויף אייביק אַוועק פון איר. זי האַלט איר גאַנצע האָפנונג און גליק, וואָס זי האָט זיך דורך אַנדערטהאַלבן יאָר געשפינען..

און נאָר אַ מינוט, און עס פאַרשווינדט מיט איינמאָל, און זי בלייבט אַליין און עלנט אויף גאָטס וועלט. צו וועמען וועט זי גיין? און וועמען האָט זי אַצינד? אַלץ איז איר פרעמד און טויט. אונטער אירע פיס איז אַ שרעקלעכער אָפּגרונט, און זי קלאַמערט זיך נאָך מיט די לעצטע קרעפטן אָן עפּעס שוואַכס, און באַלד רייסט זיך עס אָפּ און זי פאַלט אַרונטער...

די נאַכט איז צוגעפאַלן. די זון האָט זיך אונטער די בערג פון דער צווייטער זייט געזעצט, איבערלאָזנדיק אַ ברייטן פייערדיקן פאַס אויפן ראַנד הימל. ביז אין דער העלפט פון די קענגנאיבערדיקע ריזן-בערג האָט זיך אַ שאָטן אויסגעלייגט, די שניי-שפּיצן זיינען אין די גרויע הימלען פאַרקראָכן.

אַ שאַרפּע שטייפע לופט האָט זיך פון די בערג אַראָפּגעלאָזט. חנהלע האָט געפילט, ווי די פיס שטאַרבן איר אָפּ. אין גאַנצן קערפּער איז איר קאַלט געווען, נאָר דער קאָפּ האָט איר געברענט, און זי איז אַליין געזעסן אויף ראָזנצווייגס אַקסל געלענט.

ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרויִקט:

דער טויט איז אומפאַרמיידלעך און מען געוויינט זיך אויך צו אים.

אירע אויגן זיינען אַצינד צו די טאַטרעס געווען געווענדט, און אַ גוואַלטיקער באַגער צום זינגען האָט זי אַרומגענומען. דאָס וועט זיין איר לעצט געזאַנג... זי וועט עס אים זינגען. נישט לאַנג איז, ווי זי האָט עס געהערט, דאָס זיסע ליבע-ליד. און ווען זי האָט עס געהערט, האָט זי זיך געטראַכט, אַז זי וועט עס פאַר אים, פאַר איר געליבטן, אַמאָל זינגען. און זי האָט עס זיך באַלד אויס-געלערנט, אומצעליקע מאָל שוין געזונגען עס, און אַצינד איז די צייט, ווען זי זאָל דאָס פאַר אים זינגען. זי וועט עס זינגען פאַר דעם, וועלכער איז איר טייערער ווי אַלץ אויף דער וועלט, פאַר דעם, וועלכער איז איר אַלץ, אַלץ! און ער גייט פון איר אויף אייביק אַוועק... זי האָט שטיל און ווייך אָנגעהויבן:

טרוימענדע קינדהייט — כ'דערמאָן מיך אַצינדערט —
יאָרן פאַרלאָפן שוין ווייט אָן אַ שיעור.
מעשיות פון צויבער און מעשיות פון וווּנדער
פלעגט שטיל דערציילן מיין באָבעניו מיר.
פון שלאָפנדע מלכות, פאַרצויבערטע פרינצן,
פון ווייט, ווייטע לענדער פאַר טויזנטער מייל.
ווען זי האָט געענדיקט, געוויינט האָב איך ביטער,
געבעטן זיך: באָבע, דערצייל מיר, דערצייל!
דערצייל מיר ביז איך וועל אַ מידער
אין שויס דיינער רויִק איינדרימלען,

ביז איך וועל אַוועקפליִען ווידער
באַצויבערט אין טיף־בלויע הימלען.
פאַרפלעכט אַ געשיכטע פון דו־ות
און ברענג מיר די ריטער — די שטערן;
דערציייל די פאַרצויבערטע מעשיות,
כ׳האָב ליב די לעגענדן ביז טרערן...

חנהלע האָט געזונגען, און איר זיס אויסגעפייניקט שטימעלע האָט אויף די סטרונעס פון ראָזנצווייגס אָפּגעשטאָרבענעם האַרץ געציטערט... דאָס ליד האָט זיך ווייטער געצויגן האַרציק און באַצויבערדיק:

היינט טראָג איך בולט מיין קינדהייט אין זינען.
ווען אַ פאַרטיפטער איך זיץ נאָר אין טראַכטן,
נעמט אויף דאָס ביי די לעגענדע זיך שפינען,
פרילינג־חלומות פון בלומען זיך פלעכטן.
עס בליצט די פאַרגאַנגענהייט אויף פאַר די אויגן,
און ווען נאָר די שטילקייט אַרום זיך פאַרשפרייט,
פאַרזינק איך מיין קאָפּ, אין די ספרים געבויגן,
און שעפּ דאָרט די אַלטע לעגענדע מיט פרייד.
איך לעז ביז די אויגן זיך קלעבן
צונויף אין אַ דרימל אַ שטילן,
איך טו דאָרט אין טרוימען פאַרשוועבן
אין לענדער, וואָס נעפּלען פאַרהילן.
עס ווערט מיין נשמה פול ליבע
פון יענע פאַרבלענדנדע פאַרבן
אין אָזנטן וויטערדיק־טריבע —
כ׳האָב ליב די לעגענדע ביז שטאַרבן...

ראָזנצווייג האָט ברייט די אויגן געעפנט...

... ער געפינט זיך אַצינד אין יענעם קליינעם טייערן שטע־טעלע אין אַ פאַרנאַכט בײַ דער זשיקע אויפן קלאָץ. לעבן אים זיצט זיין קליינע, זיסע חנהלע. זי האַלדזט אים און טוליעט זיך צו אים, און דאָס האַרץ צעגייט פאַר פרייד... זי זינגט אים אירע זי־סע, האַרציקע לידלעך מיט געפיל און טוי־ריינקייט, און ער האָט מורא זיך צו רירן פון אָרט, מיט קיין שאָרך נישט שטערן דאָס הימלישע געזאַנג... ער ציט אויס אַ האַנט און גלעט זי איבער די סאַמעט־ווייכע געדיכטע האָר... און זיינע ליפן באַוועגן זיך קוים, קוים:

— חנהלע, זיס, קליין חנהלע... זינג ווייטער, ווייטער... נאָך...

און חנהלע האָט אויף אים אירע גרויסע פייכטע אויגן אָנגע־שטעלט, זיך פעסטער אין אים איינגעטוליעט, און זיך געוואַרעמט. און ווייטער געזונגען:

עס טרעפט אויך: מיין טראַכטן ווערט איבערגעריסן
מיר ווען דורך אַ מיידל פול צויבער און שיינקייט.
זי גיט מיר איר חנעוודיק מויל צו באַגריסן
און שעפטשעט מיר ווערטער פון ליבע און טרייקייט.
אַז קיינמאָל פאַרגעסן מיך וועט זי נישט קיינמאָל,
אין צייטן פון נויט און אין צייטן פון גליק,
אַז מיך נאָר וועט ליבן זי אייביק און איינמאָל,
און איך אַ באַרוישטער צום האַרצן זי דריק —
אָ, רעד ווייטער גאָלדענע שיינהייט,
אָ, שפין מיר אַ לעבנס־לעגענדע,
אָ, שווער, אַז דיין ליבע, דיין טרייהייט
וועט קיינמאָל נישט נעמען קיין ענדע.
אַז אייביק וועסטו מיך געדענקען,

און אייביק און שטענדיק מיר טריי זיין,
נאָך מיר וועסטו גאַרן און בענקען —
כ׳האָב ליב די לעגענדע ביז אויסגיין...

דאָס ליד איז געווען געענדיקט. און חנהלע האָט, ליגנדיק אויף ראָזנצווייגס ברוסט, איר פּנים אין די קליינע הענטלעך באַהאַלטן און איר גאַנץ קעפּעלע האָט קאָנוולסיוו זיך געוואָרפן.

ראָזנצווייג האָט דערוואַכט.

דאָס ליד האָט נאָך אין זיינע אויערן געקלונגען. דער געדאַנק איז געוואָרן קלאָרער און ריינער. ער הייבט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען, פון וואַנען ער קומט דאָ אַהער אַצינד אין דער פינסטער, צוואָס חנהלע איז געקומען... און וואָס ער האָט געטון...

איז עס מעגלעך? האָט עס געקענט אויף אַן אמת טאַקע אַזוי געשען? ער האָט געקענט אָן חנהלען פאַרגעסן? אויף אייביק געוואָלט פון איר אַוועק, אָן שום מי זי פון האַרץ אַרויסרייסן; פון איר, פון חנהלען, נאָך וועלכער ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט נישט אויפגעהערט צו בענקען און צו קלערן טאָג און נאַכט פון איר, פון חנהלען, וועלכע איז זיין עמוד אש דורך דער גאַנצער צייט פון זיין קרענק געוואָרן? און פאַר וועמען האָט ער געוואָלט געזונט ווערן? אויף וואָס איז זיין גאַנצע האָפנונג געווען געבויט? און וואָס איז זיין גרעסטער טרוים געווען?.. מיט עטלעכע שטריכן פון אַ פעדער האָט ער דאָס אַלץ געוואָלט אויסמעקן, אויסוואָרצלען! ער גייט פון איר, פון זיין אייגענעם „איך" אויף אייביק אַוועק? דאָרט אַהין, ווו דער וועג פירט צו רייכטום, אַהין צום גאָלדענעם קאַלב?.. און אַצינד איז חנהלע צו אים געקומען, פון יענעם וייטן פאַרוואָרפענעם ווינקעלע! זי האָט אַלץ פאַרלאָזט און איז צו אים געקומען. זי גיט זיך אים אינגאַנצן אַוועק, האָט אַצינד קיינעם נישט, אויסער איר.

זי טוליעט זיך אצינד צו זיין ברוסט און וויינט... דאָס טוט יענע שטאָלצע, קליינע, זיסע, חנהלע!..

ער האָט שוין אצינד אַלץ פאַרשטאַנען...

ער איז געווען גענארט, זי האָט אים די גאַנצע צייט ליב געהאַט, און ער האָט עס נישט געזען און געפילט, און אצינד האָט ער זיין טרוים דערגרייכט! זיין גליק איז דאָ, זיין האָפנונג ווערט פאַרווירקלעכט... אָבער...ווי פרעמד ער פילט זיך לעבן איר אצינד! עס קלעפט זיך אַלץ פון יענער ליבער, קליינער חנהלען... און די וואָס טוליעט זיך אצינד צו אים, איז אים עפּעס פרעמד און קאַלט. ער פילט נאָר אַ מיטלייד, אַ טיף רחמנות צום קליינעם, אייגזאַמען, ליידנדיקן מיידל... אָבער זיין האַרץ איז ווייט און טויט... ער פרוווט זי צום האַרץ צודריקן, און זי טוליעט זיך צו אים, אָבער עס פילט זיך גאָרנישט, ער איז טויט פאַר איר, זיינע געפילן, זיין ליבע צו איר איז טויט, אויסגעלאָשן געוואָרן דורך דער אַנדערטהאַלבן יעריקער פראָסט.

חנהלע האָט זיך אויפגעשטעלט. זי איז געווען מיד און צעבראָכן פון לאַנגן, שווערן וועג און פון די דריי טעג נישט עסן. זי האָט קוים געפישטשעט:

— פאָרט מיט מיר מיט, ראָזנצווייג, לאָזט מיך נישט אַהיים אליין...

ראָזנצווייג האָט זיך וועגן עפּעס פאַרקלערט, און זי האָט זיך אויף זיין אַקסל אָנגעלענט און געבעטן שוואַך:

— קומט מיט מיר, פאַרלאָזט מיך נישט, ראָזנצווייג!

— זי האָט עס גערעדט ווי נישט צו אים, אירע אויגן האָבן ווייט, ווייט געקוקט.

— קומט מיט מיר אַזוי ווי איר זענט אצינד, לאָמיר צוזאַמען קיין ווארשע פאָרן...

— איך קען נישט, חנהלע — האָט ער שטיל געענטפערט. איך קען נישט, איך האָב שוין אַ וואָרט געגעבן...

חנהלע האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, שטאָלץ זיך אויסגע־גלייכט, און אין דער פינסטער האָט זיך דער גלאַנץ פון אירע גרויסע פייכטע אויגן געזען.

— אַ וואָרט האָט איר דאָרט געגעבן, און איר קענט נישט מיט מיר מיט, איר מוזט אייער וואָרט האַלטן? — אָבער ווו איז אייער האַרץ? ווו איז דאָס האַרץ פון די אַנדערטהאַלבן יאָר אַהינגעקו־מען? ווו איז דאָס לאַנגע פייערלעכע וואָרט, וואָס איר האָט מיר דורך אַנדערטהאַלבן יאָר געגעבן? דאָס וואָרט, וואָס האָט מיך ביסלעכ־ווייז דורך אַזאַ לאַנגע צייט פון אַלעם אין דער וועלט אָפּגעריסן און צו אייך צוגעבונדען מיט טויזנטער פעדעם? דאָס וואָרט, וואָס האָט אין מיין האַרץ, אין מיין מוח איינגעוואָרצלט דעם געדאַנק און געפיל, אַז אויסער אייך האָב איך קיינעם נישט אויף דער וועלט, און אַז איר זענט פאַר מיר אַלץ, אַלץ! ווו איז יענץ גרויסע וואָרט? האָט איר שון פאַרגעסן! פאַרגעסן מיט איינמאָל? — ס'איז ליגן!

זי איז אַ ווייַלע שטיל געבליבן, דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט און שטילער, געבראָכענער גענומען רעדן:

— וואָלט איך כאָטש געוווסט, אַז איר גייט אַוועק פון מיר און דאָרט וועט איר גליקלעך זיין, וואָלט איך מיט פרייד פון אייך אַוועק, אייך ווינטשנדיק בלויז גליק... אָבער עס איז דאָך ליגן! איך זע דאָך, איר זענט אומגליקלעך! אייער האַרץ איז דאָך ווייט, ווייט פון יענער, טאָ פאַרוואָס טוט איר עס? איר זענט דאָך אומ־גליקלעך!..

ראָזנצווייג האָט געשוויגן, און חנהלע האָט ווייטער גערעדט

— איר שווייגט, ווייל אַזוי איז עס! איך ווייס נישט פאַר־

וואָס דאָס איז, צוואָס איר טוט עס? אפשר מוזט איר עס שוין?..
און אַנדערש קענט איר שוין נישט האַנדלען... אָבער איך וועל קיין רו נישט האָבן, איך וועל פון מיין געוויסן געפייניקט ווערן, פארוואָס איך האָב איך אַזאַ לאַנגע צייט געלאָזט אַליין... זאָגט מיר, ראָזנצווייג! טוט איר עס, ווייל איר מוזט? ווייל איר זענט שוין אַזוי ווייט אַוועק? זאָגט מיר אַלץ! איך וועל פאַרשטיין, זאָגט!..

בא ראָזנצווייגן אין האַרץ איז אַ קאַמף פאָרגעקומען. ער האָט זיך איינגעהערט אין חנהלעס שוואַך, פישטשענדיק שטימעלע, און אַ גוואַלטיק רחמנות האָט אים אַרומגעכאַפּט.

ער וואָלט אַצינד דאָס קליינע שוואַכע און אויסגעפייניקטע קינד אין זיינע אָרעמס גענומען. ער וואָלט איר אַצינד זיין לעבן אָפּגעגעבן, ער זאָל אירע טרערן נישט זען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט אים אַ שטימע אָפּגעהאַלטן:

— זיי פעסט און אויסגעהאַלטן! האָסט דיך איין מאָל געלאָזט באַהערשן פון אַ שוואַך מיידל, זי האָט דיך געמאַכט אונטערטעניק, און האָסט דיך איר אונטערגעוואָרפן, און אַצינד קומט די צווייטע און וויל אויף דיר ווייטער ווירקן מיט טרערן. האָסט דאָך פאַר איר מער קיין האַרץ, האָסט דאָך עס צו יענער פאַרקויפט... האָסט דיך איין מאָל באַנאַרישט, האָסט געלאָזט טון מיט זיך אָן דיין ווילן, וואָס מען האָט געוואָלט, אָבער דאָרט באַצאָלט מען דיר כאָטש מיט גאָלד, מיט רייכטום... אָבער דאָ, אַצינד... וואָס ווילסטו טון? ווילסט נאָכאַמאָל באַווייזן דאָס זעלבע? אַ צווייט שוואַך מיידל איז געקומען און וויל דיך ווייטער מיט זיך מיטנעמען, אָבער דאָס מאָל אין אָרימקייט, אָן דיין ווילן, אָן דיין האַרץ... זיי אויסגעהאַלטן און פעסט! די טרערן וועלן איבערגיין... און דו טאָרסט נישט פאַר עטלעכע טרערן אַזוי טייער באַצאָלן!..

דער וועג האָט זיי צום וואָקזאַל געפירט.

ראָזנצווייג איז געבליבן האַרט און אַנטשלאָסן:

— איך בלייב דאָ, ווייל דאָ האָב איך מיין גליק געפונען — האָט ער פעסט צו חנהלען גערעדט — און אויב עס איז ווי איר זאָגט, אַז איר וואָלט געוווּסט, אַז איך וועל דאָ גליקלעך זיין, וואָלט איר מיר נאָך גליק געווינטשן — טאַ, ווינטשט מיר! — און פאָרט אַהיים...

חנהלע האָט אויף אים שוין רויִק מיט אירע גרויסע קאַרשן־אויגן געקוקט... — נאָך אַ מינוט — און דער צוג וועט, נאָך אַ מינוט — און זי פאַרלירט אויף אייביק שוין איר האָפנונג, איר גליק... דער אָפּגרונט איז אונטער די פיס און דאָס צווייגל, אָן וועלכן זי האַלט זיך, ברעכט זיך שוין...

זי האָט זיך האַסטיק אַרום זיין האַלדז אָנגעהאָנגען און מיט אירע קליינע ליפּעלעך צו זיינע ליפּן צוגעפאַלן...

ראָזנצווייג איז געבליבן אַ צעמישטער. זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט, און ווען זי איז שוין אין וואַגאָן געווען, האָט ער איר קליין, דין הענטל אָנגעכאַפּט און אַ הייסן, לאַנגן קוש אָפּגעדריקט.

דער צוג האָט פון אָרט גערירט, און ווי ווייט דאָס אויג האָט פאַרנומען, האָט זיך אַלץ געזען דאָס פאָכן פון חנהלעס קליינעם הענטל, אין וועלכן זי האָט אַ קליין הייס טיכעלע געהאַלטן.

ראָזנצווייג איז אַ צעדולטער, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, געשטאַנען און ווייט, ווייט נאָכגעקוקט...

אַ בלויער לויטערער הימל האָט איבער די ווייסע ריזן־בערג געלויכטן. פון צווישן די פעלזען־שפּאַלטן האָט אַ שאַרף קיל ווינטעלע געצויגן. ראָזנצווייג איז באַרג־אויף, באַרג־אָפּ געקראָכן. וווּ־אַהין? צוואָס? אָן אַ פאַרלאַנג און אָן אַ ווילן. עס קלערט זיך גאָרנישט, נאָר אין האַלדז איז ענג, שווער אויפן האַרץ. עס ווילט

זיך וואָס מער לופט אין דער פאַרקלעמטער, פאַרשלאָסענער ברוסט אַריינצוציען.

דאָרט ווייט איבערן פּאַטאָק, אויפן בריקל, שפּאַצירט אַקעגן אַ געטולעט פּאָרל. — דאָס זיינען דאָך צוויי גליקלעכע, ווי־זשע קו־מען זיי דאָ אַהער? ער מיידט זיי אויס, פאַרקירוועט צו דער „אַני־טאָלופקע,“ דאָרט אונטער די שינעס, און קלעטערט אויפן באַרג. דער שניי איז האַרט, עס גייט זיך שווער, די פיס שטייען אָפּ, און עס גלוסט זיך אָוועקזעצן. דאָרט הויך ליגן, אויסגעריסענע פון שטאַרקע ווינטן, אַלטע, גראָבעביימער, און ער קלעטערט שווער אָטעמדיק צו זיי און זעצט זיך אויף אַן איינגעבראָכענעם בוים.

די פולע לבנה האָט זיך קעגניבער געשטעלט, פאַרקרומט דאָס פּנים צום וויינען און נעמט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ...

ערגעץ האָט זיך אַמאָל געלייענט, אַז אין שניי אויף אַ פראָסט טאָר מען זיך נישט אַוועקזעצן, מען קען אַזוי אויף אייביק איינ־שלאָפן. און ער שטעקט טיפער די פיס אין שניי אַריין, מאַכט די אויגן צו — אפשר וועט זיך אַזוי זיס אויף אייביק איינשלאָפן?..

דער קאָפּ ווערט שווער, און ער שטעלט די הענט זיך אונטער.

גוטע זיסע זכרונות קומען צו שוועבן.

עס איז פינסטער, און ער זיצט פאַר אַ קליין מאָנטנעם וואַסערל, אויף אַ לאַנגן קלאָץ, לעבן אים אַ קליין מיידל, אַ קינד נאָך, מיט ווייכע, געדיכטע, לאַנגע האָר, און ער נעמט בגנבה מיט די שפּיצן פינגער אָן די עקן האָר און קושט זיי שטיל און ליידנשאַפטלעך... אויף דער שויס פון קליינעם, פלאַכן וואַסערל קלינגט איר ווייך ציטעריק שטימעלע אָפּ:

— אַמאָל איז געווען אַ יינגל,
האָט ער אַ מיידל געליבט,
עס ליבט אויך דאָס מיידל דאָס יינגל,
זיינען זיי ביידע באַטריבט...

ער הערט זיך איין מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, און איר אײדל קעלעכל גיסט זיך אַזוי שטיל אין האַרץ אַריין:

„דערהערט זי, אַז ער איז געשטאָרבן,
שלייכט זי אַרויס פון דער שטוב,
קומט זי צום קבר צום ליבן,
עפנט זיך פאַר איר דער גרוב".

ער זעט, ווי דאָס קליינע פאַרליבטע מיידל גנבעט זיך פון שטוב אַרויס, און געהילט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, שלייכט זי זיך גלייך צו יענעם בערגל. דאָס בערגל פאַרשווינדט, די ערד פאַרשאַרט זיך, עס ווערט אַ לאָך, אַ גרוב, וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער... דאָס קבר שטייט אָפן, און דאָס מיידל לאָזט זיך דאָרט אַראָפּ, בייגט זיך איין, נעמט אַראָפּ די שטיקלעך שאַרבן פון די אויגן... דאָס פּנים איז געשוואָלן... די ציין שטשערען — שאַרפע און לאַנגע אַרויס און לאַכן ווילד... די אויגן — גלעזערנע — קוקן שטאַר... דאָס מיידל בייגט זיך נאָך טיפער, און דער טויטער ציט לאַנגזאַם אַ האַנט אויס, נעמט די דינע מיידלשע טאַליע אַרום און ציט זי צו זיך... פון טויטנס אָפענעם מויל שלעפּן זיך הייזעריקע, גראָבע טענער:

— מיר איז גוט... גוט מאַמענקע... עס איז מיר לייכט... גוט...

. . . .

ראָזנצווייג האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט, אין אונטערשטן האַלבן שאַרבן איז אים קאַלט געווען און אין די שפּיצן פינגער פון די פיס האָט אים געשטאָכן. ער איז שנעל באַרג־אַראָפּ געלאָפן, און הינטער זיך האָט ער נאָך דאָס געשוואָלענע פּנים מיט די אויסגעשטשערעטע לאַנגע ציין געפילט...

דער קלויסטער־גלאָק האָט טעמפּ מיט געמאָסטענע קלעפּ אויף די בערג אָפּגעשלאָגן, און זיין ווידערקול האָט אַרום אין נעפּל זיך פאַרשפּרייט

— וואָס איז דאָס? פירט מען אַ מת אַצינד אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַרויס?

ער גייט איבערן פעלד דורך דער איבערגעריסענער פאַרצוימונג נעבעטער צום קלויסטער-הויפל צו. דורך די פאַרקראַטעטע קליינע פענסטערלעך רייסט זיך אַ שטיל הייזעריק גלהים-געזאַנג, ענלעך צום באַוויינען אַ טויטן. און עס ציט אַהין דאָרט אין דער פינסטערניש, פון וואַנען עס קומט דאָס אומפאַרשטענדלעכע געהיימניספולע געזאַנג, פון וואַנען דער טויט הויכט מיט זיין אָטעם... און דער קלויסטער-גלאָק שלאָגט אַלץ ווייטער: דאַל! דאַל! דאַל! און עס הערט זיך דייטלעך אין זיין אָפּקלאַנג: „פאַררעטער!.. פאַרמשפטער!.. אומגליקלעכער!..” מיט אימפּעט לאָזט ער זיך צוריק פון הויפל אַרויס, און דער גלאָק קלאַפּט אים אין דער פּלייצע: „אומגליקלעכער!.. פאַררעטער!.. פאַרמשפּטער!..

— וואוהין אַצינד?! קענסטו דיר אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט קיין אָרט נישט געפינען?

די ערד האָט אים די טריט געברענט.

— ווו אַצינד ווייטער? — האָט אים אַ געדאַנק דעם מוח געלעכערט. — צו דאָראַן, צום גאָלדענעם קאַלב? בעסער דער טויט!.. דאָרט צו איר צוריק וועט ער שוין נישט קענען, איר בליק שטעכט אים דורך, איר צוריר בריט דאָס לייב... ווען ער קוקט אויף איר גלייכגילטיק, גאַרנישט זאָגנדיק פּנים, אויף אירע ווייסע הענט מיט די פאַרפּוצטע מאַניקירטע נעגל, דאַכט זיך אים, אַז אין איין געוויסער נאַכט, וועט זי אירע שפּיציקע, שאַרפע נעגל אין זיין שלאָפנדיקן גאָרגל אַריינשטעקן און אים דערהערגן... ניין, אוממעגלעך אין דעם וועג!..

און ווי גליקלעך וואָלט ער אַצינד געווען אין יענעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטעלע, צו זיין דאָרט בײַ דער זשיקע לעבן יענעם

קליינעם, זיסן מיידל מיטן ענערגישן נעזל... ערשט אַ קורצע צייט, ווי ער איז פון אָטוואָצק, פון יענעם גהינום אַנטלאָפן, און דאָ האָט אים ווי אַ גן-עדן אויסגעזען. ער האָט זיך מיט דער פרישער לופט, מיט די הערלעכע בערג און פאַרכישופטע הימלען געקוויקט. די וועלט איז שיין! און די ליפן האָבן זיך דורשטיקע צום טוי גע- בייגט, לעשן דעם ברענענדיקן דורשט, און אין אַ סם האָט זיך דער טוי פאַרוואַנדלט. די לופט שטיקט אים, די בערג שרעקן און די הימלען זיינען שווער דערדריקנדיק.

און וווּ גייט מען אַצינד ווייטער?..

צו חנהלען צוריק?

דאָס האַרץ איז געהרגעט, געטייט... בלויז זיסע ערינערונ- גען פון אַמאָל... קען עס דען נאָך צוריק גוט ווערן? זי איז אַצינד אַזוי ווייט און טויט פאַר אים... אָבער דאָ קען ער נישט בלייבן! די ערד בריט, די לופט, די הימלען דריקן, די בערג שרעקן. — אַהין, דאָרט אין ליבן רוישיקן וואַרשע, נאָנט צו יענעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטעלע, וווּ עס לעבט יענע שטאָלצע, קליינע, ליידנדע חנהלע...

XIII.

חנהלע איז אַ טויט-מידע, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, אין דער מומעס שטוב אַרויפגעקומען. זי האָט גלייך דאָס באַוווסטזיין פאַרלוירן. שרהלע האָט זי אויסגעטון און אין בעט געלייגט. צוויי טעג איז זי אומבאַוועגלעך געלעגן. שרהלע האָט פון איר בעט נישט אָפגעטרעטן. זי האָט געקוקט אויפן קינדערישן אויסגעבלייכטן, פון פיין צעווייטאָקטן פנימל, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט אויך שולד אין איר פיין... זי האָט געברענט שוין צו וויסן עפעס

אַ חאַרט, אָבער חנהלע איז געלעגן, אַ פאַרשמאַכטע, מיט פאַר־טריקנטע ליפּלעך און שטאַרק געפּיבערט. פון צייט־צו־צייט האָט זי דעם קאָפּ אונטערגעהויבן, אירע קליינע דינע הענטלעך באַוועגט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אויסציִען ווּעמען אַרומצונעמען, און אירע קליינע ליפּלעך האָבן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס געשעפּטשעט. אָבער באַלד איז איר קעפּל צוריק מאַטלאָז אויפן קישן געפאַלן, מיט די ליפּלעך אָפן שווער אָטעמענדיק.

שרהלע האָט אַ דאָקטאָר גערופן, וועלכער האָט זי באַרויקט און פאַרזיכערט, אַז עס איז נישטאָ קיין געפאַר. מען דאַרף זי לאָזן אַזוי רויק, ביז זי וועט אַליין קומען צו זיך נאָך דעם שווערן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. נאָר פון צייט־צו־צייט האָט איר שרהלע די ליפּן, דעם שטערן מיט טראָפּן באַנעצט און געוואַרט אויף איר קומען צו זיך.

לעאָנעק איז פון שולע מיט אַ פּאַק ביכער אויף דער פּלייצע מיט אַ שטאַרקן געפּילדער אין שטוב אַריין. די מוטער האָט אים אויף דער שוועל פאַרהאַלטן און זיך געבעטן:

— לעאָנעקל, זיי אַ ביסעלע שטילער, חנהלע איז דאָך נישט געזונט, זי שלאָפט דאָך.

אָבער ער האָט זיך פון דער מוטער אויסגעגליטשט און מיט איין שפּרונג בײַ חנהלעס בעט שוין געשטאַנען, מיט זיין קוויטשע־דיק קול האָט ער אַלץ געהילכט:

— איך הייס דאָך לעאָנעק וואַסערמאַן! בײַ מיר וועט זי שוין געזונט זיין, די נאַרישע אַנקע...

ער האָט חנהלען בײַ אַ האַנט געריסן און איר אין אויער געשריגן:

— נאַ, אַ בריוועלע פון פּיעטרעקן, איך זאָל אַזוי געזונט זיין, אַ בריוועלע פון פּיעטרעקן! ער דרייט זיך אַרום אונטן פאַרן טויער און האָט מורא אַרויפצוגיין

שרהלע איז אַריינגעלאָפן און אים פון חנהלען אָפּגעריסן. לעאָנעק האָט זיך אַלץ נישט געוואָלט שענקען:

— וואָס שלאָפט זי נאָך, דער גאַרול? פּיעטרעק איז דאָך שוין דאָ צוריק.

שרהלע האָט נישט פאַרשטאַנען, און אים אַלץ צו דער טיר געשטופט, בעטנדיק זיך:

— טייער קינד, לעאָנעקל, זיי שטילער אַ ביסל, זעסט דאָך חנהלע איז קראַנק!

אָבער לעאָנעק האָט נישט נאָכגעגעבן:

— אָבער וואָס איז זי קראַנק, אַז זי האָט צוריק איר פּיעט-יעקן — און האָט דאָס בריוועלע דער מוטער אין האַנט גע-שטופּט — אדרבא, זאָל די מאַמעניו לייענען, אויב די מאַמעניו גלייבט מיר נישט!

— שרהלע האָט אַ פאַרוואונדערטע, דאָס בריוועלע גענומען צון גלייענט:

חנהלע!

איך דריי מיך שוין עטלעכע שעה פאַר דיין טויער און איך קען נישט אַרויפגיין. אויב דיין האַרץ איז נאָך נישט פול מיט האַס צו מיר, קום אַראָפּ צו מיר. איך וועל וואַרטן פאַרן ערשטן טויער פון די לאַזשענקעס זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט.

ראָזנצווייג.

פּ. ס. אויב איז עס אוממעגלעך אויף היינט, וואַרט איך מאָרגן אין דער זעלבער צייט אויפן זעלבן אָרט.

שרהלע האָט, איבערלייענענדיק דאָס בריוועלע, איין מאָמענט נעקלערט אַראָפּלויפן אונטן, אפשר וואַרט ער נאָך. זי האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט . זי וועט אויף חנהלען ביז מאָרגן וואַרטן.

די נאַכט איז די קראַנקע שוין רויִק געשלאָפֿן, און אינדערפֿרי האָט זי שוואַך די אויגן געעפֿנט, זיך אומגעקוקט, ווי זי וואָלט וועלן וויסן, ווו זי געפֿינט זיך. קעגניבער אין בעט איז שׂרהלע נאָך צוויי נעכט וואַך זײַן געשלאָפֿן.

חנהלע האָט זיך געמאַטערט צו דערמאַנען פֿון וואַנען זי קומט דאָ אַהער? וואָס עס איז געשען? זי האָט מיט קײַן אבר נישט געקענט רירן און אין קאָפּ האָט געמישט. ביסלעכווײַז האָבן די געדאַנקען צוריקגעקערט.

זי איז שוין טאַקע דאָ צוריק פֿון זאַקאָפּאַנע, ווו זי האָט איר האַרץ, איר האָפֿנונג און גליק געלאָזט... אָבער דאָס האָט זי נישט געוואָרט: איר איז שוין אַלץ אײנס, איר יונג לעבן איז שוין סײ־ווי־סײ גאָרנישט ווערט. אויף דער וועלט איז אַצינד פֿאַר איר מער גאָרנישט דאָ! איר גליק איז באַגראָבן, טויט... פֿאַרפֿאַלן... אָבער ער דאָרט, ראָזנצווייג, איז דאָך אומגליקלעך!.. זי האָט דאָך עס בעזען... און געפֿילט... ער האָט איר געזאָגט, אַז ער גייט פֿון איר אַוועק, ווײַל ער האָט דאָרט זײַן גליק געפֿונען, אָבער עס איז דאָך ליגנט, ליגנט! ער איז דאָך אומגליקלעך! ער גייט אַוועק, ווײַל ער מוז!.. ער קען אַנדערש נישט האַנדלען, שוין צו ווײַט דערגאַנגען אפֿשר... אָבער ער וועט אומגליקלעך זײַן...

און עס האָט זי געפּײַניקט:

זי איז בײַ אים געווען און נישט געקענט העלפֿן... וואָלט זי זיך מיט איר, מיט יענער, צו וועלכער ער גייט אַוועק, געזען, איר אויפֿגעקלערט, אַז זײַן האַרץ איז נישט פֿאַר איר... און אַז ער וועט לעבן איר אומגליקלעך זײַן... זי האָט עס נישט געטון, און איר גאַנץ לעבן וועט זי דאָס געוויסן צורו נישט לאָזן... זי איז בײַ אים געווען און אים גאָרנישט געהאָלפֿן...

שׂרהלע האָט זיך איבערגעוועקט און געקוקט אויף דער פֿאַר־טראַכטער חנהלען.

— נו, ווי פילסטו דיך, חנהלע? — האָט זי זי ווייך געפּרעגט.

חנהלע האָט אויף איר אירע גרויסע פייכטע אויגן אָנגעשטעלט און שוואַך געפּישטשעט:

— מיר וועט גאָרנישט זיין, מומעשי... נאָר ער דאָרט איז קראַנק, שווער קראַנק...

שרהלע האָט געמיינט, אַז חנהלע רעדט פון היץ, און זי האָט זי איבערן שטערן געגלעט:

— באַרויִק דיך, חנהלע — האָט זי געבעטן — באַרויִק דיך, ראָזנצווייג איז געזונט, און איך האָב אַ גרוס פאַר דיר פון אים.

חנהלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס די מומע קלערט וועגן איר און האָט זיך ביטער פאַרקרומט:

— איך ווייס וואָס איך רעד, מומעשי! ראָזנצווייג איז האָפענונגס־לאָז קראַנק, ער האָט שוין קיין האַרץ נישט... איך רעד נישט פון היץ! איך בין בײַ די קלאָרע געדאַנקען...

שרהלע האָט לאַנגזאַם דאָס בריוועלע אַרויסגעצויגן און, דערלאַנגענדיק עס חנהלען, געבעטן:

— רעג דיך נישט אויף, חנהלע, דאָס האָט געכטן לעאָנעק אַרויפגעבראַכט.

חנהלע האָט דאָס בריוועלע איבערגעלייענט, און איר פּנים האָט זיך מיט אַ רויטער פאַרב באַגאָסן. דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט... איז עס מעגלעך? ראָזנצווייג איז דאָ? און ער שרייבט איר, אַז ער וויל זיך מיט איר זען?

— וואָס איז הײַנט?

— דאָנערשטיק — זאָגט איר די מומע שרהלע — זונטיק איז זי פון וואַרשע אַרויס, מאָנטיק איז זי אין זאַקאָפּאַנע געווען. דרײַ טאָג, הייסט עס — דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק, פּונקט אויפן דריטן טאָג.

— און אצינד איז ער דען שוין צו מיר געקומען? ער איז פון יענער אנטלאפן, אבער האט ער אצינד הארץ פאר מיר?

שרהלע האט זי געוועקט:

— קלער נישט, חנהלע, צופיל, וועסט זען עס וועט אלץ גוט זיין, דו ביסט אזוי שוואך נאך און וועסט נישט קענען היינט גיין צו אים. איך וויל גיין! איך וועל אים צו דיר אהערברענגען, איך זאג דיר צו...

אבער חנהלע האט זיך לייכט אויפגעזעצט:

— ניין, מומעשי, איך וועל גיין! איך בין שוין געזונט. און האט גענומען די קליידלעך אויף זיך ארויפוואַרפן

— איך וועל מיך דערוויל אנטון און זיך איבערגיין א ביסל... אזוי וועט מיר שפעטער לייכטער זיין

ראָזנצווייג האט א נערוועזער פאר די לאַזשענקעס זיך גע-דרייט:

— וועט זי היינט אויך נישט קומען? נעכטן האט ער זיך דא צוויי שעה ארומגעדרייט און, א פארקלעמטער פון דעם אומ-געדולדיקן אומזיסטן ווארטן, אהיימגעגאנגען. און היינט? צי וועט זיין היינטיק ווארטן אויך זיין אומזיסט? לעאָנעקל האט דאך אים דערציילט, אז חנהלע איז דא און אז זי שלאפט די גאנצע צייט פון זינט זי איז געקומען. קען עס דען מעגלעך זיין, אז די זאל האבן אהיימגעפארן. לאזנדיק אים דא אויף זיך ווארטן און אים אפילו א ווארט נישט געקענט זאגן? זאל זי זיין שוין אויף אזוי ווייט מיט האס אנגעזאפט אויף אים, אז זי זאל אים שוין נישט זען אפילו? און שרהלע ווו איז? אויך זי געפינט נישט פאר נייטיק מיט אים א ווארט צו רעדן?..

ער איז עס ווערט! ווי שרעקלעך ער האָט קעגן חנהלען גע־האַנדלט! ווען זי איז געקומען צו אים אַ מידע און צעבראָכענע, האָט ער זי אַפילו אויף נאַכטלעגער ערגעץ נישט באַזאָרגט, נאָר גלייך זי אַהיימגעלאָזט הונגעריק און דאָרשטיק... ער האָט עס נישט געקענט! גאָט איז זיין עדות! אָבער ווי שרעקלעך!

און צוואָס האָט ער נאָך איר אַצינד געשריבן? וואָס וועט ער מיט איר רעדן? ער ווייסט נישט, נאָר ער מוז זי זען, איר קליין דין הענטעלע אין זיינער האַלטן, איר ווייך פישטשענדיק שטימעלע הערן און איר אין די גרויסע פייכטע אויגן קוקן...

און אפשר איז זי גאָר קראַנק? — האָט אים אַ געדאַנק אין מוח אויפגעלעבט — נאָר אָט גייט זי דאָרטן! גלייך און רויק, מיט געמאָסטענע טריט דערנענטערט זי זיך צו אים. אויף איר פנים איז גאָרנישט צו דערקענען, נאָר זי איז אָפּגעמאָגערט און בלאַס. זי דערלאַנגט אים איר קליין הענטל, אַ ציטער לויפט אים איבער די ביינער דורך... ער וויל דאָס קליינע הענטל צום מויל צודריקן, אַ הייסן קוש אָפּפרעסן, קען ער אָבער נישט...

זיי גייען שטילשווייגנדיק אין די לאַזשענקעס באַרג־אַראָפּ, שפּאַצירן אָן אַ וואָרט אויסצורעדן. חנהלע פילט זיך שוואַך, קוקט אויף אַ באַנק. ראָזנצווייג באַמערקט עס און פירט זי צו צו אַ באַנק אָן אַ זייט. זיי זעצן זיך ביידע. ראָזנצווייג ווייסט, אַז ער דאַרף עפּעס רעדן. ער האָט דאָך נאָך איר געשיקט און וואַרט אויף איר שוין צוויי טאָג. ער קוקט ערגעץ אָן אַ זייט און רעדט אַרויס ווי צו זיך:

— ביסט בייז, חנהלע?

חנהלע שטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן אָן.

— בייז?

זי קען עס גאָרנישט זיין אויף אים. ער פילט זיך אַזוי שלעכט. ער וויל איר אַלץ אַרויסגעבן, וואָס עס טוט זיך בא אים אינעווייי־

ניק, ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם אַלעמען, ווי געגאַרט ער האָט זיך... נאָר דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי שוואַך צו פאַרענטפערן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון... נישטאָ קיין פאַרענטפער אַפילו פאַר זיך אַליין.

ער וויל עפּעס האָבן צו איר: פאַרוואָס האָט זי אים די גאַנ־צע צייט אַזוי ווייניק אַרויסגעוויזן? אָבער דאָס ברענגט נאָר אַ פרישן כעס אויף זיך אַליין.

חנהלע קוקט אויף אים אויפמערקזאַם און פרעגט מיט שוואַך, ווייך קול:

— וואָס זיצט איר אַזוי טרויעריק, ראָזנצווייג?

ער כאַפּט זיך עפּעס זאָגן, נאָר עס גליטשט זיך פון זיין מויל אומווילנדיק אַרויס:

— איך האָב דיך שרעקלעך שלעכט באַהאַנדלט דאָרט, חנהלע, אַפילו מיט קיין נאַכט־לעגער נישט באַזאָרגט...

חנהלע שמייכלט:

— ס׳איז גוט געווען אַזוי... עס האָט באַדאַרפט אַזוי זיין, און איך וואָלט סיי־ווי־סיי נישט געווען געבליבן...

ער כאַפּט זיך:

און דאָס איז שוין אַלץ? דאָס איז שוין דאָס ערגסטע, וואָס ער איז געגען איר באַגאַנגען? אַנדערטהאַלבן יאָר האָט ער זי גע־פּייניקט, גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר, און ווי קען עס אַצינד צוריק גוט ווערן?

עס ווערט טונקל. די נאַכט פאַלט צו, און חנהלע זינגט זיך שטיל און פאַרחלומט, און איר ווייך ציטעריק קעלכל רייסט דאָס האַרץ:

עס טרעפט אויף — מיין טראַכטן ווערט איבערגעריסן
מיר ווען דורך אַ מיידל פול צויבער און שיינקייט,
זי גיט מיר איר חנעוודיק מויל צו באַגריסן

און שעפּטשעט מיר ווערטער פון ליבע און טרייקייט.

ראָזנצווייג וויל פאַר אירע פיס פאַלן און אויסשרייען: אי, בין דיר טריי, חנהלע, טריי! גלייב עס מיר, מיין קינד! — און דאָס ליד ציט זיך ווייטער אַזוי שטיל, אַזוי האַרציק:

אַז קיינמאָל פאַרגעסן מיך וועט זי נישט — קיינמאָל,
אין צייטן פון נויט און אין צייטן פון גליק,
אַז מיך נאָר וועט ליבן זי אייביק און איינמאָל,
און איך אַ באַרוישטער צום האַרצן זי דריק.

ראָזנצווייג בויגט זיך אָן, נעמט אירע ווייכע זיידענע האָר צווישן די פינגער און קושט זיי, און אין די אויערן קלינגט ווייטער דאָס זיסע געזאַנג:

אָ, רעד ווייטער גאָלדענע שייגהייט,
אָ, שפּין מיר אַ לעבנס-לעגענדע,
אָ, שווער, אַז דיין ליבע, דיין טרייהייט
וועט קיינמאָל נישט נעמען קיין ענדע.

— קיינמאָל נישט! — שעפּטשען זיינע ליפּן, קיינמאָל נישט, חנהלע! — און ער שווערט אין זיין האַרץ.

אַז אייביק וועסטו מיך געדענקען,
און אייביק און שטענדיק מיר טריי זיין,
נאָך מיר וועסטו גאַרן און בענקען —
כ'האָב ליב די לעגענדע ביז אויסגיין.

דער לאַזשנקעס-שומר האָט דורך אַ האָרן אָנגעזאָגט, אַז די צייט פון שליסן די טויערן איז געקומען. ראָזנצווייג מיט חנהלען האָבן זיך פון די ערטער אויפגעהויבן, ווי פון אַ לאַנגן, טיפן חלום דערוואַכט. דער וועג האָט זיי דורך די אַלעען אין דער מאַרשאַל-קאָווסקע געפירט.

אָן ווערטער זיינען זיי צו שרה'לעס טויער צוגעקומען. חנה'לע האָט אים די האַנט אויסגעצויגן. איין מאָמענט איז ראָזנצווייג געשטאַנען אומבאַוועגלעך:

— וואָס וועט ווייטער זיין? וועט ער זי אַצינד געזעגנען און גאָרנישט?.. ער האָט איר האַנט אָנגעכאַפּט און שטיל געבעטן:

— פיר מיך אַרויף, חנה'לע!

חנה'לע האָט אים שטילשווייגנדיק בײַ דער האַנט אַרויפגעפירט.

די טיר האָט זיי בײַלטשעלע געעפנט. בײַ ראָזנצווייגס פּלוצלינגן דערשײַנען, איז זי אַ מינוט פאַרלעגן שטיין געבליבן, אָבער פּלוצלינג איז זי אויף אים אַרויפגעפאַלן, אירע הענטלעך אַרום זיין האַלדז אַרומגעשלאָסן און געכליפּעט, האַלב לאַכנדיק:

— ביסט דאָ, גרובאַסיקל, מיין שיין גרובאַסיקל!..

ראָזנצווייג האָט אַ צעמישטער מיט די הענט זי אונטערגעהויבן און זי האָט אים אין די באַקן געפּאַטשט.

— מיין שיין גרובאסיקל, ביסט געקומען...

חנה'לע האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז אין צווייטן צימער אַריין.

אין צווייטן צימער איז שרה'לע בײַם אָפענעם פענסטער געזעסן און ערגעץ אין הימל געקוקט. ראָזנצווייג איז שטיל אַריין, איר די האַנט דערלאַנגט און זיך אויף דער אָטאָמאַנע לעבן חנה'לען געזעצט. אין צימער האָט זיך נאָר דאָס קלאַפּן פון די אויפגערעגטע הערצער געפילט... ראָזנצווייג האָט זיך אין דער פינסטער צו יעדן פיצעלע אין שטוב צוגעקוקט: ווי ליב דאָ איז אים יעדע קלייניקייט. ווידער זיצט ער אויף דער ליבער אַלטער אָטאָמאַנע, אויף וועלכער ער האָט זיינע זיסע פאַנטאַזיעס געשפּינען. אָט איז דער באַקאַנטער שפּיגל צווישןביידע פענסטער, די בילדלעך אויף די

וועגט. רעכטס דאַרף העגגען דער טיפּיש-פּויערישער קאָפּ מיט די אויסגעשטעקטע ציין. לינקס אַ יונג נאַיִוו דאָרפיש מיידל מיט אַ רויט טיכל אַרום דעם קאָפּ. און ווינקל דאָרט שרהלעס פּאָרטרעט פון מיידלחייז נאָך. חי גאָנט דאָס איז אים אַלץ, ווי ליב און טייער! און ער האָט דאָס אַל׳ געוואָלט פּאַרלאָזן, אויסטוישן אויף אַ רייכן סאַלאָן, אַ פרעמדן, אַ קאַלטן...

און לעבן פענסטער זיצט שרהלע שטיל, זי זינגט נישט אירע אַלטע לידעלעך מער... און לעבן אים דאָ פילט זיך חנהלעס אָטעם, זיין טרוים, זיין אידעאַל! זי איז דאָך אים נענטער און טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט! און דאָך ווי קומט מען צו דאָס פּיצעלע וועגס, וואָס שיידט אים אַציגד אָפּ פון איר... איין שפּאַן נאָר און דאָך, ווי ווייט עס איז אַציגד... — און דאָס אַלץ האָט ער אַליין געטון... קען עס נאָך גוט זיין? קען זיך עס אַמאָל פאַרגעסן! וועט זי, חנהלע, עס אים אַמאָל מוחל זיין?.. דער קאָפּ דרייט זיך — משוגע צו ווערן, עס וואָלט אַציגד גוט געווען זיך אַריינשטעקן די פינגער צווישן די האָר און רייסן, עס וואָלט לייכטער געוואָרן...

. . . .

חנהלע האָט זיין קאָפּ מיט אירע קליינע הענטלעך צו זיך געצויגן און ווייגענדיק זיין פּנים מיט הייסע קושן באַדעקט.

— זייט נישט טרויעריק — האָט זי מיט אַן אומעטיק קול געזאָגט און צערטלעך איר קעפּל אויף זיין ברוסט אַוועקגעלייגט — זייט נישט טרויעריק, ראָזנצווייג, איר וועט זען... עס וועט נאָך אַלץ גוט זיין.

— קוש מיך נישט, חנהלע... קוש מיך נישט, איך האָב דיר אַזוי פיל שלעכטס געטון... איך בין עס נישט ווערט... אַזוי פיל שלעכטס!.

מאַיעסטעטיש שיין, ווו ווייט דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן, ליגט גלאַטיק אויסגעגאָסן די שמאָלע בלויע ווייסל. די נאַכט האָט דעם לויטער-בלויען הימל צום וואַסער דערנענטערט. אָט באַהעפטן זיי זיך, הימל און וואַסער באַרירן זיך מיט די פליסטערנדיקע ליפן...
ערגעץ טיף אַראָפּ, דאָרט ווייט, ווו דער הימל האָט זיין ראַנד אין וואַסער שוין געוואַשן, טיקן זיך קליינע צאַפּלדיקע שטערנדלעך, ווערן פאַרפאַלן אויף אַ ווײַלע און פיקן זיך בליץ-שנעל שעמערירנדיק ווידער אויפן ראַנד אַרויס.

ווי איינגעוויגט און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פאַר-כישופט קומט אַ שיפל אָן, עס גליטשט זיך איינגעשלאָפן איבערן בלויען וואַסער-שפיגל און גייט ערגעץ ווייט אין שטילן וועג פון דער נאַכט אַוועק. און צונויפגעטוליעט איז דאָס פּאָרל, וואָס זיצט דערין. די נאַכט האָט זיי ווי אין איין חלום איינגעשפּינען און זייערע שטילע בליקן איבערן בלויען וואַסער-ליילעך פאַרבלאָנדזשעט.

— קען גליק אַזוי לאַנג געדויערן אויף דער ערד?.. שעפּטשעט חנהלע.

—אייביק, אייביק, מיין טייערע...

און דינע, זיידענע כוואַליע-פעדעם ציִען זיך פון קליינעם שיפל אַוועק, גייען ווייט דאָרט צו די שטילע ברעגן אַוועק, גיבן זיך אַ סודע, אַ מורמל, כאַפּן אַ קוש פון די ווייסע ברעג-שטיינדלעך און פאַלן צוריק איינגעשלאָפן אין בלויען וואַסער אַראָפּ...